STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00354

GESHIKHTE FUN YIDISHN FOLK

Raphael Mahler

Permanent preservation of this book was made possible by
Allen & Elaine Avner
in memory of
Isaac & Gertrude Zveitel

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר רפאל מאַהלער

געשיכטע פון יידישן פאָלק

נייעסטע צייט

ד״ר רפאל מאַהלער

געשיכטע פון יידישן פאָלק

נייעסטע צייט

פון סוף 18טן י״ה ביז צו דער

היינטיקער צייט

ערשטער באַנד

ד"ר רפאל מאַהלער

געשיכטע פון יידישן פאָלק

נייעסטע צייט

ערשטער באַנד

די תקופה פון דער אַמעריקאַנער און פראַנצויזישער רעוואָלוציע

צווייטער טייל

האָלאַנד, איטאַליע און שווייצאַריע

פאַרלאַג איקוף

Dr. Raphael Mahler

HISTORY OF THE JEWISH PEOPLE

Modern Times

Volume I

Part II

HOLLAND, ITALY AND SWITZERLAND

Copyright, 1957, by the
YIDDISHER KULTUR FARBAND (YKUF)

PRINTED IN THE U.S.A.

Published by

YIDDISHER KULTUR FARBAND
189 Second Ave., New York 3, N. Y.

209

צווייטער טייל

אינהאַלט

האָלאַנד

§27. יידן אין האָלאַנד ערב דער רעוואָלוציע פון 1795 — — — 347

§28. די באַטאַווישע רעפובליק און דער קאַמף פאַר עמאַנ־ציפּאַציע — — — — — — — — — — — — — 365

§29. די דעבאַטע אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג און די גלייכבאַ־רעכטיקונג פון יידן — — — — — — — — — — 378

§30. די „עדת ישורון" אין קאַמף קעגן דער אַלטער קהילה — — 389

§31. די מלוכה פון לודוויג באַפּאָלעאָן און דער סיסטעם פון יידישע קאָנסיסטאָריעס — — — — — — — — — — — — 398

איטאַליע

§32. אין דער תקופה פון געטאָ — — — — — — — — — — — — 417

§33. קהילה־לעבן, קולטור און דערציאונג — — — — — — — 432

§34. ערב דער איבערקערעניש — — — — — — — — — — — 439

§35. אין דער תקופה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — — 445

§36. אין דער תקופה פון באָפּאָלעאָן — — — — — — — — — 455

שווייצאַריע

§37. ערב דער איבערקערעניש און אין די יאָרן פון דער העל־וועטישער רעפובליק — — — — — — — — — — — — 465

הוספות

הוספות — — — — — — — — — — — — — — — — — — 479

ביבליאָגראַפיע

ביבליאָגראַפיע — — — — — — — — — — — — — — — — 495

זוכצעטל — — — — — — — — — — — — — — — — — 515

בילדער און פאַקסימיליעס

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער הילף
פון די פריינט
יוסף מאָרגענשטערן, אייזיק קעסלער
און אברהם בערניקער
ווי אויך מיט דער הילף פון
יאָסל שאַכנאָוויטש (לאָס־אַנדזשעלעס)

האָלאַנד

האָלאַנד

§27. יידן אין האָלאַנד ערב דער רעוואָלוציע פון 1795

אין האָלאַנד, דער קליינער, רייכסטער מלוכה אין דער וועלט אין דער אַנדערער העלפט פון 18טן י״ה, האָט דער יידישער ישוב, לויט דער פּראָפּאָרציע לגבי דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון לאַנד, איבערגע־שטיגן אַלע אַנדערע יידישע ישובים פון מערב־אייראָפּע; ער האָט אויך צווישן זיי נישט געהאַט צו זיך קיין גלייכן אין פּרט פון דער צאַפּלדיקייט און פילפאַרביקייט פון יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן. אַדאַנק דעם שטענדיקן צושטראָם פון יידן פון צענטראַל־און מזרח־אייראָפּע איז דאָס האָלענדישע יידנטום נישט פאַרגליווערט געוואָרן אין די לעבנס־פאָרמען פון דער אַלטער, אָפּגעלעבטער אָרטאָדאָקסיע, אַזוי ווי דער עלזאַס־לאָטאַרינגישער קיבוץ; אַדאַנק זיין פאַרוואָרצלטקייט און מאָסנהאַפטיקייט האָט אויך דאָס האָלענדישע יידנטום געהאַט די מעגלעכקייטן פון אַנט־וויקלען אַן אייגענע קולטורעלע שעפערישקייט, וואָס האָט געפעלט דעם אַנגעלאָפענעם יידישן אימיגראַנטישן עלעמענט אין ענגלאַנד. אין דער סביבה פון דער הויך־אַנטוויקלטער מערב־אייראָפּיאישער קולטור האָבן די ספרדישע יידן אין האָלאַנד, פּונקט ווי אין איטאַליע, געפונען די באַ־דינגונגען כדי צו דערהאַלטן און פאַרמערן זייער רייכע קולטור־ירושה פון מיטלאַלטערלעכן שפּאַניע, און ביי די דייטשע און פּויליש־ליטווישע יידן זיינען אויף דעם ניַיעם באָדן אויפגעקומען שפּראָצונגען פון וועלטלע־כער קולטור און לעבנשטייגער, וואָס זיינען געווען זעלטן אין זייער אַל־טער היים.

צום סוף פון 18טן י״ה האָט די צאָל יידן אין האָלאַנד, לויט אָפיציעלע שאַצונגען, באַטראָפן בערך 50,000 נפשות, און מער ווי 2 פּראָצענט לגבי דער גאַנצער באַפעלקערונג פון לאַנד. כמעט אַ העלפט פון דער דאָזיקער צאָל, קרוב 24,000, האָט באַוואוינט די מעטראָפּאָליע אַמסטערדאַם, דער־גרייכנדיק דאָרט מער ווי אַ צענטל פון דער שטאָט־באַפעלקערונג. מחוץ אַמסטערדאַם האָבן באַדייטנדיקע יידישע קהילות עקזיסטירט בלויז אין ראָטערדאַם (איבער 3,000 יידן אין י. 1810) און אין האאג (מער ווי 2,600 אין זעלבן יאָר). די איבעריקע צווי־פינפטל פון דער יידישער באַ־פעלקערונג זיינען געווען צעשפּרייט אין קליינע קהילות איבער אַלע 7 פּראָווינצן פון לאַנד. די ספרדישע יידן, אָדער די א. ג. פּאָרטוגעזן, די פּאָ־

נערן פון יידישן ישוב אין האָלאַנד אין אָנהייב פון 17טן י״ה, האָבן צום סוף פון 18טן י״ה נאָר אין אַמסטערדאַם און אין האַאַג נאָך באַטראָפן אַ צענטל פון דער צאָל יידן אין שטאַט, בעת אין דער פּראָווינץ האָבן זיי צו יענער צייט געציילט בלויז ווינציקע צעזייטע גרופּעס.

די עקאָנאָמישע אַקטיוויטעטן און די עקאָנאָמישע ראָלע פון יידן איז אין האָלאַנד פּונקט ווי אין גאַנץ אייראָפּע אין יענער צייט, געווען באַ־שטימט סיי דירעקט דורך דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד, סיי דורך דער רעכטלעכער לאַגע, וואָס איז אַרויסגעדרונגען פון הערשנדיקן סאָציאַל־פּאָליטישן סיסטעם.

צום סוף פון 18טן י״ה האָט האָלאַנד שוין לאַנג נישט פאַרנומען די פּאָזיציע אין וועלט־האַנדל, וואָס האָט זי אין 17טן י״ה געהאַט אַרויסגע־רוקט ווי די גרעסטע האַנדלס־מאַכט פון דער וועלט. די נייע וועלט־האַפנס לאָנדאָן און האַמבורג האָבן שוין אַרויסגעשטופּט אַמסטערדאַם פון אַ ריי האַנדלס־צווייגן און האַנדלס־וועגן און די ענגלישע הערשאַפט אין אינדיע האָט שטאַרק גורם געווען צו דער ירידה פון דער האָלענדישער מזרח־אינדישער קאָמפּאַניע; פּונקט אַזוי האָט שוועדן און דענעמאַרק אויפן צפון־ים און פראַנקרייך אויפן מיטללענדישן ים קאָנקורירט אַלץ שטאַרקער מיטן האָלענדישן שיף־פּאַרקער.

נישט געקוקט אויף די וואַקסנדיקע סימנים פון ירידה, איז האָלאַנד צו דער דאָזיקער צייט נאָך אַלץ געווען דאָס רייכסטע לאַנד אין פּראָפּאָר־ציע צו דער באַפעלקערונג. איר נאַציאָנאַל פאַרמעגן האָט אין י. 1795 באַטראָפן דריי מיליאַרד גילדן אויף אַ באַפעלקערונג פון צוויי מיליאָן. אַמסטערדאַם האָט נאָך אַלץ געהאַט אַ שיף־פּאַרקער צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי לאָנדאָן און פאַרזאָרגט גאַנץ אייראָפּע מיט געווירצן, בשמים, טיי, קאַווע און אַנדערע קאָלאָניאַל־סחורות. האָלאַנד האָט נאָך אַלץ פאַרבונדן דורך איר האַנדל דעם צפון און דרום פון אייראָפּע און דעם מזרח מיטן מערב. פּונקט ווי די סחורה־און אַקציעס־בערזע אין אַמסטערדאַם איז גע־ווען די פאַרמיטלערין פון וועלט־האַנדל, אַזוי איז די דאָרטיקע געלט־בערזע געווען דער צענטער פון אייראָפּיאישן קרעדיט סיי פאַר פּריוואַטע בענק, סיי פאַר מלוכה־הלוואות.

דער אַנטייל פון יידישן קאַפּיטאַל אין האַנדל און באַנקוועזן אין האָ־לאַנד איז אין דער דאָזיקער תקופה געווען זייער אָנזעעוודיק. די ספרדישע יידן צייכענען זיך אויס באַזונדער אויפן געביט פון קאָלאָניאַל־האַנדל און אַקציעס־ספּעקולאַציע. אין דער מזרח־אינדישער קאָמפּאַניע באַטרעפן יידן אין 18טן י״ה בערך אַ פערטל פון אַלע אַקציע־באַזיצער, הגם זייערע אײַנ־וועסטירטע קאַפּיטאַלן זיינען אין דורכשניט געווען אַ סך קלענער, ווי פון

די איבעריקע אַקציאָנערן. באַדייטנדיק איז אויך געווען דער אָנטייל פון יידן אין דער וועסט־אינדיע קאָמפאַניע, וואו די ספרדישע יידן האָבן אויסגעניצט זייערע פאַרבינדונגען מיט דזשאַמייקאַ, באַרבאַדוס, סורינאַם און בראַזיליע. צוליב די זעלבע טראַדיציאָנעלע האַנדלס־באַציאונגען האָבן די ספרדישע יידן אין אַמסטערדאַם באַהערשט אַ גרויסן טייל פון האַנדל מיט די דרום־אייראָפייאישע לענדער, שפאַניע, פאָרטוגאַל, איטאַליע און טערקיי, מיט צפון־אַפריקע און מיטן נאָענטן מזרח (לעוואַנטינישער האַנדל). אין דער אינדוסטריע, באַזונדער אין די צווייגן פון זייד־טאַבאַק־און צוקער־פראָדוקציע, וואו ספרדישע יידן האָבן אין 17טן י״ה געשפילט אַ פיאָנעריש ראָלע, איז אין 18טן י״ה זייער באַטייליקונג שוין געווען גאָר אַ קליינע, אי צוליב דער אַלגעמיינער אָפשוואַכונג פון דער אינדוסטריע־אַנטוויקלונג און גלייכצייטיקן אויפבלי פון באַנק־און האַנדלס־געשעפטן, אי צוליב באַגרענעצונגען מצד גילדיעס (זייד־אינדוסטריע). דערפאַר איז אָבער באַדייטנדיק אויסגעוואָקסן דער אָנטייל פון יידן אין האַנדל מיט טאַבאַק אויך מחוץ אַמסטערדאַם (אַמערספאָרט), און אין דער דימאַנטן־בראַנזשע האָבן הונדערטער יידישע משפחות געלעבט פון האַנדל מיט די טייערע שטיינער און די אינדוסטריע פון דימאַנטן־שלייפעריי האָט באַשעפטיקט אַ גרעסערע צאָל יידן, נישט געקוקט אויף צייטווייליקע פאַרבאָטן מצד דער שטאָט־רעגירונג.

בעת די ספרדישע רייכע יידן, די איינציקלעך פון די יידישע סוחרים פון פאָרטוגאַל, זיינען געווען בעיקר פאַרנומען מיט סחורה־האַנדל און אַקציעס־האַנדל, האָבן די פאַרמעגלעכע אשכנזישע יידן אין אַמסטערדאַם, אַדאַנק זייערע טראַדיציעס פון קרעדיט־געשעפטן, זיך על פי רוב באַשעפטיקט מיט געלט־האַנדל און וועקסלען־האַנדל. הגם די ספרדישע יידן זיינען נאָך אַלץ געווען בדרך כלל אומפאַרגלייכלעך פאַרמעגלעכער ווי די אשכנזישע יידן — אין י. 1742 איז אויסגעקומען אויף ספרדישע יידן אין פראָפאָרציע לכל הפחות 20 מאָל אַזוי פיל גבירים ווי ביי אשכנזישע יידן — געפינען מיר אין 18טן י״ה אויך ביי אשכנזישע יידן גרויסע באַנקירן, ווי, למשל, די פאַמיליע בועז אין האַאַג (פון פוילישער אָפשטאַמונג), וואָס איז געווען פאַרבונדן געשעפטלעך און פינאַנציעל מיט דער פאַמיליע און פירמע פון „פירשט פון דער יידן־גאַס‟ אין פראַנקפורט, קאָן. די יידישע באַנקירן זיינען געווען שטאַרק באַטייליקט אין האָלענדישע און אויסלענדישע מלוכה־הלוואות, באַזונדער אין ענגלישע „פאָנדס‟־אינוועסטיציעס.

די גרויסע סוחרים, באַנקירן, בערזע־ספעקולאַנטן און אָפיציעלע בערזע־מעקלערס האָבן צוזאַמענגעשטעלט אין סך־הכל אַ דינעם אויבערשיכט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין האָלאַנד. בלויז די דאָזיקע

פּלוטאָקראַטישע עליטע האָט געגאָסן פֿון פֿולער עקאָנאָמישער פֿרייהייט און פֿון געזעלשאַפֿטלעכן פּרעסטיזש. די גרויסע מאַסע פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג איז ביז צו דער רעוואָלוציע געווען אַזוי שטאַרק אַרומגעצוימט מיט רעכטלעכע גזירות, אַז פֿאַר איר זיינען געבליבן בלויז באַגרענעצטע צווייגן פֿון חיונה. די רעכטלעכע לאַגע פֿון די יידן אין האָלאַנד איז טאַקע לחלוטין געווען בעסער ווי אין אַנדערע לענדער אויפֿן אייראָפּייאישן קאָנטינענט דורכדעם, וואָס זיי האָבן נישט געטראָגן קיין לאַסטן פֿון באַזונדערע יידישע שטייערן און נישט געווען געצוואונגען צו וואוינען אין געטאָס, געבליבן זיינען אָבער שווערע באַגרענעצונגען אויפֿן עקאָנאָמישן געביט. אפֿילו דאָס רעכט צו באַזעצן זיך אין גאַנצן לאַנד איז נישט געווען אָן באַוואָרענישן: געווען שטעט, וואו יידן איז בכלל נישט געווען דערלויבט צו וואוינען, אָדער בלויז אין באַשטימטע קוואַרטאַלן פֿון דער שטאָט, און נאָך מער אַזעלכע, וואו דאָס וואוין־רעכט איז געגעבן געוואָרן בלויז אַ באַשטימטער צאָל יידישע פֿאַמיליעס, לויט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פֿון שטאָט־ראַט און פֿאַר אַ באַשטימטן אָפּצאָל, וואָס איז געווען פֿאָראויסגעזען פֿאַר אַלע נייע שטאָט־בירגער. צו קיין שום אַמטן זיינען יידן לחלוטין נישט צוגעלאָזט געוואָרן, זיי האָבן נישט געטאָרט זיין קיין אַדוואָקאַטן און אפֿילו יידישע כירורגן פֿלעגן אָפֿט נישט טאָרן באַהאַנדלען קריסטלעכע פּאַציענטן. אין קיין שולן, אַחוץ די פֿאַקולטעטן פֿון מעדיצין אויף די אוניווערסיטעטן האָט מען קיין יידישע קינדער נישט אַריינגענומען.

אַמשווערסטן האָבן געטראָפֿן די יידישע באַפֿעלקערונג די גזירות בנוגע האַנדל און מלאכה. אין די פּראָווינץ־שטעט, וואו יידן האָבן שוין יאָ געהאַט דאָס „קליינע" (באַגרענעצטע) בירגער־רעכט, זיינען זיי געווען אויסגעשלאָסן פֿון אַלע גילדיעס, אַחוץ דער קרעמער־גילדיע, וואָס האָט זיי באַרעכטיקט צו האַלטן אַן אָפֿענע קראָם. אויך די דאָזיקע באַרעכטיקונג איז געווען באַוואָרנט אין די מערסטע פֿאַלן דורך דעם פֿאַרבאָט צו האַנדלען מיט אַ ריי אַרטיקלען, ווי וויין און אַנדערע משקאות (אין דער גאַנצער פּראָווינץ האָלאַנד), מילך, ברויט, נייע קליידער א. אַ. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז בלויז דער פּריווילעגירטער יידישער מיטלקלאַס אין די פּראָווינץ־שטעט האָט פֿאַרמאָגט אָפֿענע געוועלבער, דאָס רוב מיט שניט־סחורה, טיילוויז אויך מיט בשמים און קאָלאָניאַל־סחורות און קצבים־יאַטקעס; די איבעריקע יידן אין די שטעט און דערפֿער האָבן פּונקט ווי אין עלזאַס־לאָטאַרינגיע און אין דייטשלאַנד געצויגן חיונה פֿון הענדלעריי: זיי פֿלעגן אויפֿקויפֿן ביי פּויערן בהמות, לעדער, פֿעל, היי, האָבער און אַנדערע פּראָדוקטן און פֿאַרקויפֿן זיי שטאָפֿן, קליידער, און אויך אַ ספּעציפֿישן אַרטיקל אין לאַנד: לאָטעריע־צעטלען. גאַנץ שטאַרק פֿאַר־

שפּרייט זייַנען אויך געווען אין דער האָלענדישער פּראָווינץ די טראַדי־ציאָנעלע נעבעכדיקע פּרנסות פון ייִדן אין דעמאָלטדיקן מערב־אייראָפּע, גאַסן־פּעדלערייַ און אַלטוואַרג־האַנדל. אויף די דאָזיקע אויסגעוואָרצלטע עלעמענטן פון ייִדישער אָרעמקייט פלעגן זיך שיטן גזירות מצד די שטאָט־ראַטן און פּראָווינץ־שטאַנדן און מען פלעגט זיי אָפּט אַרייַננעמען אין איין קאַטעגאָריע מיט וואַנדערנדיקע ייִדישע בעטלער און וואַגאַבאָנדן, וועלכע זייַנען געטריבן געוואָרן פון שטאָט צו שטאָט, אָדער פאַרטריבן געוואָרן פון לאַנד אונטער דער שטראָף פון שמייַץ און בראַנד־סטעמפּלונג.

נאָך שווערער ווי אין די פּראָווינץ־שטעט זייַנען געווען די באַגרענע־צונגען פון די ייִדישע פּרנסות אין דער שטאָט אַמסטערדאַם. נאָך אין יאָר 1632 האָט דער בירגערמייסטער פון אַמסטערדאַם פאַרעפנטלעכט אַ רע־זאָלוציע, אַז אפילו די ייִדן, וואָס ווערן אויפגענומען אַלס שטאָט־בירגער („פּאָאָרטערס״) — אַ טיטול, פאַר וועלכן מען האָט באַדאַרפט באַצאָלן אַ טאַקסע — זייַנען נישט באַרעכטיקט זיך צו פאַרנעמען מיט קיין „בירגער־לעכער פּרנסה״. לויט די שטאָטישע סטאַטוטן האָבן ייִדן אַחוץ גרויס האַנדל זיך געמעגט באַשעפטיקן בעיקר מיט באַרופן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט רעליגיע און כשרות: זיי האָבן געמעגט דרוקן און פאַרקויפן רע־ליגיעזע ספרים; שעכטן בהמות און עופות, פאַרקויפן פלייש, און האַלטן בשמים־געוועלבלעך. אַחוץ דעם איז ייִדן אין אַמסטערדאַם געווען דער־לויבט צו האַלטן אַפּטייקן און צו פּעדלען אויף דער גאַס מיט אַלטע קליידער. אָפיציעל באַשטעטיקטע בערזע־מעקלער האָבן ייִדן אין אַמסטערדאַם גע־מעגט האָבן 50, לויט אַ באַשטימונג פון י. 1780 (אין אַמסטערדאַם זייַנען ייִדן בכלל צו דעם דאָזיקן באַרוף נישט צוגעלאָזן געוואָרן).

אַזוי האָט דער הערשנדיקער פּאַטריציאַט אין אַמסטערדאַם אויפן חשבון פון ייִדן נישט נאָר נאָכגעגעבן, ווי אין די אַנדערע שטעט, אַלע פאָדערונ־גען פון די האַנטווערקער־גילדיעס, נאָר האָט אויך געשאַפן אַ מאָנאָפּאָל פאַר די מיטלע סוחרים און קרעמער פון דער הערשנדיקער קאַלוויניס־טישער רעליגיע. הגם אויך די קאַטאָליקן זייַנען ביי דעם דאָזיקן מאָנאָ־פּאָל־סיסטעם נישט געווען באַרעכטיקט צו באַקליידן מלוכה־און שטאָט־אַמטן און צו זיין מיטגלידער פון די פאַרוואַלטונגען פון די גילדיעס און פלעגן אָפּט ווערן אויסגעשלאָסן פון גילדיעס בכלל, זייַנען די באַגרענעצונגען קעגן זיי דאָך נישט געווען אַזוי שטרענג אַדורכגע־פירט און זיי האָבן נישט געטראָגן אַזאַ כאַראַקטער פון באַליידיקונג ווי די גזירות קעגן ייִדן. אין אַמסטערדאַם פלעגט דער שטאָט־באַאַמטער פאַר ציווילע חתונות אויסרופן צוערשט אַלע קריסטלעכע פּאָרלעך לויט דער ריי און צום סוף פאַרלאַדן די ייִדישע פּאָרפעלקער, וואָס האָבן, אגב, אויך באַדאַרפט באַצאָלן אַ העכערע טאַקסע. דער אומשטאַנד, וואָס ייִדן אין

האָלאַנד זיינען לויטן געזעץ געווען באַטראַכט פאַר אונטערטאַנען פון דער מלוכה און האָבן פאַרמאָגט אומגעשטערטע רעליגיעזע פרייהייט, האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן די רעכטלאָזיקייט פון דער יידישער מאַסע אויפן עקאָנאָמישן געביט; די פּריווילעגירטע רעכטלעכע און געזעלשאַפטלעכע שטעלונג פון די יידישע קאַפּיטאַליסטן אין הויך־אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליס־טישן לאַנד האָט נאָך בולטער געמאַכט די שרייענדיקע עוולה לגבי די מענטשן פון פאָלק, פאַר וועמען מען האָט פאַרמאַכט כמעט אַלע וועגן פון פאַרדינען אויף חיונה. טרעפלעך האָט די דאָזיקע לאַגע כאַראַקטעריזירט דער קעמפער פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג קאַרל אַססער אין אַן אַנאָ־נימען „זייער אינטערעסאַנטן בריוו פון אַ יידישן בירגער״, אַרויסגעגעבן נאָכן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין האָלאַנד אין יאָר 1795: „מען האָט זיי (די יידן) דערלויבט צו זינגען תהלים . . . און . . . שטאַרבן פאַר הונגער!״ . . .

דער פּראָפּעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל, אפילו פון דעם פאַרמעגלעכן קלאַס גופא צווישן יידן אין אַמסטערדאַם, וויזט אויף זייער אומנאָרמאַלער סטרוקטור און אָפּגעריסנקייט פון דער פּראָדוקציע. לויט אַ רשימה פון י. 1743 זיינען צווישן בערך 13 טויזנט יידן אין אַמסטערדאַם, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט אַרום 2,600 פאַמיליעס, געווען נישט מער ווי 552, אָדער אַ פינפטל פון אַלע פאַמיליעס, וואָס זייער יערלעכע הכנסה האָט באַטראָפן אַ מינימום פון 800 גילדן. פון דער דאָזיקער פאַרמעגלעכער גרופּע איז בערך אַ פינפטל (110 משפחות) פאַרצייכנט ווי אַזעלכע, וואָס האָבן גע־לעבט פון זייער קאַפּיטאַל, אַ פערטל (136) זיינען געווען סוחרים, בערך פּונקט אַזוי פיל מעקלערס (127, דערפון בלויז 20 אָפיציעל באַרעכטיקטע), 40 געלט־וועקסלער, 5 באַנקירן, 37 קרעמער, 23 יוּוועלירן; בעלי־מלאכות און אַרבעטער זיינען געווען געציילטע: 7 דיאַמאַנטן־שלייפער, 10 ביר־ברייער, 2 קצבים, 1 וואַל־וואַשער, 2 פּאַרוקן־מאַכער א. אַ. פון פרייע באַ־רופן זיינען אויסגערעכנט אין דער זעלבער גרופּע 12 דאָקטוירים, 5 כי־רורגן, 5 אַפּטייקער, 3 לערער, 6 חזנים און 1 שוחט. אויב די קליינע צאָל בעלי־מלאכות קאָן מען טיילוויז דערקלערן דערמיט, וואָס בעלי־מלאכות געהערן בכלל צום ווינציקער פאַרמעגלעכן קלאַס, איז די פאַרהעלטעניש־מעסיק גאָר קליינע צאָל געוועלבער אייגנטימער (37, דערפון 6 באַזיצער פון ווייַנקעלער) לגבי דער צאָל קאַפּיטאַליסטן, סוחרים און מעקלערס בפירוש אַ רעזולטאַט פון די גזירות קעגן האַלטן אָפענע געוועלבער.

צום סוף 18טן י״ה האָט זיך שוין געפונען אין אַמסטערדאַם, נישט געקוקט אויף דעם פאַרבאָט, אַ גרעסערע צאָל יידישע בעלי־מלאכות; נישט נאָר האָבן יידישע שניידער זיך פאַרנומען מיט זייער מלאכה אונטערן אויסרייד פון פאַרריכטן אַלטע קליידער צום פאַרקויפן, נאָר עס האָבן אויך

אומלעגאַל געאַרבעט ייִדישע שוסטער, זאָטלער, זייגערמאַכער און אַפֿילו שמידן. דער רובֿ פֿון דער ייִדישער מאַסע אין אַמסטערדאַם איז געווען אָנגעוויזן אויף כּלערליי לופֿט־פּרנסות און געלעבט פֿון האַנט צום מויל: די פֿאַרשפּרייטסטע פּרנסה פֿון דער ייִדישער אָרעמקייט אין אַמסטערדאַם איז געווען פּעדלעריי און גאַסן־האַנדל. אין דעם קוואַרטאַל פֿון פּוילישע ייִדן אין אַמסטערדאַם, וואָס איז געווען אַ שם דבֿר פֿון אויסטערלישן דלות, זײַנען געווען אויסגעשטעלט שטעלעכלעך און בײַדלעך מיט פֿיש, הערינג, כּלערליי עסנוואַרג און געקעכטס און זויערע אוגערקעס, פֿלעגט מען אויסרופֿן „לעקער זויער (געשמאַק זויער) — צוויי דײַט * צום עסן און איין דײַט צום לעקן"... די פֿילפֿאַרביקייט פֿון דעם בילד פֿון אָרעמען ייִדישן קוואַרטאַל האָבן דערגאַנצט ייִדישע מוזיקאַנטן, שוואַרצקינצלער, קאָמעדיאַנטן און טרעגער. ייִדישע שטיוול־פּוצער זײַנען אין אַמסטערדאַם געשטאַנען מיט זייערע פּיסן־בענקלעך און באַרשטלעך אויף אַלע עקן פֿון די גאַסן, אויף אַלע פּלעצער און בײַ אַלע בריקן — לויט ווי עס ווערט דערציילט אין אַ רייזע־באַשרײַבונג פֿון אָנהייב 19טן י"ה. זיי פֿלעגן זיך באַגנוגענען מיט 2 דײַט פֿאַר אַ פּאָר שיך אָפּפּוצן... די גרעסטע צאָל צווישן דער דאָזיקער ייִדישער אָרעמקייט אין אַמסטערדאַם האָבן באַטראָפֿן די טרעגערס Kruier און זיי זײַנען אויך געווען אַ שם־דבֿר אין אייראָפּע. לויט אַ נסיעה־באַריכט פֿון סוף 18טן י"ה, האָבן זיי „איבערגעשטיגן אין גבֿורה כּמעט אַלע קריסטלעכע אַרבעטער, פּונקט ווי זיי זײַנען אויך די מוטיקסטע און פֿלינקסטע אין פֿעכטן אויף מעסערס, לויטן מנהג פֿון לאַנד". לויט דעם זעלבן עדות פֿלעגן ייִדן אויך צום מערסטן זיך אויסצייכענען צווישן אָרטיקע פֿישערלײַט „אין ווינטערצײַט, ווען קיינער וואַגט נישט זיך אַרויסצולאָזן אויפֿן וואַקלדיקן אײַז, זײַנען ייִדן די געוואַגטסטע פֿישערס, וואָס גליטשן זיך אַדורך דרייסט און געשיקט אויף די אײַז־קריעס איבערן וואַסער און טונקען זיך אונטער אונטערן וואַסער" (צײַטשריפֿט „האַמבורג אונד אַלטאָנאַ 1805, בד' III).

צום באַוואונדערן איז אויך דער חוש פֿאַר זעלבסט־הילף און דער אָרגאַניזאַציע טאַלענט פֿון דער ייִדישער אַרבעטנדיקער מאַסע. עס זײַנען געווען אָרגאַניזירט חבֿרות פֿון קעגנזײַטיקער הילף, פֿון וועלכע עס האָבן זיך דערהאַלטן די תּקנות פֿון דער חבֿרה מאַרק־פּאָרערס די א. ג. רייז־חבֿרה" און פֿיש־פֿאַרקויפֿער אונטערן נאָמען „מזל־דגים". די פֿיש־פֿאַרקויפֿער און די שיפֿער, וואָס פֿלעגן פֿאָרן מיט די קאַנאַלן צום ים, כּדי צו ברענגען די פֿיש אויפֿן מאַרק, האָבן צום סוף פֿון 18טן

* אַ דײַט איז ווערט געווען אַן אַכטל סטייווער און אַ סטייווער איז געווען אַ צוואַנציקסטל פֿון אַ גולדן.

י״ה געגרינדעט אַ קאָאָפּעראַטיוו, וואו אַלע רווחים זיינען צעטיילט געוואָרן גלייך אויף גלייך צווישן די חברה־מיטגלידער און אַחוץ דעם געהאַט אַ קאַסע פון קראַנקן־און עלטער־פאַרזיכערונג.

אין זייער אויסטערלישן דלות זענען יידן אין אַמסטערדאַם געווען גרייט זיך צו נעמען אפילו צו נייע באַרופן, וואָס זיינען געווען איינגאַנצן פרעמד דער יידישער עקאָנאָמישער טראַדיציע און דעם יידישן לעבן־שטייגער. אין 1782, בעת דער מלחמה מיט ענגלאַנד, האָט די מזרח־אינדישע קאָמפּאַניע מסכים געווען אַנצונעמען יידן אַלס מאַטראָסן. לויט אַ ספּעציעלן אָפּמאַך פון די פאָרשטייער פון דער אשכנזישער קהילה מיט דעם פאָרשטייער פון דער האַנדלס־קאָמפּאַניע, זיינען די יידישע מאַטראָסן גאַראַנטירט געווען אַלע מעגלעכקייטן אָפּצוהיטן די דינים, כשרות, שבת און יום־טוב, דאַווענען (אַ האַלבע שעה פריי נאָך זון־אויפגאַנג און אויך פאַר זון־אונטערגאַנג) און אַריינגענומען אפילו אַזאַ פּרט ווי פאַרבאָט צו גאָלן זיך מיט אַ ראַזיר־מעסער. די פאַרהייראַטע מאַטראָסן האָבן אויך באַדאַרפט איבערלאָזן אַ גט זייערע פרויען.

די צערעמאָניעס פון זעגענען זיך מיט מאַטראָסן פאַר זייער אָפּפאָרן אויף די באַוואָפנטע האַנדלס־שיפן קיין סורינאַם איז באַשריבן געוואָרן אין אַמסטערדאַמער פרעסע: דער רב פון דער אשכנזישער קהילה ר׳ שאול לוי האָט אָנגעזאָגט די מאַטראָסן צו היטן כשרות און שבת און האָט זיי געבענטשט, אַרויפלייגנדיק די האַנט אויפן קאָפּ פון יעדן איינעם פון זיי. אַ ענלעכע צערעמאָניע איז פאָרגעקומען מיט 7 יאָר שפּעטער אין פּראָג, ווען דער דאָרטיקער רב ר׳ יחזקאל לאַנדוי, דער מחבר פון „נודע ביהודה״, האָט זיך געזעגנט מיט די יידישע סאָלדאַטן, וואָס זיינען צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון בעהמען געגאַנגען דינען דעם קיסר, יאָזעף דעם 2טן. דאָס האָט די אַלטע וועלט פון טראַדיציאָנעלער אָרטאָדאָקסישער יידישקייט זיך געזעגנט מיטן פאָלק ערב דעם איבערברוך, וואָס איז געווען אָנגעברייט אַרויסצופירן יידן אויף נייע וועגן פון פּאָליטישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג.

די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קריזיסן אין לעצטן דריטל פון 18טן י״ה האָבן ווייטער אונטערגעגראָבן די עקאָנאָמישע פּאָזיציע פון האָלאַנד. דער קריזיס אין י. 1772־1773 אין שייכות מיט דעם באַנקראָט פון דער ענגלישער מזרח־אינדישער קאָמפּאַניע, וואו האָלאַנד האָט געהאַט אינוועסטירט גרויסע קאַפּיטאַלן (בערך 40 מיליאָן גילדן), האָט אויף לאַנג צערודערט דעם האָלענדישן געלט־מאַרק. די מלחמה פון האָלאַנד־ענגלאַנד אין 1780־1784 אין שייכות מיט דעם קאַמף פון צפון־אַמעריקע פאַר אומאָפּהענגיקייט, האָט ווייטער אָפּגעשוואַכט די פּאָזיציע פון האָלאַנד אין האַנדל מיט די מערב־אינדיעס. די יידישע באַפעלקערונג איז צוליב איר

ספּעציפישער עקאָנאָמישער סטרוקטור אַ סך שטאַרקער געטראָפן געוואָרן פון די דאָזיקע דערשיטערונגען איידער די באַפעלקערונג פון לאַנד בכלל. אַ טייל יידן, וואָס האָבן פאַרלוירן זייערע פאַרמעגנס האָבן אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן, אַנדערע קיין צפון־אַמעריקע און קיין סורינאַם (האָלענדיש־גוויאַנא). די אומפאַרמעגלעכע יידן האָבן אפילו די דאָזיקע ברירה ניט געהאַט, ווייל די מערב־אינדישע קאָמפּאַניע האָט זיי נישט געגעבן קיין פּעסער. אויך דער אַפּפלוס פון אַ טייל יידן פון אַמסטערדאַם אין דער פּראָווינץ איז געווען פאַרשווערט צוליב די שטערונגען מצד די אָרטיקע שטאָט־ראַטן. דאָס עלנט פון די יידישע מאַסן אין אַמסטערדאַם האָט אָנגענומען אַזאַ מוראדיקן פאַרנעם, אַז אפילו די האָלענדישע געזעלשאַפטלעכע און מאַכט־פאַקטאָרן האָבן זיך דעצידירט אויף זשעסטן פון פילאַנטראָפּיע: אין ווינטער 1773־1774, ווען דער שווערער עקאָנאָמישער קריזיס איז צונויפגעפאַלן מיט אויסטערלישע פרעסט, האָבן קריסטלעכע יחידים און אַ קריסטלעכע פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפט צוגעטיילט אַ פּאָר טויזנט גילדן שטיצע פאַר יידישע אָרעמעלייט און די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט באַשטימט פאַר דעם צוועק סך־הכל 8,500 גילדן מיט אַ בפירושן תנאי, אַז אַ טייל זאָל פאַרווענדט ווערן אויף מלבושים פאַר יידן, וואָס גייען אַרום אין שמאַטעס. דער קריזיס פון י. 1784 האָט אַריינגעוואָרפן אויך די ספּרדישע קהילה אין אַמסטערדאַם אין אַ צושטאַנד פון דלות, און דער פּרינץ־שטאַטהאַלטער האָט מנדב געווען פאַר די אָרעמעלייט פון דער קהילה 18 טויזנט גילדן, אַזוי פיל, וויפל עס האָט באַטראָפן זיין געהאַלט אַלס דירעקטאָר פון דער מזרח־אינדישער קאָמפּאַניע. לויט אַ שאַצונג פון יענער תקופה — אויפן יסוד פון מאַטעריאַלן פון י. 1799 — האָט אָבער די גרויסע אשכנזישע קהילה אין אַמסטערדאַם, אין פּראָפּאָרציע, פאַרמאָגט מער ווי אַנדערהאַלבן מאָל אַזוי פיל אָרעמעלייט ווי די ספּרדישע יידן.

אין אַ קלאָג־ליד אויף דעם שווערן ווינטער פון דערמאָנטן קריזיס־יאָר 1784 דערציילט דער מחבר, זלמן בול, אַז די מאַכט האָט דערלויבט אַדורכצופירן אַ זאַמלונג פון הויז צו הויז אין דער גאַנצער שטאָט פאַר דער הונגערנדיקער און פרירנדיקער יידישער באַפעלקערונג:

„צדקות זיינן פון אינס נמולים אן בר ישראלים אין דיזע צייטן
אויך פיל וואָרין געבן
אן ממון מלבושים וגם דבר אכילה אום צו לעבן
השררה יר״ה האבין אין גאנצין מקום מבית לבית איין קולעקטין
לאָזין מאַכין
וואו פון זיא אן קהל איין סך ממון האָבן געגעבן פיר עניים ואביונים
צו ברויכן אין אַלי זאַכן.“

אין די דאָזיקע קריזיס־יאָרן האָט מער ווי אַ העלפט פון דער יידי־שער באַפעלקערונג אין אַמסטערדאַם געמוזט אָנקומען צו שטיצע: אין י. 1780 האָט מען פאַרטיילט אין שטאָט מצה אויף פסח 3,540 משפחות.

דער רוב מנין ובנין פון די יידישע מאָסן אין האָלאַנד, וואָס האָט זיך שווער געראַנגלט פאַר דער טאָג־טעגלעכער חיונה, אָדער געשמאַכט אין אויסטערלישן דחקות, האָט אין די קהילות ניט געהאַט קיין שום רע־פּרעזענטאַנץ. דער מאַכט־סיסטעם אין די קהילות איז געווען אויפגעבויט אויף די זעלבע יסודות פון פּלוטאָקראַטיע און אָליגאַרכיע, ווי די פאַרוואַל־טונג פון די שטעט אין פּרי־קאַפּיטאַליסטישן האָלאַנד. אין אַמסטערדאַם זייַנען אָן דער שפּיץ פון דער אשכנזישער קהילה געשטאַנען זיבן פּרנסים. יעדעס יאָר פלעגן אָבער פאַרקומען וואַלן בלויז פון 3־4 פּרנסים, ווייל יעדער פּרנס האָט אַמטירט צוויי יאָר (אויך די בירגערמייסטער פון אַמ־סטערדאַם פלעגט מען אויסוויילן דורך אַ ראַט פון 36, דריי יעדעס יאָר און אַ פערטער איז געבליבן אין אַמט אויפן צווייטן יאָר). די פּרנסים זייַנען געקליבן געוואָרן דורך 7 בוררים (עלעקטאָרן) לויט אַ רשימה פון קאַנדידאַטן, וואָס עס האָבן פאַרגעלייגט די אָפּטרעטנדיקע פּרנסים. די בוררים זייַנען געוויילט געוואָרן דורך ציען גורל אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואו עס זייַנען געווען שטים־באַרעכטיקט די קהילה־מיטגלידער, וואָס האָבן געצאָלט לכל־הפחות 2.10 גילדן אַ יאָר צדקה. אַ קאַנדידאַט אויף אַ פּרנס האָט באַדאַרפט צאָלן לכל הפחות 25 גילדן יערלעך צדקה־שטייער. די גבאים פון צדקה און פון אַלע אַנדערע רעסאָרסן פון דער קהילה זייַנען געווען אונטערגעוואָרפן די פּרנסים. די תקנות פון דער קהילה פלעגן באַשלאָסן ווערן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַמטירנדע און געוועזענע פּרנסים. דאָס דאָזיקע סיסטעם, וואָס איז געווען איינגעפירט זינט 1639, האָט פאַקטיש איבערגעגעבן די מאַכט אין דער קהילה אַ גרופּע פון רייכסטע יידישע משפחות אין שטאָט.

פּונקט אַזוי האָט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער שטאָט אַמסטערדאַם אַן עליטע פון רייכסטע פּאַטריציער משפחות באַהערשט די שטאָט דורך דעם ראַט פון 36, וועלכער האָט אַליין צוקאָאָפּטירט זייַנע מיטגלידער און געוויילט די שעפן (לאָווניקעס ריכטער) און בירגערמייסטער. נישט קיין סך דעמאָקראַטישער איז געווען דער קהילה־סיסטעם אין די פּראָווינץ־שטעט. די, וואָס האָבן נישט באַצאָלט איינקויף־געלט אין דער קהילה, אויך משרתים, האָבן ניט געהאַט די רעכט פון קהילה מיטגלידער. אין זוואָלע (פּראָווינץ אָווערייסעל) זייַנען אין י. 1757 פון בערך 40 יידישע פאַמיליעס בלויז 22 געווען קהילה־מיטגלידער. אויך אין דער פּראָווינץ האָט זיך געפאָ־דערט אַ באַשטימטער צענזוס פון קהילה אָדער צדקה־שטייער כדי געוויילט צו ווערן אַלס פּרנס אָדער גבאי און אפילו כדי צו זיין שטים־באַרעכטיקט.

אין האַאַג האָבן מיטגלידער פון דער באַנקיר־פאַמיליע בועז באַזעצט 4 פון די שטעלעס פון 7 פּרנסים, די איבעריקע האָבן פאַרנומען זייערע מקורבים. אין האַרלעם האָט דער באַנקיר שמעון בועז פון האַאַג געהאַט דאָס רעכט, לויט אַ באַשטעטיקונג פון שטאָט־ראַט, אַליין צו באַשטימען די 2 פּרנסים, דעם גבאי (קאַסירער), אויך אויפצונעמען און אָפּזאָגן אַלע קהילה־באַאַמטע. ווען דער קהל־דיקטאַטאָר האָט זיך אין 1784 אָפּגעזאָגט פון זיין פּריווילעגיע, איז מיטן הסכם פון שטאָט־ראַט באַשטימט געוואָרן אַן אַנדערער, „רעגענט" מיט די זעלבע קאָמפּעטענצן. אין אַמערספאָרט זיינען די 6 פּרנסים מיט דער באַנקיר־פאַמיליע כהן אָן דער שפּיץ אין 1732 באַשטעטיקט געוואָרן לעבנסלענגלעך אויף זייער אַמט און ערשט אין 1780 זיינען באַשטימט געוואָרן נייע אויפן אָרט פון די פאַרשטאָרבענע און אָוועקגעפאָרענע.

אין אַמסטערדאַם, ווי אין די פּראָווינץ־שטעט, זיינען די קהילות געווען פולשטענדיק אונטערגעוואָרפן דער השגחה פון די שטאָט־פאַרוואַלטונגען. קיין שום תקנות — דאָס רוב אפילו סטאַטוטן פון חברות, וואָס זיינען געווען שטרענג קאָנטראָלירט דורך דער קהילה, האָבן נישט געקאָנט זיין גילטיק אָן אַ באַשטעטיקונג פון דער שטאָט־מאַכט. דערפאַר האָט אויך די שטאָט־מאַכט געשטיצט די מושלים אין דער קהילה קעגן אָפּאָזיציע און סאַנקציאָנירט דעם קהלשן שטייער־סיסטעם אפילו דאָרט, וואו ער איז געווען אויפגעבויט אויף אומפאַרשלייערטער עקספּלואַטאַציע פון די אומפאַרמעגלעכע מאַסן. אין אַמסטערדאַם האָבן די בירגערמייסטערס אין 1737 באַשטעטיקט די תקנה פון דער „הויכדייטשער" (אשכנזישער) קהילה, וואָס האָט פאַראויסגעזען אַ שטראָף פון טויזנט גילדן פאַר אַנטקעגנשטעלן זיך די באַשלוסן פון פּרנסים און פאַר אָפּשיידן זיך פון קהל. די הויפּט־הכנסה פון דער אשכנזישער קהילה אין אַמסטערדאַם איז געווען די פליישטאַקסע. אמת, די דאָזיקע טאַקסע איז געווען באַשטימט אויף צדקה. אָבער אָפּגערעדט דערפון, וואָס לויט דער באַשולדיקונג פון דער ליבעראַלער אָפּאָזיציע נאָכן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, איז דאָס געלט פאַרווענדט געוואָרן אויך אויף אַנדערע קהילה־צוועקן און אפילו אויף פאַרזאָרגן קרובים פון די פּרנסים („דש געלט פר לוהדרט אן חזנים ורבנים אן ניכטיעז אונ' נעהפיעז"), איז דאָך אפילו ווען אַלץ איז צוגעגאַנגען כשורה, אויסגעקומען, אַז די יידישע אָרעמע מאַסן זיינען געצוואונגען געוואָרן פון זייערע גראָשנס אויסצוהאַלטן די קאָסטן פון אונטערשטיצונג פאַר זיך און פאַר די ברויטלאָזע און בעטלערס.

כדי צו קאָנטראָלירן פולשטענדיק די פלייש־טאַקסע האָט די אַמסטערדאַמער קהילה נאָך אין די יאָרן 1672 און 1682 אַדורכגעפירט אַזאַ תקנה, וואָס איז פאַרשאַרפט געוואָרן אין 1730 און באַקומען די סאַנקציע פון

די בירגערמייסטער: מען האָט נישט געטאָרט קויפן אָדער פאַרקויפן קיין פלייש מחוץ דער קהלשער פלייש־האַלע אונטער דער שטראָף פון 14 טעג תפיסה „אויף ברויט און וואַסער", צום ערשטן מאָל און עפנטלעכע שמיץ — צום צווייטן מאָל. ביי אַזאַ מאָנאָפּאָל האָט קהל די טאַקסע גע־קאָנט כסדר העכערן אָן אַ שום ווידערשטאַנד, כדי צו דעקן די וואַקסנדיקע הוצאות און די אַלץ־וואַקסנדיקע חובות, וואָס האָבן אין 1797, לויטן אָפּי־ציעלן באַריכט פון בירגערמייסטער, באַטראָפן 423,000 גילדן. „אויף וועם זיין קאָפּ איז דש אויסגאַנגן, אויף דעם גמיינר מאַן" — באַקלאָגן זיך די דערמאָנטע וואָרט־פירער פון דער אָפּאָזיציע און דערציילן, אַז דער אָרעמאַן האָט צוליב דער טאַקסע זיך געקאָנט פאַרגינען צו קויפן אַ שטיקל פלייש „שינדר פלייש, ביין, קנאָכן" בלויז אויף יום־טוב. אויך אין אַ מיטעלער קהילה, ווי האַאַג, האָט די כשר־פלייש טאַקסע באַטראָפן אָן האַלבן סטויווער פון אַ פונט פלייש.

אויך אין די פּראָווינץ־קהילות איז די צוזאַמענאַרבעט פון די פּרנסים און שטאָט־ראַטן געווען אַ האַרמאָנישע אויפן יסוד פון סאָלידאַרישקייט פון אינטערעסן. דער שטאָט־ראַט ווערט אָפט גערופן דורך דער קהילה צו אינטערוועניר מיט זיין אויטאָריטעט אין די סיכסוכים און מחלוקות אין דער קהילה. די שטאָט־מאַגיסטראַטן שטעלן זיך אויף דער זייט פון די פּרנסים קעגן דער אָפּאָזיציע, אָדער באַדראָען מיט שטרענגע שטראָפן יעדן פּרוּוו פון אַן אָפּאָזיציע (זוואָלע, אַמערספאָרט). אַ טייל קהל־פאַר־וואַלטונגען ווענדן זיך אַליין צו דער שטאָט־מאַכט מיט בקשות אַרויסצו־געבן סטאַטוטן קעגן דער קאָנקורענץ אין האַנדל מצד אָרטיקע יידישע תושבים און קעגן דער באַזעצונג פון יידן פון דער פרעמד. דער קהל אין זוואָלע בעט אין 1770 די שטאָטישע מאַכט צו באַשטימען, היות „אַ סך געמיין פאָלק פון זייער נאַציע" קומט אַריין אין שטאָט, אַז קיין ייד אָדער יידישקע זאָל נישט טאָרן אָנגענומען ווערן אַלס משרת אָן אַ צייגניש וועגן גוטער אויפפירונג, און נאָך דעם פאַרלאָזן דעם דינסט זאָלן זיי נישט טאָרן זיך פאַרנעמען מיט האַנדל אָן אַ דערלויבעניש פון די שטאָט־ראַטמענער און לאַוּוניקעס. דער קהל אין קאַמפּן בעט דעם מאַגיסטראַט בפירוש אין 1790 נישט אַרויסצוגעבן קיין וואוין־רעכט און קיין בירגער־רעכט יידן וואָס זיינען נישט געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט, אַחוץ רעב־טויערן און גרויס־סוחרים. 3 יאָר שפּעטער באַקלאָגט זיך דער זעלבער קהל ביים מאַגיסטראַט אויף דער קאָנקורענץ פון פרעמדע קצבים. פאַר־שטייט זיך, אַז אין די אַלע פאַלן האָט די שטאָט־מאַכט די בקשות זייער גערן נאָכגעגעבן . . . די קהילה־אויטאָנאָמיע אין האָלאַנד איז פונקט ווי אומעטום אין אייראָפּע אין יענער תקופה געווען אַריינגעוואַקסן אין מלוכה־אַפּאַראַט, און פונקט ווי די מלוכה, אַרויסגעוויזן אַלע דערשיינונגען פון דער

שקיעה פֿון פֿעאָדאַלן סיסטעם. און ווייל האָלאַנד איז געווען איינס פֿון די אַנטוויקלטסטע לענדער פֿון קאָמערציעלן קאַפּיטאַליזם, איז אויך די צוזאַמענאַרבעט פֿון דעם יידישן סוחרים־קלאַס מיט דעם הערשנדיקן קלאַס פֿון לאַנד אויפֿן יסוד פֿון בשותּפֿותדיקייט פֿון אינטערעסן געווען האַרמאָנישער און ענגער ווי ערגעץ אַנדערש אין פֿאַר־רעוואָלוציאָנערן אייראָפּע.

די סאָלידאַרישקייט פֿון אינטערעסן איז אויך געווען די סיבה פֿון דער געטרייקייט פֿון די קהילה־מושלים צום פּרינץ־שטאַטהאַלטער און צו דער אַריסטאָקראַטישער אָראַניע־פּאַרטיי. אין 1787, ווען עס איז אויסגעבראָכן דער אויפֿשטאַנד פֿון די פּאַטריאָטן, האָבן די פּרנסים געלאָזט אויסרופֿן אין די שולן, אַז די יידן זאָלן זיך האַלטן נייטראַל. פֿאַקטיש איז אָבער די גאַנצע סימפּאַטיע פֿון דער יידישער פּלוטאָקראַטיע געווען אויף דער זייט פֿון דער הערשנדיקער דינאַסטיע און פֿון דעם הערשנדיקן סיסטעם. די בשותּפֿותדיקייט פֿון עקאָנאָמישע אינטערעסן איז געווען נאָך ענגער דורך דער אויסערלעך־פּאָליטישער פֿאַרוויקלונג פֿונעם בירגער־קריג. די אָראַניע־דינאַסטיע איז געשטיצט געוואָרן דורך פּרייסן און דורך ענגלאַנד, וואו די האָלענדישע יידישע באַנקירן האָבן געהאַט אינוועסטירט גרויסע קאַפּיטאַלן. אָבער פּונקט ווי צווישן האָלענדישן פֿאָלק האָבן לומפּן־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן און אפילו אַ טייל אַרבעטער (האַפֿן־אַרבעטער, שוואַרץ־אַרבעטער אין שטאָט און אין דאָרף) זיך געלאָזט פֿאַרנאַרן דורך די פֿילאַנטראָפּישע זשעסטן פֿון אָראַניע־פּרינץ און געשטעלט זיך אָן באַוואָרענישן אויף זיין זייט (די א. ג. א ביילטיעס, ד. ה. „האָקן״), אַזוי האָט די אָראַניע־פּאַרטיי אויך צווישן דער יידישער אָרעמקייט אין אַמסטערדאַם געהאַט אַ שטאַרקע פּאָזיציע. יידישע אַרבעטס־מענטשן האָבן אפילו אין איין עפּיזאָד טעטיק זיך אַריינגעמישט: זיי האָבן אָפּגעשטויסן דעם אָנפֿאַל פֿון די פּאַטריאָטן אויפֿן הויז פֿון שטאָטישן אונטער־שולץ (אונטער־סאָלטיס). דער דאָזיקער עפּיזאָד האָט אויפֿגעבראַכט די פּאַטריאָטן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפֿונען קליינבירגערלעכע עלעמענטן, וואָס האָבן אָפּן אַרויסגערופֿן זייער אַנטי־יידישע שטימונג. די פּרנסים פֿון ביידע קהילות האָבן אפילו אַוועקגעשטעלט וואַכן אַרום דעם יידישן קוואַרטאַל, אָבער קיין שום אָנפֿאַלן זיינען נישט פֿאָרגעקומען. אַ פֿירנדיקע פּאַטריאָטישע צייטונג האָט אָבער שטאַרק געמוסרט די יידן פֿאַר זייער פּאָליטיק, וועלכע זי האָט באַצייכנט אי ווי אַ סתירה צו דער יידישער טראַדיציע (גאָטס צאָרן אויף שאול, דעם ערשטן יידישן קיניג!), אי ווי אַן אומזיניקע אומדאַנקבאַרקייט לגבי די רעוואָלוציאָנערן, אין אָנבליק פֿון דעם מצב פֿון שקלאַפֿעריי, אין וועלכן יידן שמאַכטן אונטער דער הערשאַפֿט פֿון מאָנאַרכן. אמת, די זעלבע צייטונג האָט אויך געוואָרנט קעגן דער גוזמא, אַז „נישט מער ווי 10

פראַצעגט יידן אַגיטירן פאַר די פּאַטריאָטן״, און אַנגעוויזן, אַז די אָראַניע־פּאַרטיי ביי יידן באַשטייט פון איין זייט פון רייכע אשכנזים און ספרדים, וואָס מאַכן יד־אחת מיט די אַריסטאָקראַטן און פון דער אַנדערער זייט פון אַ סך אָרעמע, צווישן וועלכע די אָראַניע־לייט האָבן בכיוון פאַרשפרייט אַ שמועה, אַז די פּאַטריאָטן האָבן בדעה די יידן צו פאַרטרייבן פון שטאָט. אין די פּאַטריאָטישע רייען איז אָבער געבליבן אַ גרויסע פאַרביטערונג קעגן יידן בכלל און דער פּאַטריאָט גאַגעל שרייבט אפילו קיין פראַנקרייך (נאָך אין י. 1794) וועגן דעם „ברענענדיקן פאַרלאַנג״ פון זיין פּאַרטיי צו נעמען נקמה. דער אויפשטאַנד פון די פּאַטריאָטן איז דערשטיקט געוואָרן שוין אין האַרבסט פון י. 1787 דורך די פרייסישע חיילות. פּרנסים פון ביידע קהילות האָבן אָפּגעשטאַט אַ וויזיט דעם צוריק באַזעצטן פּרינץ וויהעלם דעם 5טן און אָפּגעגעבן אין ראַטהויז, גלייך ווי די שטאָטישע מאַכט־האָבער, אַ שבועה פון געטרייקייט דער אַלטער קאָנסטיטוציע. אין דעם יידישן קוואַרטאַל האָט מען אין משך פון וואָכן געפייערט די רעסטאַווראַציע דורך אילומינאַציעס, אין יעדער גאַס אַן אַנדערן אָוונט און יידן האָבן חדשים לאַנג מאַניפעסטירט זייער לאָיאַלקייט דורך טראָגן אָראַניע־קאָקאַרדעס. די דאָזיקע קורצזיכטיקע פּאָליטישע שטעלונג האָט אַ גרויסער טייל פון פּאַטריאָטישן לאַגער אויסגענוצט ווי אַן אַרגומענט קעגן יידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין די רעוואָלוציאָנערע יאָרן פון 1795־1770, ווען די פראַגע איז געשטעלט געוואָרן אויף דעם סדר־היום.

גאָר אייגנאַרטיק איז געווען אין דער איבערגאַנגס־תקופה, אויפן שוועל פון 18טן צום 19טן י״ה, דער צושטייער פון האָלענדישן יידנטום צו דער יידישער קולטור. פונקט ווי אין לאַנד בכלל, האָט זיך צוזאַמען מיט דער וואַקסנדער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער ירידה אויך אָפּגעטאָן דער גלאַנץ פון דער אַמאָל בליענדיקער האָלענדישער קולטור, אַזוי איז אויך שוין לאַנג אַוועק די צייט, ווען די פּיאָנערן פון האָלענדישן יידישן ישוב, די ספרדים, האָבן אויפגערודערט די וועלט מיט זייערע ווערק אויפן געביט פון פילאָסאָפיע און פון קריטישן געדאַנק און ווען זיי האָבן באַרייכערט די יידישע פּאָעזיע און דראַמע מיט אָריגינעלע ווערק און איבערזעצונגען אויף העברייאיש, שפּאַניש, פּאָרטוגעזיש און האָלענדיש. די אַלץ־וואַקסנדע שפּראַכלעכע אַסימילאַציע פון דעם רייכן קלאַס און פון דער אינטעליגענץ צווישן דער ספרדישער עדה האָט אַ סך גורם געווען דערצו, וואָס עס זיינען שטאַרק אויסגעטריקנט געוואָרן אירע שאַפונגס־קוואַלן. אין די יאָרן 1793־1791 דערשיינט שוין אין האַאַג אַ פולע איבערזעצונג פון סידור לויט נוסח ספרד אין דער האָלענדישער שפּראַך. אַ מאָטער אָפּגלאַנץ פון דער אַמאָליקער בלי־תקופה איז אָבער

נאָך אַלץ פאַרבליבן. אין די ישיבות און אין תלמוד־תורות פון די ספרדים ווערט נאָך געלערנט לויטן אַלטן שטייגער, עס דערשיינען ווערק פון ספרדישע רבנים אויף הלכה, און דער דיכטער דוד פראַנקאָ מענדעס באַטייליקט זיך אַליין אין די שאלות ותשובות פון דער ישיבה „עץ חיים". אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י"ה האַלטן נאָך אויס די פּאָרטוגאַלישע יידן אַ שפּאַניש טעאַטער און אָרדנען איין אָפטע קאָנצערטן אין פּריוואַטע הייזער. דאָס שרייבן העברייאישע שירים איז ביי די ספרדים נאָך אַזאַ שטאַרקע טראַדיציע, אַז רבנים ענדיקן אפילו זייערע הסכמות מיט עט־לעכע סטראָפעס פּאָעזיע. די השכלה־שטרעמונג האָט דאָ דעם אינטערעס אין דער אויפלעבונג פון דער העברייאישער שפּראַך נישט באַדאַרפט וועקן, זי האָט אים בלויז פאַרשפּרייט אין ברייטערע קרייזן, און צוגע־צויגן אויך דעם ניי־אויפגעקומענעם אויפגעקלערטן שיכט ביי אשכנזים, ווי מעצענאַטן, לייענער און שרייבער. אַרום דעם דיכטער דוד פראַנקאָ מענדעס, דעם מחבר פון דער דראַמע „גמול עתליה", אַ פריינט באַארבע־טונג לויט ראַסין, גרופּירט זיך אַ קרייז פון העברייאישע שרייבער אָר־גאַניזירט אונטערן נאָמען „מקרא קודש". אַן אַנדערע פירנדיקע פּערזענ־לעכקייט צווישן די משכילישע קרייזן איז שלמה דובנאָ, דער מיטאַר־בעטער פון משה מענדעלסאָן, וואָס האָט זיך נאָך זיין חברס טויט אויף שטענדיק באַזעצט אין אַמסטערדאַם. ווי אַ פאַרפאַסערין פון העברייאישע שירים איז אויך באַקאַנט אַ פרוי, דינה, דאָס ווייב פון אשכנזישן רב אין האַאַג, שאול הלוי. אויפן געביט פון פילאָסאָפיע צייכנט זיך אויס נפתלי הירש אולמאַן, מחבר פון ספר „חכמת השרשים", וועגן סיסטעם פון דייטשן פילאָסאָף וואָלף. זיין ווערק דערשיינט אין האַאַג, וואו עס דרוקן זיך אויך די העברייאישע ווערק וועגן היגיענע און מאַטעמאַטיק פון רוסישן משכיל ברוך שקלאָוער. דאָס אָריגינעלסטע געביט פון שאַפונג פון האָ־לענדישע יידן אין יענער תקופה איז אָבער נישט די העברייאישע לי־טעראַטור, וואָס האָט זיך ביי איר גאַנצער פאַרשפּרייטונג נישט געקאָנט גלייכן מיט דעם צענטער פון דער השכלה אין דייטשלאַנד, נאָר די פאָלקס־ליטעראַטור און טעאַטער־קונסט אין דער יידישער שפּראַך.

אַמסטערדאַם, אין יענער צייט די גרעסטע יידישע קהילה אין אייראָפּע און אין דער וועלט בכלל, איז אויך געווען דער גרעסטער שטאָטישער ישוב פון יידיש־רעדנדיקע יידן. דער הערשנדיקער יידישער דיאַלעקט אין האָלאַנד איז געווען דער דיאַלעקט פון די יידן אין דייטשלאַנד, און הגם די יידישע שפּראַך איז דאָ געווען שטאַרק פאַרבראַקט מיט האָלענ־דיזמען, האָט זי גאָרנישט פאַרלוירן פון איר אָריגינעלער פרישקייט, בוי־געוודיקייט און פאָלקסטימלעכקייט און האָט פאַרמאָגט אַ שלל פון העב־רייאישע ווערטער און פראַזן. אין פרט פון קאָנצענטרירטקייט פון אַ

יידיש־רעדנדיקער מאַסע מיט אַ יידישן לעבן־שטייגער אין אַ סביבה פון אַ רוישיקן גרויסשטאָטישן האַנדלס־צענטער, איז דאָס יידישע אַמסטער־דאַם געווען אַ מין מיניאַטור פון שפּעטערדיקן יידישן ישוב אין ניו־יאָרק אין אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. די ענג צונויפגעדריקטע יידישע באַפעלקערונג אין יידישן קוואַרטאַל אין אַמסטערדאַם, פאַרהאַוועט אין וואָכעדיקער שווערער אַרבעט און פאַרכאַפּט דורך דעם האַסטיקן און ברויזנדיקן גרויס־שטאָטישן לעבן, האָט איר דורשט נאָך וויסן קודם־כל אויסגעדריקט אין נייגעריקייט וועגן די וויכטיקע געשעענישן אין דער קהילה, אין לאַנד און איבער דער וועלט. דאָס דאַזיקע באַדערפעניש האָט באַפרידיקט אַ ליטעראַטור פון בראָשורעס, פלוג־בלעטער און לידער, וואָס פלעגט מיט ערנסט און אַמאָל מיט אַ מוסר־השכל דערציילן די אויסערגעוויינלעכע נייעס, אָדער מיט וויץ, הומאָר און סאַטירע איבער־געבן די סענסאַציעס פון אָרטיקן יידישן לעבן. פון אַ מער דויערהאַפּ־טיקן כאַראַקטער און פון אַ באַדייטנדיקן היסטאָרישן ווערט זיינען די יידישע כראָניקעס פון יענער צייט, וואָס נעמען אַרום אַ לענגערן צייט־שפּאַן, ווי למשה די חיבורים פון זלמן בן משה פרינץ, פון פאַך אַ „פּע־סיר בינדר" (באַנדער). די שטורמישע געשעענישן נאָך דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין האָלאַנד האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם אינ־טערעס פון די מאַסן און די אַקטועלע נייעס, האָבן זיי אַקטיוויזירט פּאָ־ליטיש, און זיי אַריינגעצויגן אין דעם קאַמף, צווישן די פּאַרטייען אין דער קהילה און אין לאַנד. אַחוץ פּאָליטישע בראָשורן און לידער, גיט דעמאָלט אַרויס די ליבעראַלע יידישע גרופּע אַ וואָכן־בלאַט, וואָס איז נישט געווען סתם אַ באַנייאונג פון דער ערשטער צייטונג אין דער יידי־שער שפּראַך, די „קוראַנטן" פון 17טן י"ה. דער „דיסקוהרש", וואָס איז דערשינען אין די יאָרן 1797־1798 האָט געמאַכט דעם אָנהויב פון אַן ערנסטער יידישער פּאָליטישער פּרעסע.

נאָך רייכער ווי די כראָניקאַרישע און פּאָליטישע ליטעראַטור, איז געווען די פאָלקס־ליטעראַטור אין דער יידישער שפּראַך, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט דעם נאַטירלעכן דראַנג פון פאָלק נאָך פריילעכקייט, נאָך פאַרווײלונג און יום־טובדיקייט. נישט געקוקט אויף כסדר באַנייטע תקנות פון די פרום־קאָנסערוואַטיווע פּרנסים קעגן „שפּיל־הייזער", „טאַנץ־קאַ־מערס" און „לצים", פלעגט די יוגנט פריילעך פאַרברענגען מוצאי־שבת, טאַנצן אונטער דער אָנפירונג פון טאַנץ־מייסטער און ביי די קלאַנגען פון אַ קאַפּעליע און צוהערן זיך צו די „לצים", ד. ה. בדחנים. די ראָלע פון פאָלקס־קאָנצערטן האָבן אויסגעפילט די עקזאַמענס פון די קאַנדידאַטן אויף חזנים און באַס־שטימען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די שולן פאַר אַ גרויסן עולם פון מענער און פרויען. די וואַל פון אַ חזן אין איינער

פון די 6 גרעסערע אשכנזישע שולן אין אַמסטערדאַם, בפרט אין דער „גרויסער שול", איז געווען אַזאַ וויכטיק געשעעניש, אַז די יידישע באַפעלקערונג פלעגט עס פייערן ווי אַ גרויסן פאָלקס־יום־טוב. אין י. 1786 איז ביי אַזאַ געלעגנהייט אילומינירט געוואָרן דער יידישער קוואַרטאַל מיט לאָמפּן און באַצירט מיט קרענץ און ערן־טויערן; דאָס פאָלק האָט געטאַנצט אין די גאַסן, עס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ באַלאָן און עס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן וועגן דעם חזן „איין שיין געדיכט" אויף יידיש און אַ געגראַמטער באַריכט אויף העברייאיש.

געברויזט מיט פרייד און לוסטיקייט האָט דאָס יידישע אַמסטערדאַם אין סעזאָן פון פורים. לויט ווי עס דערציילט אין זיין באַריכט דער באַרימטער שליח פון ארץ־ישראל, אזולאי (חיד"א), וואָס האָט באַזוכט אַמסטערדאַם צום צווייטן מאָל אין י. 1778, האָבן זיך דאָרט די פורים־פייערונגען געצויגן ביז אַ וואָך נאָך פורים, ווי אַ מין יידישער קאַרנאַוואַל. גרופּעס פרויען און מענער, אָנגעפירט דורך פאַרשטעלטע און מוזיקאַנטן, האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין טאַנץ אויף די גאַסן און פורים־שפּילן זיינען פאָרגעקומען עפנטלעך אויף די גאַסן און פלעצער „אַזוי ווי די שטאָט וואָלט געווען זייערע". אויך אין האַאַג פלעגן די פורים־שפּילן אויפגעפירט ווערן אין מיטן מאַרק. אַחוץ טראַדיציאָנעלע פורים־שפּילן, ווי „מכירת יוסף", „אחשורוש־שפּיל" א. א., פלעגן אויך אויפגעפירט ווערן אָריגינעלע יידישע קאָמעדיעס און איבערגעזעצטע פּיעסעס. באַזונדער כאַראַקטעריסטיש זיינען אָבער די „פורים־קוראַנטן" אין דער פאָרם און אונטערן קעפּל פון בלעטלעך, „ביכלעך", „אַלמאַנאַכן", „פורים־לידער", וואָס זיינען געווען באַשטימט פאַר אַ ברייטן עולם לייענער און זיינען אויך פאַרגעזונגען און אינסצענירט געוואָרן דורך בדחנים, אָפּט די מחברים אַליין. פאַראַן אין די דאָזיקע קוראַנטן בילדלעך פון לעבן פון די אָרעמסטע עלעמענטן, משרתים און דינסט־מיידלעך, ווי אויך מאָטיוון פון גוטמוטיקער סאָציאַלער סאַטירע. אַדאַנק אַזאַ אינהאַלט פלעגט זיך די דאָזיקע ליטעראַטור פאַרשפּרייטן ווי לייען־שטאָף צווישן דער אָרעמקייט פון פיש־מאַרק אפילו נאָך אין אָנהייב פון 19טן י"ה, ווען די פורים־שפּילן זיינען צוליב וואַקסנדן דלות און שפּעטער אויך צוליב דער אַלץ־ברייטערער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע, געוואָרן אַ זעלטנקייט. פון די פורים־טעאַטער פאָרשטעלונגען איז אין די 80ער יאָרן פון 18טן י"ה אויסגעוואַקסן אַ שטענדיק יידיש טעאַטער אין האָלאַנד. דאָס טעאַטער, אָנגעפירט דורך יעקב בעסויער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן אַנסאַמבל פון אַקטיאָרן און אַן אייגענעם אָרקעסטער און געשפּילט באַקאַנטע אָפּערעס און אָפּערעטקעס, סיי אין אַמסטערדאַם, סיי אויף גאַסטראָלן אין דער האָלענדישער פּראָווינץ ביז צום סוף פון די דרייסיקער יאָרן פון 19טן י"ה. כאַראַקטעריס־

טיש פאַר דער וואַקסנדער אַסימילאַציע־טענדענץ איז אָבער דער פאַקט, אַז אַרום 1808, ד. ה. אין דער תקופה פון אויפשטעלן די קאָנסיסטאָריע־אָרגאַניזאַציע אונטער קיניג לודוויק נאַפּאָלעאָן, גייט דאָס טעאַטער אַריבער פון „יידיש־דייטש" צו דייטש און אַ צען יאָר שפּעטער איז שוין די שפּראַך פון דער אויפפירונג האָלענדיש. דאָס פולסירנדיקע יידישע קולטור־לעבן אין האָלאַנד, וואָס האָט נאָך צום סוף פון 18טן י"ה שעמערירט מיט אַלע קאָלירן פון עכטער פאָלקסטימלעכקייט, איז מיטן אָנקומען פון דער תקופה פון עמאַנציפּאַציע בהדרגה דערשטיקט געוואָרן דורך דער פלאַנמעסיק אויסגערעכנטער אַקציע פון די פאָרשטייער פון יידישן בירגערטום, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל די שפּראַכלעכע און קולטורעלע אַסימילאַציע פון אַמאָל אַזוי גלאָררייכן יידישן ישוב.

§28. די באַטאַווישע רעפּובליק און דער קאַמף פאַר עמאַנציפּאַציע

די פראַגע וועגן דער רעכטלעכער לאַגע פון די יידן איז נאָך פאַר דער אומגעלונגענער רעוואָלוציע פון 1787, זינט דער מיט פון 18טן י״ה אָפט באַהאַנדלט געוואָרן אין דער האָלענדישער פּרעסע. בלויז גע־ציילטע צייטונגען (דאָס „נידערלענדיש עכאָ״ שפּעטער אויך דער „פּאָ־ליטישער קוריער״) זיינען אַרויסגעקומען מיט טענות קעגן יידן, בעיקר וועגן אומערלעכקייט אין האַנדל, און באַרעכטיקט דערמיט זייער מצב. די ליבעראַלע פּרעסע האָט אונטער דער השפעה פון די שריפטן פון קריסטיאַן דאָהם און משה מענדעלסאָן און פריער נאָך אונטער דער וויר־קונג פון די אידייען פון רוסאָ, שאַרף פאַראורטיילט דעם סיסטעם פון דערנידעריקונג פון יידן און פאַרזיכערט, אַז זייערע חסרונות וועלן פאַר־שווינדן אין דער מאָס ווי זיי וועלן צוגעלאָזט ווערן צו אַלע פּרנסות און וועלן ווערן אויפגעקלערט. אַ מחבר פון אַן אַרטיקל אין „ספּעקטאַטאָר״, אין י. 1774, האָט אפילו געמאַכט דעם פאָרוואורף רייכע יידן, אַז זיי האַלטן אין אומוויסנקייט זייערע אָרעמע ברידער. אין דער דאָזיקער דעבאַטע באַטייליקן זיך אויך שוין אויפגעקלערטע יידן. אין אַן אַנאָנימען אָפענעם בריוו פון אַ ספרדי צו דער רעדאַקציע פון „דע קאָאָפּמאַן״ אין 1770 ווערן פאַרגלייכט אַחוץ דערנענטערונג פון די ספרדים צו די אשכנזים („דער זומער פון די ספרדים איז אַוועק; עס איז דער וויב־טער״...), דערציאונג פון דער יוגנט אין דער האָלענדישער שפּראַך, פאַר־שפּרייטונג פון מלאכה, אויך ראַדיקאַלע רעליגיע רעפאָרמען: אָפּשאַפן די גרויסע צאָל יום־טובים און אַריבערטראָגן דעם רו־טאָג פון שבת אויף זונטיק. ניישט געקוקט אויף די טענות פון די פּאַטריאָטן צו יידן פאַר זייער אומפּריינדלעכער שטעלונג צו דער רעוואָלוציע פון 1787, ווערט די פראַגע פון גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן ווייטער דעבאַטירט אין דער פּרעסע, וועלכע איז אונטערן רושם אי פון דער אַמעריקאַנער אי פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. איין צייטונג האָט אפילו פאַר נויטיק צו דערציילן אַלע פּרטים וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן אין אַמעריקע אין דער פּראַקטיק, וועגן אַמעריקאַנער יידן, וואָס זיינען דערוויילט גע־וואָרן אַלס ריכטער און רעפּרעזענטאַנטן אין שטאַט־ראַט און שטאַט־פאַר־זאַמלונג אין ניו־יאָרק, פּענסילוועניע און דזשאָרדזשיא און פּאָרענדיקט:

„וואו די רעכט [געזעצן] זיינען גערעכט, זיינען אויך מענטשן גערעכט״. הגם אָבער די עפנטלעכע מיינונג פון ליבעראַלן בירגערטום איז געווען צוגעגרייט לטובת דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, האָט דער ענין בעת דער רעוואָלוציע אָנגעטראָפן אויף אַן ערנסטן ווידערשטאַנד מצד דעם אָפּגעשטאַנענעם קליינבירגערטום.

דעם 18טן יאַנואַר 1795 איז אין האָלאַנד אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, אַדורכגעפירט פון די פּאַטריאָטן מיט דער הילף פון פראַנצויזישן מיליטער. דעם 29טן יאַנואַר איז דער פּרינץ אַנטלאָפן קיין ענגלאַנד, און האָלאַנד איז דערקלערט געוואָרן אַלס באַטאַווישע רעפּובליק. זיינען דורך די „פּראָוויזאָרישע רעפּרעזענטאַנטן פון פאָלק פון האָלאַנד״ פּראָקלאַמירט געוואָרן די „רעכט פון מענטשן און בירגער״, וואָס האָבן לויטן ביישפּיל פון דער פראַנצויזישער דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט פאַרזיכערט גלייכקייט פון אַלע מענטשן און רעליגיעזע פרייהייט. לויטן מוסטער פון די פּאַטריאָטישע קלובן, וואָס האָבן זיך געגרינדעט אין אַמסטערדאַם און איבערן גאַנצן לאַנד, איז דעם 6טן פעברואַר אויף דער איניציאַטיווע פון אַ גרופּע אויפגעקלערטע יידן אָרגאַניזירט געוואָרן די געזעלשאַפט „פעליקס ליבערטאַטע״ („גליקלעך דורך פרייהייט״) מיט דעם ציל צו פאַרשפּרייטן די לאָזונגען פון „פרייהייט און גלייכקייט״. אַחוץ דעם, וואָס די גרינדער פון קלוב האָבן גענומען אין אַכט די באַזונדערע אויפגאַבע פון פּראָפּאַגירן די לאָזונגען פון דער רעוואָלוציע און אויפקלערונג צווישן יידן, האָט צו דער גרינדונג פון אַזאַ באַזונדערן קלוב מסתמא אויך גורם געווען דער פאַקט, וואָס אין די פּאַטריאָטישע קלובן אין אַמסטערדאַם איז נאָך געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אַן אומפריינדלעכע באַציאונג צו יידן. די אָנפירער פון קלוב זיינען געווען דער סוחר משה שלמה אַססער און זיין זון קאַרל, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַדוואָקאַט, הערץ (הערמאַן) בראַמעט, דר. האַרטאָג דע לעמאָן (הערץ רופא) און יעקב סאַפּאָרטאַס, אַ באַנקיר, איינער פון די ווינציקע ספרדישע יידן אין קלוב. אַ גרויסע ראָלע האָבן אויך געשפּילט אין דער טעטיקייט פון קלוב דער מאַטעמאַטיקער יהודה ליטוואַק און דער העברייאישער און דייטשער שרייבער דוד פרידריכספעלד. אויך צווישן די נישט־יידן, וואָס האָבן מיט דער צייט באַטראָפן אַ דריטל פון בערך 100 מיטגלידער פון קלוב, זיינען געווען עטלעכע אַקטיווע טוער, ווי דער רעדאַקטאָר י. העספע, וואָס האָט ענערגיש געקעמפט אין וואָרט און אין שריפט פאַר יידישע רעכט. דער קלוב האָט באַלד אָנגעקניפּט באַציאונגען מיט די אַנדערע פּאַטריאָטישע קלובן אין שטאָט, מיט דעם רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט,

מיט דער מוניציפּאַליטעט און מיט דער פראַנצויזישער מיליטערישער מאַכט. דעם 11טן מערץ האָט זיך דער קלוב באַטייליקט אין דער פּאַטריאָטישע מאַניספּעסטאַציע פון פלאַנצן דעם בוים פון פרייהייט פאַרן שטאָטראַט, צו וועלכער עס זיינען געקומען פאָרשטייער פון דער מאַכט און פון אַלע פּאַטריאָטישע קלובן אין אַמסטערדאַם. יהודה ליטוואַק האָט ביי דער געלעגנהייט געהאַלטן אַ רעדע אויף העברייאיש און אויף האָלענדיש. די פייערונג איז געווען דער ערשטער אַקט פון פאַרברידערונג פון האָלענדישן יידנטום מיטן האָלענדישן פאָלק.

באַלד אין זייערע ערשטע טריט פון פּראָפּאַגירן די לאָזונגען פון דער רעוואָלוציע צווישן די יידישע מאַסן האָט זיך די קליינע, אָבער רירעווודיקע גרופּע „פעליקס ליבערטאַטע" אָנגעשטויסן אויף אַן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד מצד די קהילה־פירער. זייער באַציאונג צו דער רעוואָלוציע און צום קאַמף פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג איז געווען אַ רעזולטאַט פון דער ספּעציפישער לאַגע פון דער יידישער בורזשואַזיע אין האָלאַנד. אין פראַנקרייך, פונקט ווי אין אַנדערע לענדער, וואו דער רוב פון דער יידישער בורזשואַזיע און דער מיטלקלאַס איז געווען רעכטלאָז אונטער דעם אַלטן רעזשים, האָבן זייערע פאָרשטייער נאָכן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין די אייגענע אינטערעסן אונטערגענומען אַ קאַמף פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. אין האָלאַנד האָט די יידישע פּלוטאָקראַטיע און צוזאַמען מיט איר אַן אייבערשטער שיכט פון יידישן מיטלקלאַס גענאָסן פון ברייטע עקאָנאָמישע פּריווילעגיעס אונטער דער אָראַניע־דינאַסטיע. די דאָזיקע שיכטן האָבן נישט נאָר נישט געפילט קיין נייטווענדיקייט אָנצושליסן זיך אָן דער רעוואָלוציע, נאָר פונקט ווי בעת דעם פּאַטריאָטן־אויפשטאַנד אין י. 1787, זיינען זיי געווען פאַראינטערעסירט אין איר דורכפאַל. אַ נצחון פון דער רעוואָלוציע האָט באַדייט אונטערוואַרפונג פון דער נייער רעפּובליק אונטער פראַנקרייך און מלחמה מיט ענגלאַנד, מיט וועלכן די יידישע באַנקירן און גרויססוחרים זיינען געווען פאַרבונדן מיט אַלע עקאָנאָמישע פעדים. זיי האָבן אויך מיט רעכט פאָראויסגעזען, אַז די מפּלה אין אַ מלחמה מיט ענגלאַנד וועט אונטערגראָבן די קאָלאָניאַלע מאַכט פון האָלאַנד און דערמיט אויך דעם האָלענדישן קאָלאָניאַלן מסחר, אין וועלכן זיי זיינען געווען שטאַרק באַטייליקט. די אַריסטאָקראַטישע ספרדישע קהילה איז דערפאַר געווען דורכאויס קעגנעריש געשטימט לגבי דער רעוואָלוציע. צוליב די זעלבע עקאָנאָמישע אינטערעסן זיינען אויך די פּרנסים, גבאים און רבנים פון דער אשכנזישער קהילה, די רעפּרעזענטאַטן פון דער איי־

גענער פּלוטאָקראַטיע און פון פּריווילעגירטן טייל פון יידישן מיטל־קלאַס געווען ווייט פון סימפּאַטיזירן מיט דער רעוואָלוציע. די רעכטלאָזיקייט פון דער יידישער מאַסע, וואָס האָט געשמאַכט אונטער די גזירות קעגן קליינהאַנדל און מלאכה, האָבן זיי זיך נישט גענומען צום האַרצן, פאַרקערט, זיי האָבן זיך געווערט קעגן דער נייער דעמאָקראַטישער אָרדענונג, וואָס וועט אָפּשאַפן דעם קהילה־סיסטעם און דערמיט אויך מאַכן אַ סוף צו זייער אָליגאַרכיע, און צעשטערן זייערע מאַכט־פּאָזיציעס אין דער יידישער געזעלשאַפט. אונטער דעם לאָזונג פון רעליגיעזן קאָנסערוואַטיזם, און פון דער זאָרג פאַר אויפהיטן די טראַדיציאָנעלע יידישקייט, האָבן זיי פאַרטיידיקט צוזאַמען מיטן פעאָדאַל־פּלוטאָקראַטישן סיסטעם בכלל, אויך זייער אייגענע פּריווילעגירטע שטעלונג אין יידישן לעבן, זייער הערשאַפט איבער די יידישע מאַסן.

די ווינציקע מיטגלידער פון דער „פעליקס ליבערטאַטע", פול מיט קאַמף־ענערגיע און איניציאַטיוו, האָבן פאַרטראַטן פונקט היפּוכדיקע אינטערעסן און דערפאַר אויך אָנגענומען דעם דיאַמעטראַל פאַרקערטן פּאָליטישן שטאַנדפּונקט. זיי זיינען געווען דער יידישער אַוואַנגאַרד פון דער פּאַטריאָטישער באַוועגונג, וועלכע האָט אין זין געהאַט די אַנטוויקלונג פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט זיך געשטויסן פאַראויס אויפן חשבון פון האַלב־באַנקראָטירטן האַנדלס־קאַפּיטאַליזם אין האָלאַנד. דער עקאָנאָמישער פּראָגראַם פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז באַשטאַנען אין דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג פון לאַנד, פאַרברייטערונג פון אינערלעכן מאַרק דורך לויבן דעם מצב פון די פויערים, פאַרגרעסערונג פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע, און אויפבוי פון אויסערלעכן האַנדל אויף עקספּאָרט פון אַגראַרע און אינדוסטריעלע פּראָדוקטן אַנשטאָט בלויז אויף פאַרמיטלונג און עקספּלואַטאַציע פון די קאָלאָניעס. די פּאָליטישע פאַראייניקונג מיט פראַנקרייך האָט פאַר די פּאַטריאָטן קודם כל גאַראַנטירט דעם נצחון פון דער אייגענער רעוואָלוציע, זיי האָבן אָבער אויך נישט געזען קיין שאָדן אין דער עקאָנאָמישער דערנענטערונג צו דער גרויסער שכנותדיקער מלוכה. אין סאַמע יאָר פון אויסברוך פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע איז דער ווערט פון תבואה־עקספּאָרט פון האָלאַנד קיין פראַנקרייך געשטיגן פון 700 טויזנט ליוור אין פאַריקן יאָר, ביז 14 מיליאָן ליוור. דער האַנדלס־באַלאַנס מיט פראַנקרייך איז געוואָרן אַלץ אַקטיווער לטובת האָלאַנד און אין די ערשטע יאָרן נאָך דער האָלענדישער רעוואָלוציע פלעגט דאָס לאַנד אויך פאַרזאָרגן פראַנקרייך מיט קאָלאָניאַל־סחורות פון ענגלאַנד.

די יידישע מיטגלידער פון „פעליקס ליבערטאַטע", האָבן אויסגע־דריקט די עקאָנאָמישע אינטערעסן פוןברייטן יידישן בירגערטום, וועלכע האָבן זיך געדעקט מיט די אינטערעסן פון דער מאָדערנער בורזשואַזיע אין לאַנד. דאָס דערקלערט אויך מן הסתם דעם פאַקט, וואָס דער יידי־שער מיטלשטאַנד אין דער פּראָווינץ, וועלכער איז געווען אַקטיוו אין אינערלעכן האַנדל און נישט אין קאָלאָניאַל־האַנדל, באַנק־וועזן און בערזע־געשעפטן, האָט אַרויסגעוויזן אַ סך מער סימפּאַטיעס פאַר דער טעטיקייט פון יידישן קלוב, איידער דער זעלבער קלאַס אין אַמסטערדאַם. דער עיקר אָבער האָבן די יידישע פּאַטריאָטן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון וועגן דער באַ־דייטונג פון דער איבערקערעניש פאַר דער רעכטלעכער און פּאָליטישער לאַגע פון יידישן מיטלקלאַס, ווי אויך פון דער גאַנצער יידישער באַפעל־קערונג. די רעוואָלוציע אין האָלאַנד האָט צוזאַמען מיט די רעשטן פון דער הערשאַפט פון פּריצים איבער די פויערים אויך אָפּגעשאַפט די מאַכט פון די פּאַטריציער אין די שטעט און געגרייט זיך אויך בטל צו מאַכן די פּריווילעגיעס פון די גילדיעס, וואָס זי האָט אַדורכגעפירט אין 1798. ווי אַ קאָנסעקווענץ פון דעם פּרינציפּ פון בירגער־גלייכקייט האָבן די מיט־גלידער פון „פעליקס־ליבערטאַטע" מיט רעכט אויך דערוואַרט פון דער נייער אָרדענונג, אַז זי וועט לויטן מוסטער פון פראַנקרייך איינפירן גלייכ־באַרעכטיקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג. די דאָזיקע גלייכבאַ־רעכטיקונג איז פאַר דער ברייטער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד גע־ווען על כל פנים נישט ווייניקער אַ לעבנס באַדערפעניש, ווי פאַר דעם מיטל־קלאַס און דער אינטעליגענץ, פון וועלכע דער יידישער קלוב האָט זיך רעקרוטירט. די אָפּגעשטאַנענקייט פון דער יידישער מאַסע האָט אָבער גורם געווען, וואָס דער קלוב האָט מיט גרויס מי געוואונען צווישן איר אָנהענגער פאַר זיין פּראָגראַם. בהדרגה איז דער קלוב אויך אַרויסגע־קומען מיט דעם זעלבן פּראָגראַם פון אַסימילאַציע, ווי די עמאַנציפּירטע יידישע בורזשואַזיע אין פראַנקרייך, און אָפּגערעמדט פון זיך די פאָלקס־מאַסן, וואָס האָבן זיך אינסטינקטיוו געהאַלטן ביי זייער שפּראַך, קולטור און טראַדיציע.

ווען די לייט פון „פעליקס־ליבערטאַטע" האָבן פאַרעפנטלעכט די „דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט" אין דער יידישער איבערזעצונג און געפאָדערט, אַז זי זאָל געלייענט ווערן אין אַלע שולן און בתי־מדרשים, האָבן די פּרנסים עס פאַרווערט מיט אַ טענה, אַז דאָס וואָלט געווען „קעגן דת תורתנו הקדושה" און אַרויסגעלאָזט אַ דעקלאַראַציע גע־חתמעט דורך 600 בעלי־בתים, קעגן דער האַנדלונג פון די אויפקלערער.

דער קלוב האָט דערויף געענטפערט מיט אַ פּראָטעסט־אויפרוף אויף יידיש און אויף האָלענדיש „לאחינו בני ישראל", וועלכן ער האָט געלאָזט אויסקלעפּן אין אַלע שולן אין שטאָט. „די פּרנסים פּאַרשטייען — ווערט אויפגעקלערט אין דעם רוף — „אַז אויב די מענטשן־רעכט זאָלן ווערן אַלגעמיין באַקאַנט צווישן אייך, וועלן זיי דורכדעם פאַרלירן מיטאַמאָל זייער אַלהערשנדיקע מאַכט... אַז די שעלכטע און גאָטלאָזע דירעקציע פון דער פליישׁ־האַלע, וואָס דורך איר ווערט מייסטנס דער געמיינער מאַן געדריקט, וועט נישט מער קאָנען עקזיסטירן; אַז די געלט־מיטלען פון דער קהילה וועלן נישט קאָנען מער דורך זיי ווילקירלעך אויסגעגעבן ווערן... דערפאַר האָבן זיי אויסגעטראַכט, אַז די לייט פון אונדזער „סאָ־סיעטייט" שטרעבן נישט צו עפּעס אַנדערש, ווי נאָר אונדזער אמונה אונ־טערצוגראָבן — מיר זיין זוא וואוֹל יהודים וויא איהר, מיר האָבן עהר־ביטונג פאַר אונזערע וועטטען (געזעצן). מיר האַלטן אונדזערע מצוות".*

אויף דער קלאָגע פון די פּרנסים, וואָס האָבן אָנגעוויזן, אַז קיין שום אַנדערע רעליגיעזע גרופּע איז ניט געצוואונגען אויפצוהענגען אויפרופן אין די געבעט־הייזער, האָט דער בירגערמייסטער באַפוילן דעם אויפרוף פון קלוב אַראָפּצורייסן.

נישט אומעטום האָט אָבער די נייע שטאָט־מאַכט אַזוי פאַר־שוינט די געפילן פון די אַלטע קהילה־פירער. אין האַרלעם איז סוף 1795 דורך דעם שטאָט־ראָט אַראָפּגעזעצט געוואָרן דער „קאָמי־סאַר", דער דיקטאַטאָר איבער דער קהילה, און עס זיינען אַדורכגעפירט געוואָרן וואַלן פון אַ נייער קהילה־פאַרוואַלטונג. אויף דער איינלאַדונג פון שטאָט־ראָט איז אויך אַריינגעקומען ברומעט פון „פעליקס ליבער־טאַטע". לויט זיין אָנווייזונג איז אין דער דאָרטיקער שול פריייטיק צו־נאַכט איבערגעלייענט געוואָרן אַ פּראָקלאַמאַציע, אין וועלכער די קהילה־מיטגלידער האָבן דעקלאַרירט, אַז זיי זאָגן זיך אָפּ „פון דער שטאַטהאַל־טער רעגירונג, פון פעדעראַליזם, אַריסטאָקראַטיע און אַנאַרכיע"; אַלע אָנוועזנדיקע האָבן עס באַשטעטיקט מיט אַ שבועה פאַרן אָפענעם ארון־קודש, אַרויפלייגנדיק די האַנט אויף אַ ספר־תורה. אין האַאַג, וואו די פּרנסים האָבן זיך נאָך ערב דער רעוואָלוציע געהאַט באַקלאָגט פאַר די בירגערמייסטערס, אַז זיי ווערן באַליידיקט דורך די קהילה־מיטגלידער, „מיט ווערטער און מיט מעשים", איז נאָך דער רעוואָלוציע אויסגעקליבן

---

* דעם אויסצוג האָבן מיר צוריקאיבערגעזעצט אויף יידיש פון האָלענדישן אָרי־גינאַל, פאַרעפנטלעכט דורך ה. איטאַליע. בלויז דער לעצטער זאַץ איז גענומען פון יידישן אָריגינאַל לויט דער ציטאַטע, וואָס עס ברענגט דר. י. שאַצקי אין זיין אָפּ־האַנדלונג „דער „דיסקוהרש" אין זאַמלבוך לכבוד דעם 250 יובל פון דער יידישער פּרעסע", „ייוואָ", ניו־יאָרק, 1937.

געוואָרן אַ קאָמיסיע פון זיבן מיטגלידער כדי צו קאָנטראָלירן די פינאַנ־ציעלע טעטיקייט פון די פרנסים. אין אַמסטערדאַם אָבער איז דער ערש־טער אַטאַק פון דער אויפגעקלערטער אָפּאָזיציע קעגן דער קהילה־פאַר־וואַלטונג געבליבן דערוויל אַן רעזולטאַטן. „די דעספּאָטיע פון דער גייסטלעכקייט שפּאַרט אויך ביי אונדז נישט קיין מיטלען, כדי די בעסטע כוונות אַנטקעגן צו ווירקן", באַקלאָגט זיך דער קלוב פאַר די פּראָוויזאָ־רישע רעפּרעזענטאַנטן פון האָלאַנד. דער קלוב „פעליקס ליבערטאַטע" האָט זיין גאַנצע ענערגיע געמוזט אָפּגעבן דער דרויסנדיקער אויפגאַבע, דעם קאַמף פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג.

דאָס קליינבירגערטום, וואָס האָט אָנגעפילט די רייען פון דער זיג־רייכער פּאַטריאָטישער באַוועגונג האָט אין אַמסטערדאַם, מער ווי אין גאַנץ האָלאַנד, זיך עקשנותדיק אַנטקעגנגעשטעלט יעדן טריט אויפן וועג פון גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן. דעם שטאַנדפּונקט פון דער דאָזיקער קליינבירגערלעכער מאַסע, וואָס האָט מער פון אַלץ געציטערט פאַר קאָנ־קורענץ אין האַנדל און האַנטווערק און אויף אַ משונהדיקן אופן צונויפ־געפּאַרט ראַדיקאַלע רעפּובליקאַניש־דעמאָקראַטישע לאָזונגען מיט דעם פאַרלאַנג איינצוהאַלטן דעם מאָנאָפּאָל פון די גילדיעס, האָט צום בוילעטסטן געבראַכט צום אויסדרוק דאָס דעמאַגאָגישע בלאַט „דע דאַמקאָפּ" („דער תם"). אַחוץ רעליגיעזע אַרגומענטן קעגן שטימרעכט פאַר מענטשן, וואָס „לייקענען אין קריסטום", און פּסיידאָ־פּאָליטישע אַרגומענטן וועגן דער גע־טרייקייט פון יידן צו דער אָראַניע־דינאַסטיע, שרעקט די ציישונג דעם עולם קודם כל דערמיט, וואָס די גלייכבאַרעכטיקונג וועט צוציען קיין האָלאַנד צענדליקער און הונדערטער טויזנטער „פון דעם דאָ־זיקן גנבהשן פאָלק" פון דער פרעמד, וואָס וועלן אַרויסשטויסן די קריסט־לעכע סוחרים און דערפירן ביז צו דער פאַרשקלאַפונג פון האָלענדישן פאָלק אונטער דער הערשאַפט פון די פרנסים...

להיפוך צו די שטעט האַאַג, גראָנינגען, לײדען און אַמערספאָרט, וואו יידן זיינען אָנגענומען געוואָרן אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און נאָ־מינירט געוואָרן אויך אַלס אָפיצערן, האָט די מוניציפּאַליטעט פון אַמ־סטערדאַם אונטערן דרוק פון די דיסטריקט־פאַרזאַמלונגען אָפּגעזאָגט די פּעטיציע פון די מיטגלידער פון „פעליקס ליבערטאַטע", אַז יידן זאָלן מעגן דינען אין די שטאָטישע אָפּטיילונגען פון דער גוואַרדיע. עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס ברומעט און זיינע חברים האָבן אָנגעוויזן, אַז יידן מעגן לויטן דין דינען אין מיליטער, און באַוויזן עס מיט ראיות פון דער געשיכטע, אָנגעהויבן מיטן אויפשטאַנד פון די מאַקאַבייער ביז צו דער באַטייליקונג פון יידישע מאַטראָסן אין דער האָלענדישער מלחמה קעגן ענגלאַנד אין 1782. די שטאָט־מאַכט האָט געהאַט אַ גרייטן תירוץ, אַז

די אַמסטערדאַמער רבנים האָבן געאסרט יידן מיליטער־דינסט צוליב חילול שבת. אַנשטאָט מיליציע־דינסט האָבן יידן, אַחוץ דער גרופּע „פּע־ליקס ליבערטאַטע" און די ווינציקע, וואָס זיינען איר נאָכגעגאַנגען, באַ־דאַרפט צאָלן מיליציע־שטייער. אָן דערפאָלג זיינען אויך געווען די באַ־מיאונגען פון „פעליקס ליבערטאַטע", אַז יידן זאָלן צוגעלאָזט ווערן צו די דיסטריקט־פאַרזאַמלונגען אין אַמסטערדאַם, וואָס זיינען אָרגאַני־זירט געוואָרן לויטן מוסטער פון די סעקציעס אין פּאַריז בעת דער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע. אפילו נאָך אַ רעדע פון סאַפּאַרטאַס, אין איינעם פון די דיסטריקטן, וואָס האָט אַרויסגערופן מאַמענטאַן אַ גרויסן ענטו־זיאַזם, האָט אַ גרויסע מערהייט באַשלאָסן אָפּצוּוואַרפן זיין פאָרשלאַג, און אַנדערע דיסטריקט־פאַרזאַמלונגען האָבן אָנגענומען בפירוש באַשלוסן קעגן גאַסן־הענדלער און קעגן באַגרענעצן די פּריווילעגיעס פון די גילדיעס. אויך אין דעם דאָזיקן פּרט האָבן זיך די מערסטע פּראָווינץ־שטעט אַרויס־געוויזן מער ליבעראַל ווי אַמסטערדאַם, און יידן האָבן זיך דאָרט באַטיי־ליקט אין די דיסטריקט־פאַרזאַמלונגען אָן קיין שום שוועריקייטן. נאָכדעם ווי די פּאַטריאָטישע קלובן אין די דאָזיקע שטעט זיינען באַזוכט געוואָרן דורך אַ דעלעגאַציע פון „פעליקס ליבערטאַטע", מיט מ. אססער בראש, האָבן זיי אפילו אַרויסגעשיקט דעלעגאַטן קיין אַמסטערדאַם צו אינטער־ווענירן קעגן דער דיסקרימינאַציע לגבי יידן, זיי האָבן אָבער גאָר נישט געפועלט. אפילו די פּאַטריאָטישע קלובן גופא זיינען געווען צעטיילט אין דער פראַגע פון אָננעמען דעם קלוב „פעליקס ליבערטאַטע" אַלס אַ גלייכבאַרעכטיקטע אָרגאַניזאַציע. אויף אַ באַראַטונג פון דעלעגאַטן פון די קלובן פון לאַנד אין אוטרעכט, אין יולי 1795, איז אָפּגעזאָגט געוואָרן דאָס שטימרעכט דעם קלוב „פעליקס ליבערטאַטע". איינער פון די קלובן (פון דער שטאָט דריעל) האָט דעם אָפּזאָג מאָטיווירט דערמיט, וואָס די מיטגלידער פון יידישן קלוב האָבן זיך נאָך אַלץ נישט עפנטלעך אָפּגע־זאָגט פון „דער האָפענונג אויף זייער משיחישן קיניג". הגם אַלע דע־לעגאַטן פון די קלובן אין דער פּראָווינץ האָלאַנד האָבן ווי אַ צייכן פון סאָלידאַרישקייט מיטן יידישן קלוב פאַרלאָזט די באַראַטונג, איז „פעליקס ליבערטאַטע" צוויי וואָכן שפּעטער נישט צוגעלאָזט געוואָרן צו דער נאַ־ציאָנאַלער קאָנפערענץ פון די פּאַטריאָטישע קלובן אין האַאַג, מיטן מאָ־טיוו, אַז דער קלוב איז אָרגאַניזירט אויף יסודות פון אַ באַזונדערער קאָנפעסיע.

גלייכצייטיק מיט די וויכּוחים אויף די פאַרזאַמלונגען פון קלובן און שטאָט־דיסטריקטן האָט זיך געפירט אין דער האָלענדישער פּרעסע און פּאָליטישער ליטעראַטור אַ היסע דעבאַטע וועגן יידישער גלייכבאַרעכ־טיקונג. דער פּרינציפּ, אַז יידן דאַרפן באַקומען „מענטשן־רעכט" איז

בכלל נישט געלייקנט געוואָרן אפילו דורך דעם קעגנערישן צד, די שטרייט־פראַגע איז געווען בירגער־רעכט, פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיקונג. דער הויפּט־טעאָרעטיקער פון דעם אַנטי־יידישן שטאַנדפּונקט איז געווען פּראָפ. ו. ה. וואַן סווינדען, וואָס האָט אין זיין בראָשור „אַן עצה פאַר די רעפּרעזענטאַנטן פון פאָלק" אַרויסגערוקט בעיקר דעם אַרגומענט, אַז יידן זיינען פרעמדע אין לאַנד דורך זייער אָפּשטאַמונג, כאַראַקטער און געשיכטע און אַז זיי באַטראַכטן זיך אַליין ווי אַזעלכע דורכדעם, וואָס זיי זאָגן זיך נישט אָפּ פון גלויבן אין משיח און שיבת־ציון. פון דער ליטעראַטור לטובת דער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן האָבן געמאַכט דעם גרעסטן איינדרוק די בראָשורן פון ו. א. בלומענדאַאַל „וועגן דעם שטימרעכט פון יידן" און פון י. קראַפּ „די יידן זיינען אונדזערע מיט־בירגער". קראַפּ דערקלערט, אַז „די זון פון פרייהייט דאַרף נישט נאָר וואַרעמען, נאָר אויך לייכטן, און אירע שטראַלן מוזן פאַרטרייבן די נעפּלען פון אומוויסנקייט און פאָראורטייל... אויב מיר ווילן נישט מער וויסן וועגן פּריווילעגיעס פון עשירות און געבורט, האָבן זיי (יידן) אַ רעכט צו דערוואַרטן, אַז מיר זאָלן זיין געטריי אונדזער פּרינציפּ". אַמ־סטערדאַמער סוחרים, אַרגומענטירט טרעפלעך קראַפּ, וואָס פאַרקערן טאָג־טעגלעך מיט יידן, וואָלטן אַוודאי נישט באַדאַרפט אַרויסרוקן די טענה קעגן גלייכבאַרעכטיקונג, אַז יידן האָבן אַן אַנדערע רעליגיע און אַנדערע מנהגים. אָבער אויך קראַפּ אַפּעלירט צו יידן, זיי זאָלן זיך אַרויסווייזן אמתע רעפּובליקאַנער און אויפהערן אַרויסצוקוקן אויף דעם מלך המשיח, דערמאָנענדיק, אַז „דער ערשטער קיניג (שאול) איז אייך געגעבן געוואָרן אין גאָטס צאָרן און עס איז אייך שלעכט געגאַנגען אונטער די מערסטע אייערע מלכים"...

דער אַרגומענט וועגן משיח־גלויבן איז אין קיין שום לאַנד, וואו עס איז געשטאַנען אויף דעם סדר־היום די פראַגע וועגן יידישער גלייכבאַ־רעכטיקונג, נישט אַרויסגערוקט געוואָרן קעגן יידן אַזוי אָפט און מיט אַזאַ סיסטעמאַטישער עקשנותדיקייט, ווי אין האָלאַנד, הגם פּונקט ווי אומעטום האָט אויך דאָ דער דאָזיקער אַרגומענט געדינט ווי אַ צודעק פאַר פּאָליטישן קאָנסערוואַטיזם און קליינבירגערלעכע קאָנקורענץ־אינ־טערעסן. די הויפּט־סיבה דערפון איז מסתם דער אומשטאַנד, וואָס יידן אין האָלאַנד האָבן מער ווי אַלע אַנדערע יידישע ישובים אין מערב־אייראָפּע אין דער תקופה פון דער רעוואָלוציע זיך אויסגעצייכנט מיט זייער באַזונדערער נאַציאָנאַלער קולטור און אייגנאַרטיקן אַלט־יידישן לעבן־שטייגער. אויך דער פאַקט, וואָס די האָלענדישע באַפעלקערונג איז אין פאַרהעלטניש געווען סעקטאַנטיש פרומער, ווי אין די שכנישע לענדער, האָט אַוודאי געווירקט, אַז דער אַרגומענט וועגן יידישן משיחיזם ווי אַ

דירעקטן היפוך צום גלויבן אין קריסטוס, האָט דאָ מער ווי ערגעץ־אַנ־דערש אַפּעלירט צו די סענטימענטן פון די קליינבירגערלעכע מאַסן. דער קלוב „פעליקס ליבערטאַטע", וואָס האָט געפירט אַן אומדערמידלעכע אויפקלערונגס־אַרבעט סיי מינדלעך, סיי דורך בראָשורן און אַרטיקלען, געשריבענע פון זיינע יידישע און נישט־יידישע מיטגלידער, האָט נישט געקאָנט פאַרבייגיין מיט שטילשווייגן דעם אַרגומענט פון די קעגנער וועגן אמונה און משיחן. משה אססער, דער מחבר פון די מערסטע בראָשורן און פּראָטעסט־שריפטן פון קלוב, ענטפערט אָפּ אויף דער טענה פון דער בראָשורע „וועגן דער קאָנסטיטוציע", אַז יידן זיינען אַ באַזונדערע נאַציע און האָבן זייער היים אין ארץ־ישראל, מיט אַזאַ אַרגומענט: אויב יידן דאַרפן דערפאַר אויסגעשלאָסן ווערן פון בירגערשאַפט, קומט אויס, אַז אויך די פּראָנצויזן אין האָלאַנד, וואָס זיינען אַהין אַנטלאָפן נאָך דעם צוריקרופן דעם עדיקט פון נאַנט, וואָלטן באַדאַרפט באַהאַנדלט ווערן אויף דעם זעלבן אופן. היות די טענה פון שרייבער „וועגן דער קאָנסטיטוציע" האָט זיך אַלץ אָפטער איבערגעחזרט מיט דער באַטאָנונג, אַז דער משיח, וועלכן יידן דערוואַרטן איז אַ מלך בשר ודם, „אַן ערדישער קיניג", האָט איינער פון די טעטיקסטע מיטגלידער פון קלוב, דער משכיל דוד פרידריכספעלד (באַקאַנט ווי דער מחבר פון אַ ביאָגראַפיע וועגן נפתלי הערץ וויזל), אַרויסגעלאָזט וועגן דער דאָזיקער פראַגע אַ באַזונדערע בראָשורע אונטערן קעפּל „דער משיח פון יידן אָדער די רעפּובליקאַנישע געפילן וועגן דעם זעלבן". די בראָשורע איז אַרויס אין אָריגינאַל אויף דייטש אין אַפּריל 1795, איז אין 1796 דערשינען אין אַ האָלענדי־שער איבערזעצונג, מיט אַ ווידמונג „צום פאָלק פון נידערלאַנד און זיינע רעפּרעזענטאַנטן". אַלס מאָטאָ ווערט געבראַכט אַ לענגערער אויס־צוג פון באַרימטן ווערק פון טאָמאַס פּעין „דאָס יאָרהונדערט פון שכל".

אָט איז דער געדאַנקען־גאַנג פון מחבר:

אויף דער טענה, אַז יידן געהערן נישט צו דער האָלענדישער נאַ־ציע, ענטפערט פרידריכספעלד: „יעדער פאַרשטענדיקער מענטש ווייסט, אַז די היינטיקע יידן זיינען טאַקע גלויבנס־גענאָסן, אָבער נישט קיין פאָלק. — — — דעמאָלט ווען די יידן האָבן געהאָט באַזיצט פּאַלעסטינע, זיינען זיי געווען אַ פאָלק; אַנדערש וואָלט מען פונקט אַזוי די קאַטאָ־ליקן אָדער פּראָטעסטאַנטן געדאַרפט אָנרופן אַ פאָלק פאַר זיך. אמונת המשיח געהערט צו די עיקרים פון אמונה, וואָס האָבן נישט קיין שייכות מיטן פּראַקטישן לעבן. ווי אַ ראיה ברענגט פרידריכספעלד אַ פאָלקס־

---

* אין האָלענדיש איז דאָס דאָזיקע פאָלקס־ווערטל אויפגעבויט אויף אַ וואָרט־שפּיל: verlossing (אויסלייזונג) און verloren

ווערטל: „ווער עס האָפט אויף אויסלייזונג, דער גייט פאַרלוירן.״ *

ממילא מיינט משיח־גלויבן לחלוטין נישט, אַז יידן, וואָס וואוינען אין אַ רעפּובליק, זיינען צוגעבונדן צו פּרינציפּן פון מאָנאַרכיע אָדער אַריס־טאָקראַטיע. בנוגע דער אמונה אין משיחן טיילן זיך יידן אויף דריי קאַטעגאָריעס: „העטעראָדאָקסן״ וואָס „גלויבן פאַרנונפטיק״, ד. ה. גלויבן בלויז אין אַ שכלדיקער, דעאיסטישער רעליגיע; די וואָס שטייען אין דער מיט צווישן העטעראָדאָקסן און אָרטאָדאָקסן: זיי טייטשן אויס דעם תנ״ך דיכטעריש און דערקלערן די נבואות וועגן משיח ווי אַן אָנזאָג פון שטאַטסמענער וועגן „אַלגעמיינע און גאָטסדיסנטלעכע רעפאָרמען״, וואָס ציון און ירושלים זיינען בלויז פּאָעטישע באַצייכענונגען דערפאַר; אָר־טאָדאָקסן, וואָס אויך ביי זיי מינערט גאָר נישט דער משיח־גלויבן זייער פּאַטריאָטיזם. דאָס באַווייזט פרידריכספעלד צווישן אַנדערע מיט אַזאַ משל: אויב עס ברעכט אויס אַ שרפה אין הויז אינמיטן אַפּריל, „וועל איך דען נישט לויפן העלפן דערפאַר, ווייל דעם 1טן מאַי וועל איך זיך אַריינציען אין אַן אַנדער הויז?״. דער עיקר אָבער, טענהט דער מחבר, איז דער משיח־אידעאַל, ווי ער ווערט אויסגעמאָלט ביי ישעיהן און אין תלמוד, נישט קיין סתירה צום רעפּובליקאַניזם, פּונקט ווי ער האָט נישט געשטערט יצחק אַברבנאַל, „איינעם פון די גרעסטע דעמאָקראַטן״ אַרויס־צוטרעטן אין זיינע חיבורים קעגן פירשטן און קעגן דער אינסטיטוציע פון פירשטנטום. דער משיח אידעאַל מיינט טאָקע אַ פאָלקס־רעגירונג געגרינדעט אויף פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט. דער מחבר פירט אויך אַדורך אַ פּאַראַלעל צווישן דעם רוב יידן, וועלכע האָבן אין דער צייט פון שיבת ציון זיך נישט אומגעקערט קיין ארץ־ישראל, נאָר געבליבן אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, וואוהין זיי האָבן, לויט יוסף פלאַוויוס, אַריבערגעוואַנדערט פון פעניקיע — און צווישן די פראַנצויזישע פּראָ־טעסטאַנטן אין אויסלאַנד, וואָס האָבן נישט צוריקגעוואַנדערט קיין פראַנק־רייך אפילו נאָכדעם, ווי די נאַציאָנאַלע קאָנווענציע אין פּאַריז האָט בטל געמאַכט די גזירות פון גירוש.

אַזוי האָט איינער פון די פּראָמינענטע האָלענדישע משכילים, נאָך מיט אַ צענדליק יאָר פאַר דער דעקלאַראַציע פון דער קריכערישער יידי־שער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג אין פּאַריז, נישט באַגנוגנט זיך מיט אָפּ־וואַרפן די רעליגיעזע דאָגמע וועגן משיחישער גאולה, נאָר דעקלאַרירנדיק זיין אני־מאמין פון אַ דעאיסט, אָפּגעזאָגט זיך פון היסטאָרישן שטרעבן פון יידן צו שיבת ציון און בפירוש דערקלערט, אַז יידן האָבן אויפגעהערט צו זיין פאָלק און שטעלן פאַר נישט מער ווי אַ רעליגיעזע עדה. אַז דאָס איז געוועזן די שטעלונג פון די פירנער פון דער מאָדערנער יידישער בורזשואַזיע אין האָלאַנד, וואָס זיינען געווען אָרגאַניזירט אין דער „פעּ־

ליקס ליבערטאַטע״, באַוויזן באַשײַנפּערלעך די ווײַטערדיקע יאָרן, ווען די זעלבע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טויער האָבן אײַנגעלייגט וועלטן, אַז ייִדן זאָלן זיך אַחוץ רעליגיע פולשטענדיק האָלאַנדיזירן.

איבעריקנס ציטירט דער משכיל צבי אילפלד אין זײַנע העברעיִשע פּראָטאָקאָלן וועגן דער ייִדן־דעבאַטע אין דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג אין 1796 „דברי נגידים״, דוד פרידריכספעלדן מיט גרויס אַנערקענונג, הגם ער אַליין זאָגט זיך אַרויס וועגן דעם ענין אַ סך פּאָרזיכטיקער. אויך דער קלוב ווי אַ גאַנצער האָט אין דער דאָזיקער דעליקאַטער פראַגע געהאַנדלט פּאָרזיכטיק: אויף איינער פֿון די פֿאַרזאַמלונגען פֿון קלוב, אין סעפּטעמבער 1795 איז געמאַכט געוואָרן אַ פֿאָרשלאַג, אַז עס זאָלן אָנערקענט ווערן אַלס קלוב־מיטגלידער בלויז די, וואָס וועלן חתמענען אַ דעקלאַראַציע וועגן קעגנערשאַפט צו „דעספּאָטיע, אַן איין־קעפּיקער, אָדער אַ פיל־קעפּיקער״, און אַז דער קלוב זאָל פאָדערן בירגער־רעכט בלויז פאַר אַזעלכע ייִדן און נישט פאַר אַלע ייִדן. אין דער דיסקוסיע איז דער פאָרשלאַג וועגן אַזאַ דעקלאַראַציע באַגרינדעט געוואָרן מיט דער נויטווענדיקייט אויפצואווייזן די קריסטן, אַז די מיטגלידער פון „פעליקס ליבערטאַטע״ באַטראַכטן משיחן נישט ווי אַ קיניג, נאָר ווי אַן אויסלייזער פון ישראל פון שקלאַפעריי און אונטערדריקונג, און אַז „די טרוימעריען פון תלמוד״ וועגן משיח־באַגריף זײַנען נישט מחייב די ייִדן.

דער טייל פון פאָרשלאַג וועגן באַגרענעצן די פאָדערונג פון בירגער־רעכט בלויז פאַר די אויפגעקלערטע ייִדן איז לחלוטין אָפּגעוואָרפן געוואָרן, ווי עס באַווייזט די שפּעטערדיקע פּאָליטישע אַקציע פון קלוב און דערפאַר קען מען זיך משער זײַן, אַז אויך דער איבעריקער טייל פון פאָרשלאַג, וועגן אַן אַנטי־משיחישער דעקלאַראַציע איז נישט אָנגענומען געוואָרן. דער גאַנצער פאָרשלאַג איז אָבער פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ייִדן־פרײַנטלעכן אָרגאַן „דער רעפּובליקאַנער״ און האָט אָן ספק גורם געווען אַן אָפּשוואַכונג פון די סימפּאַטיעס פאַר דעם קלוב, וואָס האָבן געקאָנט אויפקומען צווישן די ייִדישע פאָלקס־מאַסן אין אַמסטערדאַם. די טראַגעדיע פון די ייִדישע פאָלקס־מאַסן אין האָלאַנד, פונקט ווי אין אַלע אַנדערע לענדער פון ייִדישער עמאַנציפּאַציע, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי זײַנען געשטעלט געוואָרן פאַר דער ברירה: אָדער בלײַבן געטריי די פרנסים און רבנים, וועלכע האָבן צוזאַמען מיטן ייִדישן טראַדיציאָנעלן גלויבן און ייִדישער נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט פאַרטיידיקט פעאָדאַלע רעאַקציע אין ייִדישן און אַלגעמיינעם לעבן; אָדער איבערגעבן זיך דער פירונג פון די פאָרשטייער פון דער אויפקומענדיקער מאָדערנער ייִדישער בורזשואַזיע, וואָס האָבן געקעמפט פאַר פּראָגרעסיווע רעפאָרמען אין ייִדישן לעבן, אָבער גלײַכצײַטיק אויך באַוויזן זייער קאָנ־

סעקוועגטע שטרעבונג אַרויסצוציען דעם פאָלק די נשמה בנשיקה פון אַסימילאַציע.

צווישן די אויפגעקלערטע לייט, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום „פעליקס ליבערטאטע", האָט זיך אויך געפונען איינער, אַ מחבר פון פּאָליטישע לידער אין האָלענדיש, אונטערן פּסיידאָנים ב. צ. י. יודעוס באַטאַוואוס („באַטאַווישער ייד"), וואָס האָט אין זיין אַסימילאַטאָרישן ענטוזיאַזם געמונטערט די יידן צו פאַרגעסן ירושלים און משיחישע גאולה. אָט ווי ער רופט אויס אין דער לעצטער סטראָפע פון זיין שטראַם־גראַם „פּאָעזיע", „צו די פרייע יידן":

אַזוי רופט זי * צו אונדז, הערט איצט איר קול !
אַמסטערדאַם ! זיי ירושלים !
משיח ! זיי איר קאָנסטיטוציע !
דער טעמפּל ! זיי די טוגנט און ערע !
דער אמת ! זיי די הייליקע לערע !
חרטה אויף זינד ! די אַבסאָלוציע ! **

דער באַטאַווישער הורא־פּאַטריאָט האָט מסתם ניט געוואוסט, אַז ער איז גאָר נישט געווען אָריגינעל אַחוץ זיינע גראַמען. קוים מיט דריי יאָר פריער, דעם 3טן אַפּריל, 1792, האָט פונקט אַזאַ פריש־געבאַקענער פּאַטריאָט, אַ געוויסער שמואל הלוי, וואָס האָט זיך מעשה חוזק טיטולירט „ראש הגולה", העכסטער אָנפירער פון די סינאַגאָגעס אין מזרח און אין מערב", אָפּגעדרוקט אין דער „קראָניק דע פּאַרי" אַן אָפענעם בריוו צום באַרימטן רעוואָלוציאָנער אַנאַקאַרסיס קלאָאָטס, וואו ער האָט אויסגערופן: „פראַנקרייך, וואָס האָט די ערשטע אָפּגעמעקט די חרפה פון יהודה און צעשמעטערט די קייטן פון אַלע געפאַנגענע, איז אונדזער ארץ ישראל; אירע בערג — אונדזער ציון; אירע טייכן — אונדזער ירדן" . . . ווייזט אויס, אַז נישט נאָר דער נוסח פון אַסימילאַציע, נאָר אפילו איר געשמאַקלאָזע קאַריקאַטור, האָט אומעטום געהאַט איין פּנים.

---

* די פרייהייט.

** כפרה.

§29. די דעבאַטע אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג און די גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן

אין אָנהייב 1796 זיינען פאָרגעקומען די וואַלן צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג פון דער באַטאַווישער רעפּובליק. הגם יידן זיינען אומעטום צוגעלאָזט געוואָרן צו די וואַלן, האָבן זיי אפילו אין אַמסטערדאַם נישט אַדורכגעפירט קיין אייגענעם קאַנדידאַט; צוליב דער נישט־גענוגנדיקער אויפקלערונג האָט בלויז אַ מיעוט ביי יידן זיך באַטייליקט אין שטימען און עס זיינען בלויז אויסגעקליבן געוואָרן 13 יידן אַלס עלעקטאָרן, בעת עס האָבן זיך גענויטיקט 30 כדי צו אויסצוקלייבן אַ דעפּוטאַט. היות די קלובן האָבן נישט געהאַט קיין שום רעכט צו ווענדן זיך מיט פּעטיציעס, האָבן 6 מיטגלידער פון „פעליקס ליבערטאטע״ מיט ברומעט בראש, אין זייער אייגענעם נאָמען אַריינגעשיקט צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אַ מעמאָראַנדום וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז יידן זיינען שוין פּאַקטיש אָנערקענט ווי בירגער פון דער רעפּובליק, אַז זיי האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן און זיי פאַרלאַנגען בלויז צו קאָנען געניסן די רעכט אומגעשטערט און אין דער פולער מאָס. הגם די מחברים פון דער פּעטיציע האָבן נישט געהאַט קיין שום באַפולמעכטיקונג פון די קהילות, האָבן די אַמסטערדאַמער יידן פאַרמאָגט אויף אַזוי פיל פּאָליטישע אָריענטאַציע, אַז זיי האָבן אין דער אַקציע נישט געשטערט, און דער פּרואוו פון אייניקע פּרנסים צו זאַמלען חתימות אויף אַ קעגן־פּעטיציע און זייער שתדלנות ביי דעפּוטאַטן* האָט זיך נישט איינגעגעבן.

דעם 29טן מערץ, 1796, איז דאָס מעמאָראַנדום פאָרגעלייענט געוואָרן אויף דער זיצונג פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. עס האָבן זיך אויפגעהויבן אייניקע שטימען קעגן באַטראַכטן דעם ענין און איין דעפּוטאַט, וואַן האָאָף, האָט שוין אויסגענוצט די געלעגנהייט צו דער־

---

* אין דער בראָשורע „דעאנרעה אן מיין מיטבריהדר״, וואָס די נייע קהילה „עדת ישורון״ האָט אַרויסגעלאָזט קעגן די פּרנסים, ווערט בילדלעך באַשריבן ווי אַזוי זיי האָבן אונטערגענומען אַלע שריט, כדי די אַקציע פון „פעליקס ליבערטאַטע״ פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג צו שעדיקן: „אָ מיינע ליבע מיטבריהדר ווייסט איהר ניכט מעהר וויא פּרנסים אין האַג אויז גשיקט הבן זאָלכש קעגין צו געהן. בייא דיא רעפּרעזנטאַנטן דיא הייזר אב גלאָפן. מיט אַדוואָקאהטען מתיעץ געוועזט, מיטן קוטשן הין אונד ווירד גריטטן, עומד ומצפה גוועזן יעדער טאהג דש עס ניט דורך זאל גיהן.״...

קלערן, אַז יידן זיינען אַ באַזונדער פאָלק, אַז זיי וואוינען צייטווייליק אין האָלאַנד און אַז זייער אמתע פאָטערלאַנד איז ארץ־ישראל. דאָך איז באַשלאָסן געוואָרן מיט אַ גרויסן רוב שטימען אויסצוקלייבן אַ קאָמיסיע פון 8, וועלכע זאָל צושטעלן אַ באַריכט. אין דעם באַריכט, וואָס איז געלייענט געוואָרן דעם 1טן אויגוסט פאַר דעם פלענום, האָט די קאָמיסיע פאָרגעלייגט פולע גלייכקייט אין בירגער־רעכט און בירגער־פליכטן פאַר „די אַ. ג. יידן אין נידערלאַנד“, נעמענדיק אין אַכט, וואָס זיי געהערן צום פאָלק און אַרויסגייענדיק פון פרינציפ, אַז דאָס באַטאַווישע בירגער־רעכט איז אומאָפהענגיק פון רעליגיע. דעם 5טן אויגוסט האָט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג באַשלאָסן די צעטיילונג פון מלוכה און קירך און דערמיט אָפגערוימט אַלע מניעות פאַר דער באַהאַנדלונג פון קאָמיסיע־באַריכט וועגן דער יידישער פראַגע. די דעבאַטע וועגן דעם דאָזיקן באַריכט האָט אָבער דאָך געדויערט גאַנצע 8 טעג, פון 22טן ביז צום 30טן אויגוסט, און עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט 34 פון די 126 דעפוטאַטן.

דער ערשטער האָט גענומען אַ וואָרט אין דער דיסקוסיע דער דעפוטאַט יאַקאָב האַהן, אַן אַדוואָקאַט, איינער פון די פראָמינענטסטע פירער פון דער פאַטריאָטישער באַוועגונג, וואָס אויף זיין איניציאַטיווע איז אָנגענומען געוואָרן דער פאָרשלאַג וועגן צעטיילונג פון מלוכה און קירך און וואָס איז געווען דער רעפערענט פון דער קאָמיסיע וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. ער האָט מודה געווען, אַז די רייכע יידן און בעיקר די ספרדים, זענען קעגנער פון דער פרייהייט־באַוועגונג צוליב זייערע קאַפּיטאַל־אינוועסטיציעס אין ענגלאַנד און אַז אויך צווישן דער יידישער מאַסע איז פאַראַן אַ צוגעבונדנקייט צו דער אָראַנישער דינאַסטיע, צוליב די נדבות, וואָס די אָראַנישע פירשטן פלעגן צווואַרפן יידישע אָרעמעלייט. ווי די הויפּט־סיבה פון דער יידישער פראָ־אָראַנישער אָריענטאַציע באַטראַכט אָבער האַהן די יידישע טבע פון דאַנקבאַרקייט און ממילא איז ער בטוח, אַז אויב די רעפובליק וועט יידן געבן פולע גלייכבאַרעכטיקונג, וועלן זיי אַוודאי זיך אַרויסווייזן דאַנקבאַר. אָפּשטעלנדיק זיך אויף די עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן דער יידישער באַפעלקערונג, בפרט קעגן די געיאָגטע און געפלאָגטע יידישע פּעדלער, ווייזט ער אָן, אַז יידן טראָגן די לאַסטן פון שטייערן פונקט ווי אַלע, אַז זיי האָבן זיך באַטייליקט אין די וואַלן און אויב זיי ווערן נישט אָנערקענט ווי בירגער פון באַטאַוויע, זיינען די וואַלן בכלל נישט גילטיק און די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט נישט קיין שום רעכט צו רעפרעזענטירן דאָס פאָלק.

אויף דער טענה, אַז די גלייכבאַרעכטיקונג וועט ברענגען אַ מאַסן־אימיגראַציע פון אָרעמע יידן פון דער פרעמד, בפרט פון דייטשלאַנד און פוילן, באַווייזט ער לויטן ביישפּיל פון פראַנקרייך און אַמעריקע, אַז אַזאַ

דערוואַרטונג איז נישט באַגרינדעט און נישט מער ווי אַ תירוץ; ער האַלט אָבער, אַז אַן אימיגראַציע פון גוטע בירגער, אָן אונטערשייד פון אמונה, קאָן בלויז פאַרבעסערן די לאַגע פון לאַנד. לויטן מוסטער פון די פאַרטיידיקער פון די יידישע רעכט אין פראַנקרייך דערקלערט אויך האַהן, אַז די חסרונות פון אַ טייל יידן זיינען אַ פועל־יוצא פון זייער אונטערדריקונג און דערנידעריקונג, און האָבן גאָר נישט צו טאָן מיט דער טבע פון יידן אָדער מיט זייער אמונה. אויב יידן עסן נישט און טרינקען נישט צוזאַמען מיט קריסטן, איז עס פונקט אַזוי אומשעדלעך פאַר דער געזעלשאַפט, ווי דער פאַקט, וואָס קאַטאָליקן עסן נישט קיין פלייש אין זייערע תעניתים־טעג; נישט אַלע יידן ווילן זיך נישט משדך זיין מיט קריסטן, והראיה ענגלאַנד, אָבער אויך די איבעריקע זיינען דורכדעם נישט קיין ערגערע בירגער ווי די הערנהוטער און קוויקער, וואָס האָבן אויך נישט חתונה מחוץ זייער סעקטע.* בלויז פאַרעלטערטע פאָראורטיילן ווירקן, אַז מען טראַכט אויס שקרים אויף יידן און מען פאַרשווינט נישט אפילו דעם דייטשן פלאַטאָן (משה מענדעלסאָן) און דעם געלערנטן יצחק פינטאָ. זייער געניי שטעלט זיך אָפּ האַהן אויף דעם אַר־גומענט וועגן אמונת המשיח ביי יידן. ער פאַרגלייכט די יידן, פונקט ווי דוד פרידריכספעלד, מיט די פראַנצויזן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין האָלאַנד נאָך דעם צוריקרופן פון עדיקט פון נאַנט און וואָס קיינעם פאַלט נישט איין צו לייקענען, אַז זיי זיינען האָלענדישע בירגער. יידן, דער־קלערט האַהן אויך אין הסכם מיט פרידריכספעלדן, זיינען נישט קיין פאָלק, נאָר אַ רעליגיעזע עדה, פונקט ווי לוטעראַנער אָדער קאַלוויניסטן.

מען ווייזט אָן, אַז יידן האָפן נאָך אַלץ צוריק צו קומען קיין פּאַלעס־טינע לויט גאָטס הבטחה, און דאָרט ווערן אַ באַזונדערע מלוכה. אָבער „איז דען דאָ אַזאַ קריסט, וואָס איז נישט זיכער, אַז זייער האָפענונג וועט קיין מאָל נישט מקוים ווערן? און וואָס קאָנען שאַדן דער געזעלשאַפט אַזעלכע געדאַנקען און פאַרשטעלונגען? — — — און אויב עס זאָל מקוים ווערן די דאָגמע פון דער יידישער אמונה און עס זאָל קומען אַ צייט, ווען משיח זאָל טאַקע באמת אָנקומען, אַזוי ווי זיי גלויבן, צי וועלן מיר דאַרפן עס באַדויערן? עס וועט דאָך זיין גלייכער צו גלויבן, אַז דאָס איז געווען דער רצון פון בורא עולם.“ דערביי פאַררופט זיך האַהן בפירוש

---

* האַהן האָט דאָ מן הסתם געלערנט פון די אַרגומענטן פון קלערמאָן־טאָנער, וואָס האָט געהאַט געשטעלט די פראַגע אין זיין באַרימטער רעדע: „צי איז פאַראַן אַ געזעץ, וואָס פאַרפליכט מיך חתונה צו האָבן מיט אייערס אַ טאָכטער? צי איז פאַראַן אַ געזעץ, וואָס פאַרפליכט מיך צו עסן האַזן־פלייש און צו עסן עס מיט אייך צוזאַמען?“

אויף פרידריכספעלדן, אַז יידן איז לויטן תנ״ך און לויטן תלמוד פאַרבאָטן צוצואיילן דאָס אָנקומען פון משיח און אַז דער אמתער זין פון משיחס צייטן לויט דער יידישער רעליגיע איז אַ תקופה פון פרייהייט, גלייכקייט און ברידערלעכקייט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. האָהן באַנוצט אויך דעם אַרגומענט, אַז דער אָפּמאַך פון דער באַטאַווישער רעפּובליק מיט פראַנקרייך פאָדערט גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן און פאַרענדיקט מיט דער פאָדערונג אָפּצושאַפן אין די קהילה סטאַטוטן, וואָס האָבן נישט קיין שייכות מיט רעליגיע, אַלץ וואָס איז אין סתירה לגבי די פּרינציפּן פון פרייהייט און גלייכהייט אין דער מלוכה.

דער הויפּט־רעדנער פון דער אָפּאָזיציע אין דער פראַגע, פּראָפעסאָר פון טעאָלאָגיע, אייסבראַנד האַמעלספעלד, אויך אַ פּראָמינענטער פירער פון די פּאַטריאָטן, האָט שאַרף אָפּגעענטפערט אויף אַלע אַרגומענטן פון האָהן. עס האַנדלט זיך נישט וועגן פרייהייט, האָט ער דערקלערט, וואָרום יידן דאַוונען עפנטלעך אויף די שיפן און אויף די וועגענער און זיינען מקדש די לבנה אויף די גאַסן אומגעשטערט; זיי מעגן אויך האַנדלען און באַשעפטיקן זיך מיט מלאכות, וואָס זיינען נישט אָרגאַניזירט אין גילדיעס. די פראַגע איז, צי יידן זאָלן אויך געניסן בירגער־רעכט. יידן זיינען אַ פאָלק און רופן זיך אַליין „דאָס פאָלק ישראל", ממילא קאָן מען זיי נישט פאַרגלייכן מיט אַנדערע רעליגיעס. זיי האַלטן זיך ביי די געזעצן און מנהגים פון זייערע אבות. „שוין צוויי טויזנט יאָר, ווי זיי זיינען פאַרטריבן געוואָרן און זיי קוקן נאָך אַלץ אַרויס יעדן טאָג, אַז עס וועט מקוים ווערן זייער האָפענונג צוריק צו קומען אין זייער לאַנד." ווי אַ ביישפּיל פון אַ פאָלק, וואָס קערט זיך אום אין זיין היימלאַנד נאָך אַ לאַנגן גלות, ווייזט ער אָן אויף די וואַלדענזער, וואָס זיינען 1686 פאַרטריבן געוואָרן דורך דעם פירשט פון פּיעמאָנט, האָבן זיך באַזעצט אין שווייצאַריע און אַ פּאָר יאָר שפּעטער אין באַוואָפנטן קאַמף צוריק דעראָבערט זייערע היימען. „כל זמן די דאָזיקע פאַרטריבענע וואַלדענזער זיינען געזעסן ווי באַוואוינער אין דער מדינה שווייצאַריע און זשענעווו, — פרעגט האַמעלספעלד רעטאָריש, — זיינען זיי געווען שווייצער אָדער וואַלדענזער?" דערמאָנענדיק האָהנס אַרגומענט וועגן דער אמונה אין משיח רופט ער אויס: „איך בין אויך אַ קריסט, פונדעסטוועגן — שעם איך זיך נישט מודה צו זיין, אַז איך דערוואַרט, אַז אַלץ וועט מקוים ווערן אַזוי ווי גאָטס וואָרט, וואָס ער האָט צוגעזאָגט מענטשן". נישט מער, וואָס האַמעלספעלד גלויבט, אַז ווען יידן וועלן זיך אומקערן אין זייער לאַנד, וועט אויך מקוים ווערן די נבואה וועגן דער אייניקייט פון אַלע פעלקער אין איין גלויבן. יידן, דערמאָנט האַמעלספעלד, האָבן נאָך אין 1787 אַרויסגעוויזן, אַז זיי זיינען אָנהענגער פון דער אָראַניע־דינאַסטיע און קעגנער

פון פרייהייט. זיי זיינען פרעמדע און דאַרפן זיך נישט מישן אין די פּאָליטישע ענינים פון לאַנד. מען קאָן נישט מאַכן קיין פאַרגלייך, האַלט ער, מיט אַמעריקע אָדער פראַנקרייך, ווייל „ווי באַקאַנט איז אין פּראָפּאָרציע צו דער גרויס פון לאַנד די צאָל יידן ביי אונדז אַ סך גרעסער, און דאָס ענדערט שטאַרק דעם ענין". יידן אַליין ווילן גאָר נישט ווערן איין פאָלק מיט די באַטאַווער, אַחוץ עטלעכע יחידים, וואָס האָבן וועגן דעם אויסגעדריקט זייער פאַרלאַנג. ער פירט אויס, אַז יידן ווי יחידים קומט בירגערשאַפט, אָבער נישט יידן ווי אַ פאָלק, אָדער אַזעלכע יידן, וואָס האַלטן זיך ביי זייערע באַזונדערע קהילה־געזעצן.

די דעבאַטע אין דער האָלענדישער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג וועגן דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג האָט זיך געפירט אין אַ סך גינסטיקערער אַטמאָספערע פאַר יידן ווי מיט 7 יאָר פריער אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג פון רעוואָלוציאָנערן פראַנקרייך. עס איז דאָ נישט געווען קיין שפור פון אַזעלכע פאַרסמטע, מיט האַס־אָטעמענדיקע רעדעס, ווי פון אַ פראַנצויזישן דעמאַגאָג רעווּבעל אָדער צבועקישן גלח מאָרי. אַחוץ דעם, וואָס דאָ האָבן די קעגנער נישט געקאָנט אויסנוצן קיין העץ־אַרגומענטן וועגן יידישן וואוכער, איז דער טאָן און אינהאַלט פון זייערע רעדעס געווען געמעסיקט און בדרך כלל מיושבדיק.

יידן אין האָלאַנד, וואָס האָבן שוין פריער געהאַט דערגרייכט רעליגיעזע טאָלעראַנץ און פאָרמעלע אָנערקענונג ווי אונטערטאַנען און טיילווייז אפילו ווי שטאָט־בירגער, האָבן נאָכן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אויך דערגרייכט אַנדערע רעכט און אָנטיילגענומען אין די וואַלן. ממילא האָט די גלייכבאַרעכטיקונג געזאָלט זיין אין תוך אַ פאָרמעלע אָנערקענונג פון עקזיסטירנדיקע פאַרהעלטענישן. מיט דעם דרוק פון פראַנקרייך, וואָס האָט געפאָדערט די איינשטעלונג פון אַ פּאָליטישן סיסטעם אויף די יסודות פון גלייכקייט פון בירגער לויטן געזעץ, האָבן זיך אַלע געמוזט רעכענען. דער דעפּוטאַט האַהן האָט אין זיין רעדע בפירוש זיך פאַררופן אויף דעם אָפּמאַך מיט פראַנקרייך — הגם האַמעלספעלד האָט אים דערפאַר געמוסרט — און דער פראַנצויזישער אַמבאַסאַדאָר נאָעל האָט פשוט געגעבן צו וויסן, אַז ער דערוואַרט אַ פּאָזיטיווע אַנטשיידונג לטובת די יידן. דער עיקר אָבער איז געווען, וואָס דער פּאָליטישער צוזאַמענשטעל פון דער באַטאַווישער נאַציאָנאַל פאַרזאַמלונג איז געווען גרונט־פאַרשיידן פון די כוחות־פאַרהעלטניש אין דער פראַנצויזישער קאָנסטיטואַנטע.

די רעוואָלוציע איז שוין געווען אַדורכגעפירט, דער עיקר מיט די כוחות פון דרויסן, מיט די באַיאָנעטן פון פראַנצויזישע חילות, און אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג האָט שוין קיין שוואַרצער מאָנאַרכיסטישער פליגל נישט געקאָנט האָבן קיין פּלאַץ. די פּאָליטישע צעטיילונג איז גע־

ווען צווישן קליינבירגערטום און גרויסבירגערטום, צווישן פעדעראַ־ליסטן, וואָס האָבן נאָך געוואָלט איבערלאָזן אויטאָנאָמיע פון באַזונדערע פּראָווינצן און צוזאַמען דערמיט אויך אַ רעכט פון פּריווילעגיעס פון אַריסטאָקראַטן און פּאַטריציאַט און צווישן אוניטאַריער, וואָס האָבן גע־האַלטן פון דער צענטראַליזירטער מאַכט פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג. פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן האָבן זיך איינגעשטעלט די דעפּו־טאַטן פון ליבעראַלן גרויס־בירגערטום, וואָס האָט אין האָלאַנד, ווי אומ־מעטום, געזען די ברייטע האָריזאָנטן פון דער באַטייליקונג פון קאַפּיטאַליזם, קודם־כל אוניטאַריער, הגם צווישן זיי אויך געמעסיקטע. דער דעפּוטאַט יאַקאָב קאַנטעלאַאר, איינער פון די הייסטע פּאַרטיידיקער פון דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס האָט שטאַרק נוטה געווען צו פעדעראַליזם, האָט אויף דעם אַרגומענט פון די קעגנער, אַז די עמאַנציפּאַציע וועט גורם זיין אַן אימיגראַציע פון אָרעמע יידן פון אויסלאַנד, אויסגערופן: „עס איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן פאַר אָרעמע יידן, נאָר מען דאַרף זיין געוואָרנט אויך לגבי נישט־יידן, וואָס האָבן נישט וואָס צו פאַרלירן״, און דערוויילן זיך אַרויס־געזאָגט קעגן שטימרעכט פאַר אומפאַרמעגלעכע, לויטן מוסטער פון וואָל־צענזוס אין פראַנקרייך און אין אַמעריקע. פון די אַרגומענטן פון די קעג־נער פון יידישער גלייכבאַרעכטיקונג קאָן מען זען, אַז זיי זיינען דאָס רוב געווען פאַרשטייער פון קליינבירגערטום, און די שטימונג פון דעם דאָ־זיקן קלאַס האָבן אויך אָפּגעשפּיגלט די גייסטלעכע דעפּוטאַטן פונעם זעלבן לאַגער אין דער יידישער פראַגע, איינגעשלאָסן האַמעלספעלד, הגם אַ גרויסע צאָל גייסטלעכע האָט זיך אויך געפונען צווישן די אָנהענגער פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע.

אין די געגעבענע באַדינגונגען האָבן אפילו די קעגנער פון יידישער עמאַנציפּאַציע נישט געוואַגט צו לייקענען שטיין און בייז וועגן יידישע רעכט. זייער טאַקטיק איז על פּי רוב באַשטאַנען אין אָפּשלעפּן, אין פאַר־שלאָגן וועגן אָפּשיקן דעם ענין צו דער קאָנסטיטוציע־קאָמיסיע, אָדער וועגן רעדוצירן די ווירקונג פון דער עמאַנציפּאַציע ביז צו אַ מינימום. צו דעם צוועק האָבן אַ ריי דעפּוטאַטן, מיט האַמעלספעלדן בראַש, פאַרגע־לייגט צו אָנערקענען די בירגערשאַפט בלויז פון אַזעלכע יחידים צווישן יידן, וואָס פילן זיך אייניק מיטן האָלענדישן פאָלק און זאָגן זיך אָפּ פון באַזונדערע יידישע געזעצן, וועלכע זיינען לויט זייער מיינונג געווען אי־דענטיש מיט קהילה־אויטאָנאָמיע און אויטאָנאָמיע פון בית־דין. אין איין פּרט האָבן זיי געהאַט אַ לייכטערע אַרבעט, ווי די קעגנער פון יידישע רעכט אין פראַנקרייך: זיי זיינען איינער נאָכן אַנדערן אַרויסגעקומען מיט דער טענה, אַז יידן אַליין ווילן גאָר נישט קיין גלייכבאַרעכטיקונג, אַחוץ אַ קליינער גרופּע, וואָס איז נישט באַרעכטיקט צו רעדן אין נאָ־מען פון גאַנצן פאָלק. הגם אַ טייל פון די דאָזיקע דעפּוטאַטן האָט זיך

אויך צעלאָזט וועגן שלעכטע מידות פון יידן, ווי גאווה און שנאה צו אַנדערע פעלקער, און איינער, וואָן האָאַרן, האָט אפילו אָפּירגעוואָרפן די יידן געלט־גיריקייט (גלייכצייטיק אויך גרויס דחקות און אָרעמקייט!), איז ווי אַ הויפּט־באַגרינדונג ביי אַלע אַרויסגערוקט געוואָרן דער יידי־שער סעפּאַראַטיזם און פרעמדקייט געשטיצט אויף נאַציאָנאַלער אייגנ־אַרטיקייט און נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פון אומקערן זיך קיין ארץ־ישראל אין משיחס צייטן.

דאָס רוב האָבן זיי אין דעם פּרט איבערגעחזרט די ראיות פון האַמעלס־פעלדן, אָבער אַ טייל האָבן דערביי אויך צוגעגעבן אייגענע, אָריגינעלע געדאַנקען. דער דעפּוטאַט י. ב. ביקער, אַ גרויסער סוחר, פּרעזידענט פון דער וועסט־אינדישער קאָמפּאַניע, האָט אין זיין באַגרינדונג, אַז מען דאַרף געבן גלייכבארעכטיקונג בלויז פּאַר איינצעלע יידן, וואָס זאָגן זיך אָפּ פון באַזונדערע יידישע געזעצן, אַזוי פאָרמולירט דאָס מהות פון יידישן סעפּעראַטיזם: „זיי זיינען אַ באַזונדער פאָלק, זייער לאַנד איז פּאַלעס־טינע, זייער האָפענונג איז אומצוקערן זיך אַהין, — דורך זייער משיח, אַ וועלטלעכן קיניג. ווער קאָן דען לייקענען, אַז אַן אמתער ייד איז אַ מיטגליד און אַ טייל פון אַן אַנדער פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט אויף דער גאַנצער ערד ——— טאָ ווי קען געמאָלט זיין, אַז ער זאָל זיין אויך אַ טייל פון אַ פאָלק, וואָס איז גאָר באַזונדער פון זיי אַלע, וואָס רופט זיך באַטאַווישע נאַציע?" אַזאַ סאָפיסטיק האָט געקאָנט לייכט איבערציי‌גן, בעת מען פלעגט נישט מאַכן קיין חילוק צווישן די באַגריפן נאַציע און מלוכה. דער זעלבער דעפּוטאַט ווי אויך דער דערמאָנטער וואָן האָאַרן, האָבן אפילו געוואוסט צו דערציילן אַ מעשה, אַז אין 17טן י"ה האָבן יידן פון אַזיע געשיקט שליחים צו קראָמוועלן, נאָמיבירט אים פאַר זייער משיח און געבעטן אים, ער זאָל קומען מיט זיינע חיילות איינעמען ארץ־ישראל. דאָס האָבן זיי געבראַכט ווי אַ ראיה, אַז די משיח־אידייע איז ביי יידן פולשטענדיק רעאַל און נישט קיין אומשעדלעכע רעליגיעזע דאָגמע. דער פּאַסטאָר באָספעלד, אגב, איינער פון די גאָר געמעסיקטע אוניטאַ־ריער, האָט אַוועקגעשטעלט די פראַגע אויף אַזאַ אַלטערנאַטיוון אופן: יידן זיינען אַ באַזונדער פאָלק און האַלטן זיך ביי זייערע באַזונדערע געזעצן פון תלמוד. אַחוץ רעליגיעזער פרייהייט קאָן מען פאַר זיי טאָן איינע פון די דריי זאַכן: פאַרטרייבן זיי טאָר מען נישט, ווייל דאָס וואָלט געווען אכזריות; העלפן זיי צוריקקומען אין זייער אייגן לאַנד, אַזוי ווי דאָס האָט געפּרואווט צו טאָן דער קיסר יוליאַן, איז מען נישט אימשטאַנד; בלייבט די בעסטע ברירה „איבערצולאָזן זיי זאָלן וואוינען צווישן אונדז, ווי גרים און ווי יידן און זיי זאָלן געשיצט ווערן דורך די געזעצן פון אונ־דזער מדינה."

די פֿאַרטיידיקער פֿון דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג האָבן על־פּי רוב אין גייסט פֿון דער רעדע פֿון האַהן געפּרואווט צו איבערצייגן די קעגנער, אַז יידן זיינען נישט קיין באַזונדער פֿאָלק, נאָר אַ רעליגיעזע גרופּע. אַ ריי דעפּוטאַטן, ווי קאָנטעלאָאָר, באָש, פֿאָנק און וואַן האָאָף (וואָס האָט געביטן זיין מיינונג לטובת דער עמאַנציפּאַציע), האָבן אָרויפֿ־געוואָרפֿן די שולד אויף די פּרנסים, און „טעאָלאָגן", וואָס צוליב זייערע מאַכט־גלוסטונגען האָבן זיי יידן געהאַלטן אין סעפּעראַטיזם פֿון אייגענע געזעצן און דערביי געמאַכט יד אחת מיט די שטאָט־פֿאַרוואַלטונגען פֿון אַלטן רעזשים. מיט שלאָגנדיקע אַרגומענטן איז אַרויסגעקומען דעפּוטאַט פֿאָנק. ווי געשיקט זיך עס, האָט ער געפֿרעגט, אַז פֿראַנצויזן און אי־טאַליענער, וואָס געפֿינען זיך אין לאַנד אַפֿילו בלויז אַ יאָר, זאָלן יאָ ווערן באַטאווישע בירגער, און יידן, וואָס וואוינען דאָ זייט צוויי הונדערט יאָר, וואָס האָבן באַרייכערט דאָס לאַנד מיט זייערע קאַפּיטאַלן און מיט נייע צווייגן פֿון דערווירטשאַפֿט; זיי, „וואָס זיינען גרויס געוואָרן מיט דער הצלחה פֿון לאַנד און געליטן פֿון זיין שאָדן... זיי זאָלן, נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, באַטראַכט ווערן אַלס פֿרעמדע". אויף דעם אַרגומענט פֿון דעפּוטאַט לובלינק דע יאָנג, אַז יידן זיינען נישט קיין ערד־אַרבעטער און דערפֿאַר קענען זיי נישט פֿילן קיין צוגעבונדנקייט צום לאַנד, צו פֿאַרטיידיקן עס בעת אַ מלחמה — וואָס האָט אים, אגב, נישט געשטערט צו לויבן די ספֿרדים, דווקא על פּי רוב סוחרים, ווי בעסערע יידן — האָט דעפּוטאַט בערנאַרד באָש געענטפֿערט: „און אויב יידן וועלן נישט אויסקלייבן די באַשעפֿטיקונג פֿון ערד־אַרבעט, וועלן זיי האַנדלען מיט ברילן, וואָס זיינען נוצלעך פֿאַר די אויגן; און וואָס איז דען פֿאַר אַ חילוק, צי קריסטן וועלן זיך פֿלייסן צו באַשעפֿטיקן מיט זאַכן, וואָס זיינען גוט צום עסן און יידן — מיט זאַכן, וואָס זיינען גוט פֿאַרן אויג, בעצם וועלן דאָך די ווי די זיין נוצלעך פֿאַר דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט."

די פּראָ־יידישע דעפּוטאַטן האָבן אויך נישט געלייקנט דעם פֿאַקט פֿון דער אמונה פֿון יידן אין משיח, נאָר באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז די דאָזיקע אמונה טאָר נישט זיין קיין מניעה פֿאַר זייער גלייכבאַרעכטיקונג. מאָטיוון פֿון קריסטלעכער טאָלעראַנץ זיינען דאָ אַרויסגערוקט געוואָרן, נאָך אָפֿטער — פּרינציפּן פֿון רעליגיעזן ליבעראַליזם, אַמאָל אַפֿילו מיט אַ געוויסער מאָס פֿאַרשטענדעניש פֿאַר יידישע היסטאָרישע אידעאַלן. דער דעפּוטאַט זובלי האָט דערקלערט: „מיר זיינען דעפּוטאַטן נישט בלויז פֿון קריסטן, נאָר אויך פֿון די אייניקלעך פֿון אברהם... נקמה איז נישט קיין קריסטלעכע מידה; ווען יעזוס איז געגאַנגען אויפֿן וועג צו דער גאָלגאָטע, האָט ער געזיפֿצט און פֿאַרגאָסן טרערן אויף דעם אומגליק, וואָס וועט קומען אויף ירושלים"... „זיי וואַרטן אויף משיחן, וואָס איז

נישט דער משיח, וואָס קריסטן פאַרערן? אַזעלכע מאָטיוון אַרויסצו־ברענגען וואָלט געדאַרפט זיין אַ חרפה פאַר די, וואָס גלויבן אין קריסטוס!".
אַ טייל האָב אָנגעוויזן, אַז יידן דאַרפן צוליב דעם גלויבן אין משיח נישט באַהאַנדלט ווערן ערגער ווי די קריסטלעכע כיליאַסטן (מילענארן), וואָס קוקן אַרויס אויף דעם טויזנטיאָריקן מלכות פון קריסטוסן. דער פּראָמינענטער דעפּוטאַט שימעלפּעניגק האָט דערקלערט, אַז די אמונה אין משיח קאָן נישט באַטראַכט ווערן פאַר שעדלעך, כל זמן זי איז בלויז אַ געדאַנק, און פירט נישט צו מעשים, וואָס שעדיקן די געזעלשאַפט. דער דערמאָנטער פאַנק האָט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז "די געזעצגעבער האָבן נישט קיין שום רעכט צו פאָדערן פון אַ יידן, ער זאָל זיך פאַר־פליכטן צו לייקענען אין זיין משיחישער האָפענונג". קאַנטעלאאַר און נאָך אים געוועוּרס, האָבן ביידע די פראַגע גאָר קאָנקרעט אָוועקגעשטעלט: יידן גלויבן, להיפּך צו קריסטן, אַז משיח איז נאָך נישט געקומען, אַז ער וועט ערשט קומען; אָבער איידער ער וועט קומען, וועלן זיי דאָך זיין געצוואונגען צו העלפן אין דעם נוצן און גליק פון אונדזער מדינה" (קאַנטעלאאַר).
נישט בחינם האָט דער זעלבער קאַנטעלאאַר אויך אויף אַן אַדורכגעטראַכטן אופן, אָנשטאָט זיך אַריינצולאָזן אין אַ פּאָלעמיק, אַז יידן זיינען נישט קיין פאָלק, אַרויסגעבראַכט ראַיות, אַז אויך ווי אַ פאָלק קומט די יידן גלייכ־באַרעכטיקונג: "צי איז דען רעכט, אַז איין פאָלק זאָל זאָגן צו אַנדערע, וואָס וואוינען מיט אים אין איין מדינה, איר זייט פרעמדע — היות צוויי פעלקער, אָדער איין פאָלק און אַ טייל פון אַן אַנדער פאָלק, וואָס וואוינען צוזאַמען אין דער מדינה, האָבן זיך נישט באַהאָפטן און נישט געוואָרן איין פאָלק?" אַזעלכע אָפענע און ערלעכע ווערטער האָט גערעדט יאַקאָב קאַנ־טעלאַאַר, בעת די אויפגעקלערטע יידן פון "פעליקס ליבערטאַטע" האָבן זיך געאיילט צו דערקלערן אַז יידן זיינען נישט מער ווי אַ רעליגיעזע עדה...

אַלס פועל יוצא פון דער אַכט־טאָגיקער דעבאַטע, איז לסוף, ווי אַ מין קאָמפּראָמיס, מיט אַ גרויסער מערהייט שטימען אָנגענומען געוואָרן דער שטאַנדפּונקט, וועלכן עס האָט פאָרמולירט דער דעפּוטאַט שימעל־פּעניגק, אַז דאָס געזעץ אָנערקענט בלויז יחידים, ווייל "די געזעלשאַפט איז צוזאַמענגעזעצט בלויז פון יחידים", און אַז ממילא קאָנען יידן באַ־קומען בירגער־רעכט נאָר ווי יחידים "אינדיווידועל און נישט קאָלעק־טיוו ווי אַ נאַציע".* צוזאַמען מיט דער דאָזיקער באַגרינדונג איז דעם 2טן סעפּטעמבער, 1796, ענדגילטיק אָנגענומען געוואָרן דער דעקרעט וועגן יידישער גלייכבאַרעכטיקונג לויט דער רעדאַקציע, וואָס עס האָט צוגעשטעלט אַ קאָמיסיע פון 5, אין וועלכער עס זיינען אַריינגעגאַנגען שימעלפּעניגק, קאַנטעלאאַר, האַאַן, האַמעלספעלד און וואַן סטעענוויק.

דער פעדעראַליסט דע מיסט, אַ מין מילדערע האָלענדישע אויפלאַגע פון רעווּבעל, וועלכער האָט נאָך אין דער דעבאַטע געהאַט אַרויסגערוקט אַר־גומענטן, אַז יידן ליידן צוליב זייערע רדיפות אויף די ערשטע קריסטן, האָט געפּרוּאווט נאָך אין לעצטן מאָמענט צו שטערן, און פאָרגעלייגט אָפּ־צולייגן דעם ענין, אָבער דער דעקרעט איז נאָך דער רעדע פון פאָרזיצער תיכף באַשלאָסן געוואָרן.**

דער טעקסט פון דעקרעט גופא, איז געווען: „קיין ייד טאָר נישט ווערן אויסגעשלאָסן פון רעכט און פּריווילעגיעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם באַטאַווישן בירגער־רעכט, אויב ער וועט באַגערן זיי צו גע־ניסן, בתנאי, אַז ער אַנטשפּרעכט אַלע פאָדערונגען און דערפילט אַלע באַדינגונגען, וואָס די אַלגעמיינע קאָנסטיטוציע וועט פאַרלאַנגען פון יעדן אַקטיוון בירגער פון נידערלאַנד“. אַזוי איז האָלאַנד, אַדאַנק דער פראַנ־צויזישער רעוואָלוציע, געווען דאָס צווייטע לאַנד אין איראָפּע, וואו יידן זיינען געוואָרן גלייכבאַרעכטיקט לויטן געזעץ.

די פינף מיטגלידער פון „פעליקס ליבערטאַטע“, וואָס האָבן געהאַט אַריינגעגעבן די פּעטיציע וועגן גלייכבאַרעכטיקונג, האָבן איצט צוגע־שיקט צו דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג אַ באַגייסטערטן דאַנק־בריוו, וואו זיי האָבן אויסגעדריקט די גרויסע פרייד צוליב דעם טריאומף פון פריי־הייט און גלייכקייט, „וואָס האָט צעריסן די אייזערנע קייטן פון די אָנ־הענגער פון משהס גלויבן“ און צוגעזאָגט צו ווירקן אין דער ריכטונג פון „אויפקלערן אונדזערע ברידער יידן און צו ווייזן זיי דעם וועג פון פליכטן צום נוצן פון אונדזער לאַנד“. אויך דריי אויפגעקלערטע יידן פון האַאַג האָבן אַריינגעשיקט אַן ענלעכן דאַנק־בריוו.

פון דעם דעקרעט וועגן גלייכבאַרעכטיקונג ביז צו זיין אויספירונג אין דער פּראַקטיק איז אָבער אין האָלאַנד דער וועג געווען נאָך אַ לענ־גערער ווי אין פראַנקרייך. לויט דער דעמאָלטדיקער געזעצגעבונג פון לאַנד איז די אויספיר־מאַכט געווען אין דער האַנט פון די פּראָווינציעלע

---

* מיט רעכט ווייזט אָן ש. דובנאָוו, אַז דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט איז געווען אידענטיש מיט דער שטעלונג, וואָס עס האָט אַזוי כאַראַקטעריסטיש געהאַט אַרויס־געבראַכט קלערמאָן־טאָנער אין דער פראַנצויזישער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג.

** אין דער אויבן־דערמאָנטער בראָשורע פון „עדת ישורון“, „אנרעהדע אן מיין מיט בריהדער“ ווערט דערמאָנט, אַז „ענטליך דורך פיהלע טרחות ויגיעות איז עז דאָך דורך גאַנגן, אויב שוין דש דריט חלק פון דיא פרגאהדרונג דויא קעגין וואהר“. געמיינט איז דאָ, מן הסתם, די ערשטע אָפּשטימונג וועגן אויסקלייבן אַ רעדאַקציע־קאָמיסיע. דער רעדאַקטירטער פּראָיעקט איז, ווייזט אויס, אָנגענומען גע־וואָרן כמעט איינשטימיק, וואָרום עס ווערט בלויז דערמאָנט די פאַרשלעפּונג־טאַקטיק פון דעפּוטאַט דע מיסט.

אײנסטאַנצן און דערפֿאַר האָט אויך די נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג צוזאַמען מיטן דעקרעט, דעם 7טן סעפּטעמבער אַרויסגעשיקט אַ רוף „צו דער העכסטער מאַכט" פֿון יעדער באַזונדערער פּראָווינץ: "די „מאַכט־אינ־סטאַנצן זײַנען געוואָרן אויפֿגעפֿאָדערט, „זיך צו דערהויבן איבער אַלע פֿאָראורטײלן, ספֿקות און עגאָאיסטישע פּרואוון פֿון די, וואָס האָבן גע־וואָלט אויסשליסן אונדזערע מיטבירגער פֿון געניסן אונדזערע רעכט". גלײַכצײַטיק איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן אין זין פֿון דעקרעט וועגן אָפּ־טײלן פֿון קירך און מלוכה, אַז „די מלוכה קאָן נישט מער אונטערהאַלטן קיין שום באַציאונגען מיט דער ייִדישער רעליגיעזער געמיינדע, פּונקט ווי מיט וועלכער נישט איז אַנדערער רעליגיעזער געמיינדע".

דער פּראָצעס פֿון פּאַקטישער גלײַכבאַרעכטיקונג איז אָבער געווען אַ שווערער כמעט אויף אַלע געביטן. אויב גילדיעס האָבן נאָך עקזיס־טירט אפֿילו נאָך דעם בטל ווערן דורך דעם געזעץ פֿון 1798, איז נישט קיין חידוש, אַז זיי האָבן אויך ווײַטער דיסקרימינירט קעגן ייִדן, און עס פֿלעגט זיך טרעפֿן, אַז די שטאָט־מאַכט האָט געמוזט אינטערווענירן, כּדי מען זאָל אָפּגעבן ייִדישע סוחרים קאָנפֿיסקירטע סחורה. הגם ייִדן האָבן זיך באַזעצט אין אַ סך שטעט, וואו זיי האָבן פֿריער נישט געטאָרט וואוי־נען, איז נאָך געבליבן אַ גאַנצע פּראָווינץ פֿריזלאַנד, וואו ייִדן זײַנען גע־ווען אונטערגעוואָרפֿן אַלע פֿריערדיקע באַגרענעצונגען, אײַנגעשלאָסן שוץ־געלט.

אויפֿן געביט פֿון רעפּרעזענטאַנץ האָבן ייִדן געהאַט צו פֿאַרצײכענען געוויסע דערפֿאָלגן: אין יאָר 1797 זײַנען אויסגעקליבן געוואָרן אין דער צווייטער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג צוויי ייִדישע דעפּוטאַטן פֿון אַמסטער־דאַם, ברומעט און דר. דע לעמאָן און אויך אין דער דריטער נאַציאָנאַל־פֿאַרזאַמלונג, אין 1798, איז אַרײַנגעגאַנגען אַ ייִדישער דעפּוטאַט, יצחק דאַ קאָסטאַ עתיאש. אין זעלבן יאָר זײַנען אויך געווען אין אַמסטערדאַמער מאַגיסטראַט צוויי ייִדישע פֿאַרטרעטער. אויף קיין מלוכה־אַמטן האָט זיך אָבער אין גאַנצן לאַנד נישט געפֿונען כמעט קיין איין ייִד.

אין 1798 איז פֿאָרגעקומען אַ פֿעדעראַליסטישע איבערקערעניש, און מיט דער ירידה פֿון דער רעוואָלוציע אין פֿראַנקרײַך, וואָס איז דערגאַנגען ביז צו דער פּראָקלאַמירונג פֿון קיסרטום, איז אויך אין האָלאַנד אַלץ מער רעדוצירט געוואָרן דער לכתּחילהדיקער פֿאַרנעם פֿון דער רעוואָ־לוציע. די דאָזיקע פּאָליטישע באַדינגונגען זײַנען אַוודאי נישט געווען מסוגל פֿאַר באַדײַטנדיקע ענדערונגען אין דער פּאַקטישער אויסגלײַ־כונג פֿון ייִדן, הגם די קאָנסטיטוציע, וואָס איז ערשט אָנגענומען געוואָרן דעם 23טן אַפּריל, 1798, האָט אַרײַנגענומען אַ פּאַראַגראַף וועגן גלײַכ־קייט פֿון אַלע בירגער אומאָפּהענגיק פֿון רעליגיע.

§30. די „עדת ישורון" אין קאַמף קעגן דער אַלטער קהילה

נישט געקוקט אויף דעם באַשלוס פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, האָט זיך אין די ערשטע יאָרן אויך וויניק געענדערט די לאַגע בנוגע די מאַכט־קאָמפּעטענצן און פאַרוואַלטונג־סיסטעם אין די קהילות, בפרט אין דער שטאָט אַמסטערדאַם. לויט דעם דעקרעט וועגן אָפּטיילונג פון מלוכה און קירך, האָט אָבער קיין צוואַנג אַנצוגעהערן צו דער קהילה מער נישט געקאָנט עקזיסטירן. די נייע רעכטלעכע לאַגע האָבן אויסגענוצט די מיטגלידער פון „פעליקס ליבערטאַטע". נאָכדעם ווי די קהילה האָט אָפּ־געוואָרפן זייערע פאָרשלאָגן וועגן רעפאָרמירן די פינאַנצן און רעאָרגאַ־ניזירן די קהילה און אפילו זיי באַדראָט מיט הויכע געלט־שטראָפן, לויט די תקנות פון 17טן י״ה, פאַר אַרויסטרעטן קעגן דער קהילה־דיסציפּלין, האָבן 21 מיטגלידער דעם 20טן מערץ, 1797, עפנטלעך דערקלערט, אַז זיי פאַרלאָזן די קהילה. באַלד איז געגרינדעט געוואָרן אַ נייע קהילה אונ־טערן נאָמען „עדת ישורון", מיט אַן אייגענער שול, מקוה, בית־עולם און אַן אייגענעם רב (דעם גר, יצחק בן אברהם גרינבוים). אין יוני איז שוין געפייערט געוואָרן דאָס חנוכת הבית פון דער נייער שול. דער פאָר־זיצער פון דער נייער קהילה, וואָס האָט מיט דער צייט געציילט איבער 100 משפחות, איז געווען דר. הארטאָג לעמאָן. אַזוי איז אין דעם גרעסטן יידישן שטאָטישן ישוב אין אייראָפּע פאָרגעקומען די ערשטע שפּאַלטונג פון אַ קהילה אויפן יסוד פון דער עמאַנציפּאַציע. די רעליגיעזע רעפאָר־מען פון דער נייער קהילה זיינען געווען זייער געמעסיקט און האָבן זיך באַגרענעצט מיט אַזעלכע תיקונים, ווי דאָס אָפּשאַפן די תפילה קעגן מלשינים און מינים, וועלכע האָט געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן ווי אַ באַליידיקונג פון קריסטן, נייע מנהגים פון קבורה, ווי קובר זיין אין אַן ארון און נישט באַלד אין טאָג פון מיתה א. ד. גל.

ביי די קאָנסערוואַטיווע פּרנסים פון דער אַלטער אשכנזישער קהילה איז אָבער די נייע קהילה פאַרהאַסט געווען נישט נאָר צוליב די אומ־שולדיקע רעפאָרמען, אין וועלכע זיי האָבן דערזען אַ סכנה פאַר טראַ־דיציאָנעלער יידישקייט: די „עדת ישורון" איז געווען עלול אונטער־צוגראָבן די עצם יסודות פון דער אַלטער קהילה דורך דעם, וואָס זי האָט געעפנט אַן אייגענע יאַטקע („פלייש האַלע") און דערמיט געבראָכן דעם מאָנאָפּאָל פון פרנסים אויף כשר־פלייש פאַרקויף, ווי די הויפּט־הכנסה פון קהל. די פּרנסים האָבן אויף דער שפּאַלטונג געענטפערט מיט אַן אויפרוף, וואָס איז פאַקטיש געווען אַ חרם אויף די מיטגלידער פון דער

נייער קהילה: זיי האָבן פאַרווערט זיך משדך צו זיין מיט זיי, דערקלערט זייער מקוה פאַר פסול און ממילא זייערע קינדער אַלס ממזרים און, זעלבסט־פאַרשטענדלעך, פאַרבאָטן צו עסן דאָס פלייש פון דער נייער „פלייש־האַלע" ווי טריפה. די שטאָט־מאַכט פון אַמסטערדאַם האָט אין דער דאָזיקער מחלוקה זיך געשטעלט דווקא אויף דער זייט פון די פרנסים, צוליב גאַנץ אָפענע פינאַנציעלע מאָטיוון: מיט דער פאַרטיפונג פון עקאָנאָמישן קריזיס איז כסדר געשטיגן די צאָל אָרעמעלייט אין שטאָט, וואָס האָבן געמוזט אויסגעהאַלטן ווערן פון עפנטלעכער אונטערשטיצונג און דעם שטאָט־מאַגיסטראַט איז דערפאַר געווען זייער ביתא, אַז די יידישע אָרעמעלייט זאָלן אָנשטאָט פאַלן אים צו לאַסט, באַקומען קצבה פון די קהילה־הכנסות פון דער פלייש־טאַקסע... די „עדת ישורון" האָט זיך קעגן דער דאָזיקער פעסטער קאָאַליציע בלויז געקאָנט האַלטן אַדאַנק דער פּאָליטישער שטיצע מצד דער פראַנצויזישער פראָטעקטאָראַט־מאַכט און דער אָפענער סימפּאַטיע פון פראַנצויזישן אַמבאַסאַדאָר נאָעל. קודם־כל האָט אָבער די נייע קהילה געפּרואווט דורך אויפקלערונג און פראָפּאַגאַנדע צו געווינען פאַר זיך די מאַסן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס זייערע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אינטערעסן זי האָט מוטיק און אומדערמידלעך פאַרטיידיקט. די מחלוקה אין דער אַמסטערדאַמער קהילה האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ סאָציאַלן און פּאָליטישן קאַמף, וואָס איז צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אייראָפּייִשן יידנטום אָנגעפירט געוואָרן דורך אַ באַוואוסטזיניקער פּאַרטיי מיט אַלע מיטלען פון דער מאָדערנער פראָפּאַגאַנדע און אונטער די לאָזונגען פון אַ סאָציאַל־פּאָליטישן פראָגראַם.

די „עדת ישורון" איז נאָך אין 1807 אין אַ מעמאָראַנדום פון אַמסטערדאַמער בירגערמייסטער, פאָלל, צום קיניג, באַצייכנט געוואָרן מיט ביטול, להיפּך צום אַלטן קהל, ווי אַ גרופּע „אינדיווידועןכמעט אָן אַ שום פאַרמעגן און ממילא אַזעלכע, וואָס האָבן ווייניק אָדער גאָרנישט וואָס צו פאַרלירן". אָבער אפילו אָפּגערעדט פון דער דאָזיקער, אגב, שטאַרק גוזמאדיקער באַצייכענונג פון דעם סאָציאַלן שטאַנד פון די אינטעליגענטן און סוחרים, וואָס זיינען געווען די אָנפירער פון „עדת ישורון", האָט די דאָזיקע קהילה, ווי דער המשך פון דעם קלוב, „פעליקס ליבערטאַטע", דווקא אויפן יסוד פון איר פּאָליטישן פראָגראַם פון מאָדערניזירן דאָס יידישע לעבן, זיך אָנגענומען פאַר דער אונטערדריקטער יידישער מאַסע קעגן דער פעאָדאַלער קהילה. נישט געקוקט אויף איר מאַקסימום פראָגראַם פון שפּראַך־אַסימילאַציע פון האָלענדישן יידנטום, איז די דאָזיקע גרופּע אין איר פראָפּאַגאַנדע געשטאַנען אויף דעם רעאַלן באָדן פון דער יידישער שפּראַך פון די מאַסן, וועלכע זי פלעגט אפילו אַמאָל באַציי־

כּענען ווי „אונדזער יודיש לשון“. אויף יידיש האָט דער קלוב „פעליקס ליבערטאַטע“ אַרויסגעלאָזט אויפרופן, ווי אויך פּאָפּולערע דיאַלאָגן, הגם ער האָט אין דער זעלבער צייט שוין פאַרעפנטלעכט פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור אויך אויף האָלענדיש. אויף יידיש זיינען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן די סטאַטוטן פון דער ניי־געגרינדעטער קהילה, „עדת־ישורון“. הגם בנוגע דער פּאָלעמישער ליטעראַטור קעגן דער קהילה האָבן די מחברים אויך זיך גערעכנט דערמיט, אַז די ידיעות וועגן אַלע מעשים פון דער קהילה זאָלן נישט פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פון יידן ביי דער אַרומיקער באַפעלקערונג, איז די הויפּט־מניעה פון שרייבן האָלענדיש געווען דער פאַקט, וואָס דער ברייטער עולם האָט קיין „גלחות“, ד. ה. האָלענדיש, מיט לאַטיינישע אותיות נישט געקאָנט לייענען.

אויך דער קרייז פון העברייאיש־לייענער איז אָן אָן ערך געווען קלענער ווי פון יידיש־לייענער. די אויפקלער־גרופּע און איינצעלנע אירע מיטגלידער האָבן דערפאַר געוויסע שירים (שיר על החירות פון ליפּמאַן ברונפעלד), דאָקומענטן (דעקלאַראַציע פון מענטשן־רעכט אין פרידריכס־פעלדס איבערזעצונג) און אפילו אַ גרעסער ווערק, ווי צבי הירש אילפעלדס „דברי נגידים“, אַ פּראָטאָקאָל־באַריכט פון די פאַרהאַנדלונגען אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג וועגן דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, אַרויסגעגעבן אויף העברייאיש. די הויפּטשפּראַך פון דער פּראָפּאַגאַנדע, — און פּאָלעמישער ליטעראַטור איז אָבער געווען יידיש. צוליב דעם זעלבן טעם — צו דערגרייכן די גרעסטע מאַסן, האָט אויך די גרופּע „עדת ישורון“, וואָס האָט תחילת געמאַכט חוזק פון דער „צאינה וראינה אָדער טייטש־חומש“ שפּראַך פון דער אַלטער קהילה, און באַמיט זיך צו שרייבן „הויך טייטש“ מיט העברייאישע אותיות, אַליין אַלץ מער זיך באַנוצט אין דער ליטעראַטור מיט דעם פאָלקסטימלעכן יידיש, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש אי מיט זיינע האָלאַנדיזמען אי מיט זיין רייכקייט פון העברייאישע ווערטער. פּונקט ווי דעם אָנהייב פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור בכלל אין דער יידישער שפּראַך, אַזוי האָבן מיר, בכן, אויך די ערשטע יידישע פּאָליטישע ליטעראַטור אויף יידיש צו פאַרדאַנקען נישט דער ליבע פון די מחברים צו דער שפּראַך פון פאָלק, נאָר זייער איינזען אין דער נויטווענדיקייט צוצוקומען מיט דער אויפקלערונג־פּראָפּאַגאַנדע צו די ברייטסטע פאָלקס־שיכטן.

אַחוץ אַ וואָכנשריפט אונטערן קעפּל „דער דיסקוהרש“ (דער שמועס), וואָס איז לפי ערך רעגולער דערשינען פון אָנהויב האַרבסט 1797 ביז פרילינג 1798, האָט די „עדת ישורון“ אַרויסגעגעבן פּאָפּולערע דיאַלאָגן, פּאָליטישע בראָשורן, לידער א. אַז. וו. די פּרנסים פון דער אַלטער קהילה ווערן געשטעמפּלט ווי עמי־הארצים, בלינדע פאַנאַטיקער, פּוסטע בעלי־

גאוההס, צבועקעס; מיט דער גרעסטער שאַרפקייט האָבן אָבער די אויפ־געקלערטע מחברים פון דער פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור אַטאַקירט דעם סאָציאַלן אונטערדריקונגס־סיסטעם און די פּאָליטישע רעאַקציאָנערישקייט פון די אַלטע קהילה־מנהיגים. „קיין מלך איז זויא סאָווריין אַלש קהל“, איז אַ לאָזונג, וואָס חזרט זיך איבער כסדר אין די דאָזיקע שריפטן. די סטאַטוטן פון קהל זיינען „תקנות סדום“. די פרנסים זיינען „שורקן, דעס־פּאָהטען, טיראַננען, אונטער דריקקערס דעס אָרמען מאַננעס“. אָנשטאָט יעדער פון דער קהילה זאָל באַצאָלן שטייער לויט זיין פאַרמעגלעכקייט, האָבן זיי די גאַנצע הכנסה פון דער קהילה אויפגעבויט אויף דער „פליישהאַלע“, באַלאַסטנדיק די ברייטסטע אָרעמע מאַסן מיט דעם קהילה־בודזשעט. אָבער אויך דער קהילה־סיסטעם פון אונטערשטיצונג פאַר אָרעמע־לייט איז איין שרייענדיקע עוולה; דער הקדש איז „מלאך המות ען קאָמפּאַניע“, אַ באַשולדיקונג, וואָס ווערט אומדירעקט באַשטעטיקט אין דערמאָנטן באַריכט פון בירגערמייסטער פון יאַר 1807, אַז ערשט נישט לאַנג צוריק איז אויפגעבויט געוואָרן אַ יידיש שפּיטאָל. אַז אָרעמאַן באַקומט נישט אפילו קיין מעגלעכקייט צוצוקומען צום קהילה־דאָקטאָר, נאָר מוז זיך באַגנוגענען מיט אַ „ביקור־חולים צעטל“ צום „ברבירה“ (פעלד־שער). אויך ווינטער ווערט נישט פאַרטיילט קיין טאָרף צום הייצן פאַר אָרעמע־לייט, און „די ארמי יהודים נעביך אללי ווינטער קראַפּהירן“. אויך די רבנים און דיינים ווערן באַשולדיקט, אַז זיי האַלטן מיט די פרנסים, און אַז אָרעמע פרוי אָדער מאַן שטייט פון מאָרגן ביז אָונט אַן שיך אָדער קליידער אין קעלט, רעגן, שניי „און ווערט דאָך דיא טאַהג ((דעם טאָג) ניט געהאָלפן און וויא פיהל אויפפּאַסערס אונד הינדעשלעגערס העננד איר העט מעזן (מוזן) פּאַסיהרען. מיט וועלכע חרפה, מיט וועלכע בושה מן אייך בהאַנדלט האַט...“

אַחוץ דער עקספּלואַטאַציע דורך נאַרמאַלע און לעגאַלע מיטלען, ווערן די פרנסים און גבאים פון צדקה באַשולדיקט אין גנבה, פאַרשווענדונג פון קהלשע געלטער און שווינדל. מיט אַלע אַרגומענטן באַמיען זיך די אויפקלערער צו באַווייזן דעם עולם, אַז די קעגנערשאַפט פון די פרנסים צו דער נייער אָרדענונג נעמט זיך דערפון, וואָס זייער הערשאַפט שטיצט זיך אויף אַ שותפות מיט דעם אַלטן רעזשים, וואָס איז געבויט אויף „אַריסטאָקראַטיע“, אויף רעכטלאָזיקייט פון די יידישע מאַסן, אַ סיסטעם, וואו דער „גמיינר מאַן“ איז געווען „גדרוקט פון דיא מדינה, גדרוקט פון דיא פרנסים“. די קהל־לייט, אַליין גבירים אדירים, האָבן נישט געפילט קיין נויטווענדיקייט צו קעמפן פאַר די רעכט פון די מאַסן: „אייגענזיננינגה גשעפף דיא אל דש וואָהל זיין איהרער מיט בריהדער, איהרעם שטאָלץ אויף אָפּפערען, דיא אויף איהר רייכטום, אויף איהר געוואוכער־

טעס גאָלד פראַהלען“. הגם זיי זיינען אַלע עמי־הארצים, גרויסן זיי זיך איבערן פאָלק און האָבן אפילו, אין דער שול איינגעפירט, „בזונדרי קלאַססן“ ביים דאַוונען. פאַר דער בילדונג פון פאָלק זאָרגן זיי בישט, זיי האָבן דאָס פאָלק געמאַכט צו שאַנד ביי די בישט־יידן, „נבזה ונמאס בעיני עם הארץ“; די נייע קהילה־פירער אַפעלירן צום פאָלק, אַז מען מוז לער־נען, שטודירן, כדי צו פאַרשטיין די אייגענע לאַגע און די פאָליטישע לאַגע אין לאַנד: „אדרבא, וויא מעהר דש אהנר שטודיהרן וויל, זויא בעסיר דש עז איזט“.

באַגייסטערט פאַר דער קאַפיטאַליסטישער דעמאָקראַטיע גיבן די פי־רער פון „עדת ישורון“ צו פאַרשטיין דעם פאָלק, אַז זיי מיינען נישט איינצופירן אַ סאָציאַלן אויסגלייך פון אָרעמע מיט רייכע, נאָר אַ גלייכ־קייט פון געזעצלעכער דעמאָקראַטיע: „די פראַנצאָהזע האבן איין רע־וואָלוציהאָן אין איהר מדינה פול בראַכט אונד האבן גזאגט: ,דער מענטש איז פרייא׳ דש איזט: פרייא אין זיינע גדאַנקן, ער מעהגט גאָט דיהנן וויא ער וויל. דש הייסט יהודי אודר קיין יהודי ———אים פר מעהגן קען דער אָרמר מיט דעם קצין* ניט גלייך זיין ער איזט אים אָבר דאָך גלייך, ווען יעדר נאָך זיין ערך אויף ברינגט, איזט דש ווענינה פון דעם אָרמר מן זא פיהל אונד פילייכט נאָך מעהר אַלץ דש פיהל דעס רייכן“...

דאָך, אָטעמט די פראָפּאַגאַנדע פון די אויפקלערער מיט סאָציאַלן פראָטעסט, אַפעלירט דווקא צו די סאָציאַל־אונטערדריקטע, צו זייער פאַר־ביטערונג: „טרויאַט ניט דער גלאַטטע צונג דעס רייכען; לאסט דש גאָלד אייך ניכט פר בלענדן“. ווי אין דער תקופה פון דער פראַנצוי־זישער רעוואָלוציע בכלל, ווערט אויך זייער קאַמף קעגן „אַריסטאָקראַטן“ געפירט אונטערן לאָזונג פון אָפּשאַפן די פריווילעגיעס פון די רייכע, זייער הערשנדיקע פאָזיציע אין דער געזעלשאַפט, און אויפריכטן דעם פאָלקס־מענטש, דעם „געמיינעם מאַן“. זיי זיינען אויך אויפריכטיק, ווען זיי פאַרזיכערן דעם פשוטן מענטשן, אַז זיי ווילן וועקן זיין מוט, זיין זעלבסטווירדע: „ניין! קיין אימה! איין גרושטהייט* וויל איך אייך איין בלאָהזן“, רופט אויס די „עדת ישורון“ צום פאָלק אין איינער פון די בראָשורן.

אַ כאַראַקטעריסטישן ביישפיל פון דער פראָפאַגאַנדע קעגן דער אַל־טער קהילה אין אַמסטערדאַם אונטער די לאָזונגען פון דער פראַנצויזי־

* „קצין“ האָט ביי יידן אין דייטשלאַנד, אין מערב־איראָפּע און אויך אין אַמעריקע אין יענער צייט באַטייט דאָס זעלבע ווי „נגיד“; תחילת האָט דאָס וואָרט באַצייכנט אַ פרנס. שפּעטער אַ גביר בכלל.

* האָלענדיש: רואיקייט, באַרואיקונג.

שער רעוואָלוציע, זיינען די שפּאָט־לידער אויף דער אַלטער קהילה, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם וואָכנבלאַט „דיסקוהרש", איינס „בניגון מאַרסעליאַנשע מאַרש" און אַ צווייטס „בניגון קאַרמאַניאָלע". די לידער דריקן אויס דעם, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, צייט־ווייליקן, טריאומף פון דער „עדת ישורון", אין פרילינג 1798, ווען די רע־גירונג האָט אַראָפּגעזעצט די אַלטע פּרנסים. אָט זיינען עטלעכע סטראָפעס פון ערשטן ליד אונטערן קעפּל „יודש פאָלקס ליהד":

1.

קומט נון אַללע בעלי בתים קינדער,
זעהט נון וואָס איין יום טוב איז דויא!
קיינער קען אייך טוהן איין הינדר,
קלייד אייך אַללע וויס, רויט אונד בלויא!

פרנסים אַריסטאָקראַהטען
זענן נון קיין אָרטכע[1] וועהרט,
איהר שמחה איזט פּאַר שטעהרט,
וואש זאָגן נון איהר אַדוואָקאַטן?
אָ שמע, שמע ישראל
וואש איין חרפה פר דיא בוהל[2]
טריאומף האָט נוא
דיא נייע קהלה שוהל

2.

א, זיא רוהפן נון אוחילה
אונד מוזן אויש דיא באנק
זיא פרייאען[3] נון מחילה
אונד געהן וועג מיט שטאַנק.

אָ וואש איזט נון איהר תקוה,
ווא איזט נון איהר פלייש האלל.[4]
אָ וועלכע שרעקליכר פאלל!
וועק מיט איר שטינקענד מקוה!
אָ שמע, שמע ישראל . . .

1) אָאָרט — אַ קליינע מטבע, אַ גראָשן (דערקלערונג פון דר. י. שאַצקי).
2) אויף האָלענדיש: המון.
3) מן הסתם דאָס האָלענדישע וואָרט „פּראכן", ד. ה. פרעגן, בעטן.
4) דורך דער רעאָרגאַניזאַציע פון דער קהילה, האָט איר פלייש־האלע ניט גע־האַט מער דעם מאָנאָפּאָל.

3.

זיא פרציהלן יציאות מצרים
און וואללען קיין פרייאהייט ניכט
זיא נעננען דיא אנדרי קראים
דיא דאָ טוהן איהר בארגר פפליכט.

וויא ווירט זיא שמעקקן איהר אפיקומן
וואש איין ביטרר מרור, איי
וויר זענן אללי פרייא
אונד זיא מוזן קהל שטוב רוימען.
אָ שמע, שמע ישראל . . .

די אַלטע קהילה האָט ביי אַזאַ אינטענסיווער, סיסטעמאַטישער פּראָפּאַגאַנדע פון „עדת ישורון", זיך נישט געקאָנט באַגנוגענען מיט דעם רעליגיעזן באַיקאָט און אויך נישט מיטן באַיקאָט פון דער דרוקעריי, וואו עס זיינען דערשינען די „ביכלעך", נאָר האָט זיך גענומען צו קעגן־פּראָפּאַגאַנדע. אין אירע „דיסקורסן", וואָס זיינען פולשטענדיק געווען נאָכגעמאַכט דעם וואָכן־בלאַט פון דער נייער קהילה, האָט זי פאַרגעוואָרפן די רעפאָרמער נישט נאָר, אַז זיי זיינען מחלל שבת און לייגן נישט קיין תפילין, נאָר אויך, אַז זיי רעדן אין זייער שול האָלענדיש; זיי לערנען „פרעמדע לשונות אונדז אונזר מוטר טאהל (שפּראַך) גאַנץ פרגעסין"; זיי ענדערן זייערע נעמען (פון קלמן ווערט קאַראָלוס...) און באַווייזן דערמיט, אַז „זיא חרפנין זיך פר זיך זעלבסט דש זיא יהודים זענען"; זיי זיינען אפילו „כופר בביאת המשיח". אויף אַזאַ אופן האָט די פּראָפּאַגאַנדע פון דער אַלטער קהילה אַפּעלירט אַחוץ צו די רעליגיעזע געפילן אויך צו די נאַציאָנאַלע טראַדיציעס פון די מאַסן. „וואָרפאַהר זעגין מיר דען יהודים — לייענען מיר אין אַ דיאַלאָג פון די אַלטע קהילה־אָנהענגער — מיר אונטער אַנגדר מוזין יהודת ריידן".

די נייע קהילה האָט אין איר פּאָלעמיק כאַראַקטעריסטיש אויסגעמידן די פראַגע וועגן שפּראַך און נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון יידן; זי האָט בלויז די טענה, אַז יידן זיינען סיי ווי סיי אין גלות, און דערפאַר לוינט זיך נישט דער קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג, טרעפלעך אָפּגעווענדט; „מיהר דלפנים העבן גלות. ווען זיא העטטן גוועלט, וועהרן אל דיא יהודים שוין אויז עז גלות פון הונגער ליידן". דער עיקר האָבן די לייט פון „עדת ישורון" זיך פאַרענטפערט, אַז זיי זיינען די אמתע פאַרטיידיקער פון „דת אמונתנו הקדושה", פון דער הייליקייט פון דער יידישער רעליגיע, בעת די פירער פון דער אַלטער קהילה זיינען צבועקעס, וואָס

באַנוצן רעליגיעזע אַרגומענטן כדי צו געוועלטיקן הפקרדיק איבער די מאַסן. די קעגן־פּראָפּאַגאַנדע פון דער אַלטער קהילה האָט אין רעזול־טאַט באַוויזן איר כוח, און איר סיסטעם פון צדקה האָט מיט אַלע זייַנע עוולות און חסרונות צוגעבונדן צו איר די פאַראָרעמטע באַפעלקערונג, וואָס האָט מורא געהאַט צו פאַרלירן די שטיצע.

הגם די „עדת ישורון" האָט דערצייַלט, אַז בלויז די „פּוילישע שמייכ־לערס און שנאָררערס" האַלטן מיט די פּרנסים, איז די נייַע קהילה גע־בליבן באַגרענעצט צו אַ קליינער גרופּע, וואָס האָט אַרומגענומען נישט מער ווי אַ 2 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין אַמסטערדאַם.

די לאַגע האָט זיך אין דעם פּרט נישט קיין סך געענדערט אפילו אין 1798, ווען די פּרנסים פון דער אַלטער קהילה זייַנען דעם 18טן מערץ, נאָך דער ראַדיקאַלער איבערקערעניש אין דער מלוכה פון 22טן יאַנואַר (לויטן מוסטער פון שטאַטס־שטרייך פון 18טן פרוקטידאָר — 4טן סעפּ־טעמבער, 1797, אין פראַנקרייך) אַראָפּגעזעצט געוואָרן דורך דעם די־רעקטאָריאַט פון דער רעפּובליק אַלס שולדיקע אין „אַריסטאָקראַטישן דעספּאָטיזם" און אויף זייער אָרט זייַנען אויסגעוויילט געוואָרן 5 נייַע קהילה־פאַרוואַלטער, מער געניייגט צו ליבעראַליזם. די „עדת ישורון" האָט זיך געפילט אַזוי שוואַך, אַז זי האָט אפילו צו די אַראָפּגעזעצטע פּרנסים אַפּעלירט וועגן רעאָרגאַניזירן די קהילה און צוריק איינשטעלן איר גאַנצ־קייט. נאָך אַ פּאָר חדשים, דעם 12טן יוני, 1798, איז אָבער — ווידער לויטן מוסטער פון פראַנקרייך, דעם 22טן פלאָרעאַל 1798 — געקומען אַ „שטאַטס־שטרייך" מיט אַ רוק אויף רעכטס און די אַלטע פּרנסים זייַנען ניט נאָר דורך דער שטאַט־פאַרוואַלטונג צוריק באַזעצט געוואָרן אויף זייערע אַמטן, נאָר זיי האָבן זינט דעמאָלט, אין משך פון 10 יאָר, ביז צו דער איינפירונג פון דער קאָנסיסטאָריע, בכלל נישט אַדורכגעפירט קיין וואַלן.

דער ביישפּיל פון „פעליקס ליבערטאַטע" און פון „עדת ישורון" האָט אויך דערמוטיקט אַ גרופּע אויפגעקלערטע יידן אין האַאַג, מיט דעם דאָר־טיקן לערער און משכיל משה בעלאינפאַנטע בראש, צו גרינדן אין יאָר 1797 אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך אָנגערופן אויף האָלענדיש „דורך התמדה און אחדות". די געזעלשאַפט, וואָס האָט געציילט אַרום 50 מיט־גלידער, דערפון אויך עטלעכע נישט־יידן, האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו ווירקן, אַז האָלענדיש זאָל געלערנט ווערן אין יידישע שולן און אַז יידישע קינדער זאָלן צוגעלאָזט ווערן צו די שטאַטישע שולן און האָט זיך באַמיט צו פאַרשפּרייטן מלאכה צווישן יידישער יוגנט און אַרבעטס־לאָזע. נאָך איידער דער דאָזיקער פאַראיין האָט זיך אויפגעלייזט אין 1799 צוליב די מלחמה־געשעענישן, איז אין אַמסטערדאַם אין 1798 אויפגע־

קומען אַן ענלעכע געזעלשאַפט מיט צילן פון פּראָדוקטיוויזאַציע אונטערן נאָמען „פּאַר אַרבעט און התמדה“, וואָס האָט אין י. 1807 שוין געציילט קרוב 450 מיטגלידער. נישט געקוקט אויף דער רירעוודיקייט און ענער־גיע פון די אויפקלערער, האָט זייער אַרבעט ביז צום סוף פון דער באַטאַ־ווישער רעפּובליק געהאַט אַן אָפּקלאַנג בלויז אין ענגע קרייזן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין האָלאַנד. די לאַגע האָט זיך געענדערט אין דער תקופה פון קיניג לודוויג באָנאַפּארטע, ווען די נייע ריכטונג האָט באַקומען דעם אָנשפּאַר אין דער מלוכה, קודם כל פאַר אירע אַסימילאַ־ציע־צילן.

§ 31. די מלוכה פון לודוויג נאַפּאָלעאָן און דער סיסטעם פון יידישע קאָנסיסטאָריעס

אין 1806 איז האָלאַנד נאָך אַלע גילגולים פון דער ירידה פון דער באַטאַווישער רעפּובליק, דערקלערט געוואָרן דורכן ווילן פון נאַפּאָלעאָן אַלס מלוכה אונטער דער הערשאַפט פון זיין ברודער לודוויג באָנאַפּארטע. דער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס האָט געהאַט אַרומגעכאַפּט דאָס לאַנד זינט די לעצטע צענדליקער יאָרן פון 18טן י״ה, איז איצט געוואַלטיק פאַרשאַרפט געוואָרן דורך דער בלאָקאַדע קעגן ענגלאַנד (1806), וועלכע האָט שוין פריער געהאַט באַוויזן אַרויסצורייסן פון האָלאַנד דעם מאָנאָפּאָל אין קאָלאָניאַל האַנדל. באַזונדערס איז געטראָפן געוואָרן דורך דעם קריזיס די שטאָט אַמסטערדאַם, וואו נישט נאָר דער האַנדל, נאָר אויך די באַנק־געשעפטן זיינען שטאַרק איינגעשרומפּן געוואָרן. די יידישע אָרעמקייט אין דער מעטראָפּאָליע, וואָס איז אין 1807 אויך געוואָרן די הויפּטשטאָט, איז אפילו לויט אָפיציעלע באַריכטן, געווען אומפאַרגלייכלעך גרעסער ווי פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. לויט דעם באַריכט פון בירגערמייסטער פאָלל פון יאָר 1807, האָבן אין אַמסטערדאַם צווישן 30,000 נפשות פון דער אשכנזישער קהילה 18,000, ד. ה. כמעט צוויי־דריטל געמוזט אָנקומען צו שטיצע פון דער קהילה. אויך אין דער ספרדישער קהילה פון אַמסטערדאַם איז די פּראָפּאָרציע פון נויטבאַדערפטיקע געווען בערך די זעלבע: פון 2,518 מיטגלידער פון דער קהילה אין יאָר 1812 האָבן 1,420 נישט געקאָנט אויסקומען אָן צדקה.

אין דער פּראָווינץ, וועלכע האָט ווייניקער געליטן פון קריזיס, איז אויך ביי יידן דאָס דחקות נישט געווען אַזוי גרויס, דאָך האָט זיך אויך דאָרט די צאָל און פּראָפּאָרציע פון אָרעמעלייט פאַרגרעסערט: די קהילה זוואָללע האָט אין 1808 בערך אַ דריטל פון איר בודזשעט געמוזט באַשטימען פאַר אָרעמעלייט, אַחוץ וואָס זי האָט אַדורכגעפירט זאַמלונגען איבער די הייזער. די קאָנסערוואַטיווע קהילה־פירער האָבן אויך אין אַנבליק פון דער דאָזיקער לאַגע נישט געפונען פאַר די מאַסן קיין אַנדער פּראָגראַם, ווי דעם אַלטן רעצעפּט פון פרומקייט, דיסציפּלין לגבי די פרנסים און צדקה־קיצבה.

אָבער אויך אין לאַגער פון די אויפגעקלערטע איז די תקופה פון „שטורם און דראַנג" שוין לאַנג אַריבער. פונקט ווי די אַלגעמיינע בורזשואַזיע

אין לאַנד האָט מיט דער ירידה פון דער רעוואָלוציע אַוועקגעלייגט אָן אַ זייט אירע אַמאָליקע לאָזונגען, וואָס זיינען געווען אין די אינטערעסן פון גאַנצן פאָלק און איז אָפן אַרויסגעקומען מיט איר עגאָאיסטישן קלאַסן־פּראָגראַם, אַזוי האָבן אויך די אויפגעקלערטע פּיאָנערן פון דער מאָ־דערנער יידישער בורזשואַזיע אין האָלאַנד אין דער נאַפּאָלעאָנישער תקופה פאַרגעסן אָן זייער רעוואָלוציאָנערן פרילינג, ווען זיי האָבן זיך אָנגע־שטרענגט מיט אַלע מיטלען פון פּראָפּאַגאַנדע אַריינצוציען די מאַסן אין קאַמף פאַר דער נייער אָרדענונג. דאָס ליכט האָבן זיי געזען אויפגיין אין פּאַריז, אין דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג און אין „גרויסן סנהדרין". מיט באַוואונדערונג און קנאה האָבן זיי געקוקט אויף דער יידישער בורזשו־אַזיע אין פראַנקרייך און איטאַליע, וועלכע איז געווען אַזוי קרוב למלכות און האָט מיטן כוח פון מלכות אַדורכגעפירט אַלע רעפאָרמען לטובת איר אייגענעם קלאַסן־פּרעסטיזש און קלאַסן־אינטערעסן: רעפאָרם פון דער יידישער רעליגיע און איר אָרגאַניזאַציע אונטער דער אייגענער השגחה, שפּראַכלעכע און קולטורעלע צוואַנג־אַסימילאַציע, גזירות קעגן בעטלער, אָרעמעלייט און אומפאַרמעגלעכע אימיגראַנטן. אויפן פאָן פון דער יידי־שער ווירקלעכקייט אין האָלאַנד, וואו די יידישע מאַסן זיינען געווען קאָנצענטרירטער און פעסטער פאַרוואָרצלט אין דער אייגענער שפּראַכ־לעכער און נאַציאָנאַל־קולטורעלער סביבה, זיינען די אַסימילאַטאָרישע אָנ־שטרענגונגען פון די רעפאָרמער געווען אי פאַרעקשנטער אי נאָך מער אָפּשטויסנדיק ווי אין פראַנקרייך. דער אינסטינקטיווער ווידערווילן פון די מאַסן קעגן דער דאָזיקער ברוטאַלער אַסימילאַציע־פּאָליטיק האָט גורם געווען, אַז די מאָדערניזאַטאָרן האָבן אויך נישט געהאַט קיין הצלחה מיט די פּאָזיטיווע, פּראָגרעסיווע פּונקטן פון זייער פּראָגראַם, וועלכע זיי האָבן אין ענגער פאַרבינדונג מיט זייערע אַסימילאַציע־צילן דווקא ערנסטער גענומען ווי אין פראַנקרייך; דורך דער פּראָפּאַגאַנדע פון מאָדערנע שולן פון וועלטלעכער בילדונג און פון האַנטווערק, האָבן זיי געוואָלט פאַר־ענטפערן די גרויסע נויט פון די יידישע מאַסן, וועלכע האָט געשטערט זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן און געשטעלט אין סכנה זייער גלייכבאַ־רעכטיקונג און קלאַסן־פּרעסטיזש.

דער קיניג לודוויג, וועלכער האָט זיך געפילט נישט גאַנץ זיכער מיט זיין פּאָזיציע אין לאַנד, האָט נישט געקאָנט גרינגשעצן די זיכערע פּאָליטישע שטיצע, וועלכע ער האָט געקאָנט געפינען ביי זיינע יידישע אונטערטאַנען. צוליב דעם איז ער אויך געווען פּאַרזיכטיק אין אַדורכ־פירן ביי זיך אין לאַנד די רעפאָרמען, וועלכע זיין ברודער נאַפּאָלעאָן האָט אַרויפגעצוואונגען אויף די יידן פון זיין מלוכה. ווען די ספרדישע און אשכנזישע קהילות אין לאַנד האָבן אָפּגעוואָרפן די איינלאַדונג פון

דער נאַטאַבלען־פאַרזאַמלונג צו שיקן דעלעגאַטן צום סנהדרין אין פּאַריז,* האָט ער אויף דער ווענדונג פון דער נייער קהילה „עדת ישורון" דער־לויבט צו שיקן אַ דעלעגאַציע, מיט דעם בפירושן תנאַי, אַז זי טאָר נישט קיינעם רעפּרעזענטירן, אַחוץ, איר אייגענע קהילה. הגם די דע־לעגאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון דר. דע לעמאַן, קאַרל אַססער און יהודה ליטוואַק, איז צוגעלאָזן געוואָרן צום סנהדרין בלויז ווי געסט, אָן שטים־רעכט, האָבן אירע מיטגלידער געהאַלטן דאָרט רעדעס פול מיט התפעלות פאַר די באַשלוסן און פייערלעך צוגעזאָגט זיי אויסצופירן ביי זיך אין דער היים.

צוריקקומענדיק אַהיים, האָט די דעלעגאַציע אין איר באַריכט צום קיניג אָנגעוויזן אויף דער „רעגענעראַציע" פון יידן, וואָס איז אַדורכגע־פירט געוואָרן אין פראַנקרייך און אין איטאַליע און וואָס וועט נאָך וואַקסן אַדאַנק די באַשלוסן פון סנהדרין. באַזונדער ווערט באַטאָנט אין באַריכט דער פאַקט, וואָס „אַ סך אונדזערע ברידער האָבן דאָס גליק צו באַקומען די דעקאָראַציע פון ערן־קרייץ און אַנדערע פאַרנעמען די בכבודיקסטע ריכטער־שטעלעס". די דעלעגאַטן מאַכן דעם אויספיר, אַז אויך אין האָ־לאַנד דאַרף פאַרבעסערט ווערן די רעכטלעכע לאַגע פון יידן, אַז עס דאַרף געזאָרגט ווערן פאַר דער דערציאונג פון דער יידישער יוגנט און עס איז נויטיק אַ פאַרבאָט פון בעטלעריי און לייִדיקגייעריי.

אַ חודש שפּעטער, סוף יוני 1807, האָט די „עדת ישורון" איבערגע־שיקט דעם קיניג אַ מעמאָראַנדום מיט דעם זעלבן פּראָגראַם פון „גליק־לעך מאַכן 60,000 פון זיינע אונטערטאַנען". אין דעם מעמאָראַנדום ראָטן זיי דעם קיניג מיט אַ באַזונדערער דרינגלעכקייט, ער זאָל פאַרטיילן אַ צאָל יידן מעדאַלן און אַמטן, ווייל די פּאָליטיק פון זיין ברודער נאַפּאָ־לעאָן האָט באַוויזן, אַז דאָס איז דאָס בעסטע מיטל צו צעשטערן די פאָר־אורטיילן קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. זיי בעטן אויך בפירוש, אַז ביי דער פאַרטיילונג פון די דאָזיקע כיבודים, זאָל דער קיניג אין זין

* אין בריוו פון דער אשכנזישער קהילה צו דער „אסיפת פקידי ישראל יושבי צרפת ואיטליה" (נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג) פון י"ח למרחשון תקס"ז, ווערט אָנגעגעבן ווי אַ מאָטיוו פון אָפּזאָגן צו באַטייליקן זיך אין סנהדרין אַזאַ סברה: פאַר פראַנקרייך און איטאַליע איז טאַקע נויטיק אַזאַ סנהדרין „כדי אויפצוהויבן די פּאַן פון אונזער הייליקער תורה" און כדי „די פעלקער... זאָלן אָפּטון פון זייערע הערצער די שנאה" צו יידן. פאַר האָלאַנד איז דאָס אָבער ניט נויטיק, היות דאָ האָבן יידן אַלע־מאָל גענאָסן פון גלייכקייט און דערפאַר איז דאָס לאַנד געוואָרן אַ מקלט פאַר יידן פון פוילן און דייטשלאַנד"... עס איז אָבער איבעריק צו באַמערקן, אַז דער אמתער מאָטיוו פון אָפּזאָגן איז געווען דער ווידערווילן קעגן אַלע פּרואוון פון רעפאָרמירן די יידישע רעליגיע.

האָבן זייער „נייע קהילה״, וועלכע צייכנט זיך אויס שוין פון לאַנג מיט אירע ליבעראַלע פּרינציפּן לויט די וואונטשן פון אומשטערבלעכן נאַפּאָלעאָן און מיט פאַרשפּרייטן סאָציאַלע טוגנט צווישן אירע „רעליגיאָנס ברידער״ . . .

אין דער זעלבער צייט, אין די יאָרן 1806־1808, שיקן אַריין עטלעכע מעמאָראַנדומס צום קיניג דער אַדוואָקאַט קאַרל אססער און דער גביר און פּראָמינענטער יוריסט יאָנאַל דניאל מעיער. זיי האָבן אָנגעוויזן אויף דער דיסקרימינאַציע קעגן יידן אין לאַנד, אין מלוכהשע און געזעל־שאַפטלעכע אינסטיטוציעס און אויף דער אויסטערלישער אָרעמקייט און פּלאָג פון בעטלערײַ ביי יידן אין אַמסטערדאַם. אויך זיי שלאָגן פאָר אויפ־צונעמען יידן אַלס מלוכה־באַאַמטע און שטאָטראַט־מיטגלידער, אָבער אַחוץ דעם אַ רעאָרגאַניזאַציע פון די קהילות, וועלכע געפינען זיך אין אַ ירידה צוליב דער ווירטשאַפט פון די אַלטע פּרנסים און אין שייכות דערמיט דאָס איינפירן פון שולן און אינסטיטוציעס פאַר אָרעמע.

אויפן קיניגס פאַרלאַנג האָט דעם 2טן מערץ, 1807, אויך צוגעשטעלט אַ באַריכט וועגן דער לאַגע פון די אשכנזישע יידן אין אַמסטערדאַם דער בירגערמייסטער וואַן דע פּאָלל. דער בירגערמייסטער לויבט די פּרנסים פאַר זייער ווירטשאַפט, וואָס האָט אין משך פון 10 יאָר געבראַכט אַ פאַר־קלענערונג פון די קהילה־חובות אויף מער ווי אַ העלפט (פון 423,000 גילדן ביז 195,000 גילדן); הגם ער איז מודה, אַז די קהילה־הכנסות קומען דער עיקר פון דער פליש־טאַקסע, און דער דירעקטער קהילה־שטייער ברענגט נישט אַריין מער ווי בערך 10,000 גילדן אַ יאָר. זיין מאָטיוו פאַר איבערלאָזן די אַלטע פּרנסים זאָגט ער אָפן אַרויס: די שטאָט אַמסטערדאַם איז סיי ווי באַשווערט מיט חובות און קאָן נישט נעמען אויף זיך דאָס אויסהאַלטן די יידישע אָרעמע־לייט.

אויפן יסוד פון די מעמאָראַנדומס האָט דער קיניג שוין סוף יאַנואַר, 1807 אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אַז די דעפּאַרטאַמענטן־אַדמיניסטראַציעס זאָלן זען „מען זאָל נישט מאַכן קיין שום חילוק צווישן יידן און אַנדערע תושבים, נאָר זיי דאַרפן אַלע באַהאַנדלט ווערן אויף דעם זעלבן אופן״. אָבער אַחוץ דעם דאָזיקן אַלגעמיינעם פּרינציפּ, וועלכער איז געוועזן אַ באַשטעטיקונג פון דער באַשטימונג פון דער קאָנסטיטוציע, האָט אין דער פּראַקטיק די רעגירונג זיך באַגרענעצט בלויז מיט אָפּשאַפן עט־לעכע בוילעטע דערשיינונגען פון דיסקרימינאַציע. אין אַמסטערדאַם זיינען עטלעכע יידן אויפגענומען געוואָרן אין דער בירגער־וואַך, און דער שטאָ־טישער צדקה־פאָנד האָט אין 1808 באַקומען אַ באַפעל אין משך פון 5 חדשים אויסצוצאָלן 12 טויזנט גילדן אויף שטיצע פאַר אָרעמעלייט פון דער אשכנזישער קהילה. אין דער פּראָווינץ פריזלאַנד זיינען, לויט אַ

קיניגלעכן דעקרעט, אָפּגעשאַפט געוואָרן אַלע באַזונדערע יידישע שטייערן און אויסנאַם־געזעצן קעגן יידן. אַ ספּעציעלער דעקרעט האָט פאַרלאַנגט, אַז דאָרט וואו די ירידים קומען פאָר אום שבת, זאָלן זיי „ווי ווייט מעגלעך“ איבערגערוקט ווערן אויף אַן אַנדערן טאָג אין דער וואָך. אין די אינטערעסן פון האַנדל האָט אויך האָלאַנד אַדורכגעפירט אַן אינטערווענץ, אַז האָלענדישע יידן זאָלן אויף די ירידים אין לייפּציג און נוימבורג באַפרייט ווערן פון ספּעציעלע יידישע אָפּצאָלן.

ווייטער אָבער ווי די דאָזיקע דעקרעטן, וועלכע האָבן אין תוך בלויז אָפּגעשאַפט די מניעות פאַרן יידישן האַנדל, וואָס זיינען, אגב, געווען אין סתירה צום געזעץ, איז די רעגירונג נישט געגאַנגען. דער צוטריט פון דער פאַראָרעמטער יידישער מאַסע צו מלאכה איז געווען פאַרמאַכט, דורך דעם, וואָס ניט בלויז פּריוואַטע מייסטערס, נאָר אויך מלוכהשע און שטאָטישע וואַרשטאַטן האָבן קיין יידישע יוגנטלעכע נישט צוגענומען אויף דער לער.* צוליב דעם קריסטלעכן כאַראַקטער פון די עפנטלעכע שולן, האָבן זיך דאָרט געפונען בלויז געציילטע יידישע קינדער, און נאָך ווייניקער אין די „לאַטייך־שולן“ (גימנאַזיעס). געווען שטעט, ווי ראָטערדאַם, וואו מען האָט בכלל קיין יידישע תלמידים נישט אַריינגענומען. פולשטענדיק זיינען יידן געווען אויסגעשלאָסן פון פילאַנטראָפּישע און וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. בנוגע צולאָזן יידן צו אַמטן, האָט דער אינערן־מיניסטער אַליין אין אַ מעמאָראַנדום פון 23טן סעפּטעמבער, 1807, אָנגעוויזן דעם קיניג, אַז „די צייט איז נאָך נישט געקומען אויף דעם — עס קאָן מאַכן אַ שלעכטן איינדרוק“.

די אַנקעטע פון דער רעגירונג וועגן דיסקרימינאַציעס קעגן יידן האָט די אָרטיקע אַדמיניסטראַציע נישט גענומען ערנסט און געענטפערט לויט אַ שאבלאָן, אַז עס איז בכלל קיין דיסקרימינאַציע נישטאָ (האַאַג). פונקט אַזוי האָט די אַדמיניסטראַציע זיך באַצויגן צום קיניגליכן דעקרעט וועגן

---

* אין דער גאַנצער פּראָווינץ אָווועראייסל, וואו די קאָנסיסטאָריע גיט אָן אַ צאָל פון 2,250 יידן, האָבן צו יענער צייט בלויז 8 יידן זיך גענומען צו נייע פּראָדוקטיווע פרנסות (קליין־פאַבריקאַנטן, גאַרבער, גלעזער, שילד־מאַכער, זאָטל־מאַכער, לאַנדווירט) און בלויז 3 יידישע קינדער זיינען געוואָרן לערן־יינגלעך (ביי שוסטער און זייגער־מאַכער). נאָך ערגער איז אין דעם פרט געווען די לאַגע אין די גרויסע שטעט. לויט די „אָבסערוואַסיאָן נואוועל“ פון אבאט גרעגואר פון יאָר 1807 האָבן אין אַמסטערדאַם, אויף דער ווענדונג פון יידישע געזעלשאַפטן, בלויז עטלעכע קריסטלעכע בעלי־מלאכות מסכים געווען אויפצונעמען יידישע לערן־יינגלעך און אין האַאַג האָט כמעט קיין איינער נישט באַשעפטיקט קיין יידיש יינגל. דערמיט דערקלערט גרעגואר דעם פאַקט, וואָס אין גאַנץ האַאַג זיינען צווישן 300 יידישע ראשי משפחות געווען קוים 5־4 יידישע בעלי־מלאכות.

באַזעצן יידן אויף וואַקאַנצן פון מלוכה־פּאָסטנס, בפרט, אַז דער דעקרעט אַליין האָט אונטערגעזאָגט דעם תּירוץ, הייסנדיק „נעמען אין אַכט די פּיינסטע און פּאַרמעגלעכע יידן״: דער בירגערמייסטער פון האַרלעם האָט געענטפערט, אַז „אין זיין שטאָט איז דער ענין ניט אַקטועל״; ד. ה., אַז עס זיינען נישטאָ נישט קיין רייכע, נישט קיין געבילדעטע יידן. אין סך־הכל, לויט ווי עס באַקלאָגט זיך די קאָנסיסטאָריע אין 1810, סאַמע ערב דער אַבדיקאַציע פון קיניג, האָבן פון 50 טויזנט יידן אין גאַנץ האָלאַנד בלויז געציילטע 12 פאַרנומען פּאָסטנס ווי מלוכה־באַאַמטע. דער פּראָ־מינענטסטער צווישן זיי איז געווען יאָנאַס דניאל מעיער. ער איז נאָמינירט געוואָרן אַלס מיטגליד פון טריבונאַל און רעדאַקטאָר פון דער רעגירונגס־צייטונג.

אין 1808 האָט דער קיניג, לויטן פּאַרלאַנג פון זיינע אויפגעקלערטע יידישע באַראַטערס, מסכּים געווען איינצופירן אין האָלאַנד אַ יידישן קאָנ־סיסטאָריע־סיסטעם לויטן פראַנצויזישן מוסטער. אַלס מאָטיוו האָט דער קיניג אָנגעגעבן זיין צער צוליב „דעם מצב פון אָרעמקייט פון די הויכ־דייטשע איזראַעליטן אין אונדזער מלוכה, בפרט אין אַמסטערדאַם״ און די נויטווענדיקייט צו ווירקן, אַז יידן זאָלן אין דער ווירקלעכקייט גע־ניסן גלייכע רעכט. דעם פּלאַן האָט צוגעשטעלט דעם קיניג אַ קאָמיסיע פון 9, אין וועלכער ער האָט נאָמינירט צו דריי פּרנסים פון דער אַל־טער אַמסטערדאַמער קהילה און פון „עדת ישורון״, אַחוץ דעם נאָך יאָנאַס ד. מעיער, י. ליטוואַק און ב. לעמאַנס. הגם די אָרטאָדאָקסן האָבן פּראָ־טעסטירט קעגן דער קאָמיסיע, זיינען אירע באַשלוסן איינשטימיק אָנ־גענומען געוואָרן ווי אַ באַוויז פון דער אידייאישער דערנעענטערונג צווישן די צוויי קהילות, וואָס האָבן זיך אין משך פון העכער צוויי צענדליק יאָר אַזוי שאַרף געהאַט באַקעמפט. קודם איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די „הויכ־דייטשע״ ד. ה. אשכנזישע יידן, נעמען אָן דעם נאָמען האָלענדישע יידן און ווי אַ מאָטיוו איז אָנגעגעבן געוואָרן די נויטווענדיקייט צו מאַניפעס־טירן פאַר דעם אונטערוואַקסנדיקן דור, אַז „דאָ איז זייער פאָטערלאַנד״, ווי אויך צו באַווייזן, „אַז מען וואַרפט אָפּ דאָס פאַרדאָרבענע הויך־דייטש״, ד. ה. די יידישע שפּראַך... די דאָזיקע „האָלענדישע יידן״ אָרגאַניזירן זיך אין אַ קאָנסיסטאָריע, וועלכע די ספרדים זיינען, לויטן בפירושן וואונטש פון קיניג, נישט אונטערגעוואָרפן. די 11 לאָקאַלע קאָנסיסטאָריעס ווערן אָנגעפירט דורך אַן אויבער־קאָנסיסטאָריע פון 13 מיטגלידער, צווישן וועלכע עס איז נאָמינירט געוואָרן איין פאָרשטייער פון דער אויפגעלייז־טער קהילה „עדת ישורון״. די קאָנסיסטאָריע דאַרף זיך, צווישן אַנדערע, פאַרנעמען אויך מיט פאַרזאָרגן די אָרעמעלייט און גרינדן יתומים־הייזער. די הכנסות דערפאַר האָבן, ווייזט אויס, געזאָלט זיין די זעלבע ווי פריער,

וואָרום עס איז בפירוש באַשלאָסן געוואָרן, אַז „די פליישׂ־האַלע“ בלייבט, נישט מער, דער צוואַנג פון קויפן דאָרט פלייש ווערט באַגרענעצט צו אַ געוויסן כמות. אַזוי האָט זיך געענדיקט דער אַמאָליקער קאַמף פון „עדת ישורון“ קעגן דער באַלאַסטונג פון די מאַסן מיט דער פלייש־טאַקסע . . .

נישט ווייניקער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער סאָציאַלער שטעלונג פון די אויסגעגלייכטע צוויי צדדים פון דער יידישער בורזשואַזיע איז דער באַשלוס פון דער קאָמיסיע, אַז אויסלענדישע יידן טאָרן זיך נישט באַזעצן אין האָלאַנד אָן אַ באַשטעטיקונג פון דער אָרטיקער קאָנסיסטאָריע, אָדער פון דער אָרטיקער ספרדישער קהילה, וועלכע ווערט אַרויסגעגעבן לויט אַ גאַראַנטיע פון צוויי אָרטיקע תושבים, אַז דער אימיגראַנט פאַרמאָגט 300 גילדן. אפילו די רעגירונג אַליין האָט געהאַט ספקות, צי אַזאַ גזירה איז אין הסכם מיט דער קאָנסטיטוציע, און האָט אויף איר געגעבן דעם הסכם ערשט נאָך דער אויפקלערונג פון מלוכה־ראַט, אַז די קאָנסטיטוציע איז חל בלויז אויף אונטערטאַנען פון האָלאַנד. די גזירה איז אויך אָנגענומען געוואָרן אויף 5 יאָר, הגם די קאָמיסיע האָט געהאַט פאָרגעלייגט זי זאָל זיין גילטיק 10 יאָר. די בורזשואַזע אייניקלעך פון די פּליטים פון דייטשלאַנד און פוילן האָבן אַרויסגעוויזן ווייניקער האַרץ פאַר זייערע ברידער, ווי דאָס האָלענדישע פאָלק, וואָס האָט זייערע געראודפטע און געפּלאָגטע עלטער־זיידעס און זיידעס געגעבן אַ מקום־מקלט ביי זיך אין לאַנד אין משך פון 200 יאָר... לויט די באַשלוסן פון דער קאָמיסיע האָט דער קיניג דעם 12טן סעפּטעמבער, 1808, אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט וועגן דער קאָנסיסטאָריע. קאַרל אַססער איז נאָמינירט געוואָרן אַלס דירעקטאָר פון אַן אָפּטיילונג אין קולטור־מיניסטעריום און ממילא געהאַט די השגחה איבער דער צוזאַמענאַרבעט פון דער קאָנסיסטאָריע מיט דער רעגירונג.

אָנשטאָט אַ פּראָגראַם פון הילף פאַר יידישער אָרעמקייט, וועלכע דער קיניג האָט סענטימענטאַל באַצייכנט, ווי איינעם פון די הויפּט־צילן פון דער נייער אָרגאַניזאַציע, האָט די קאָנסיסטאָריע געהאַלטן פאַר איר הויפּט־אויפגאַבע „אויסצומענטשלען“ די יידישע באַפעלקערונג, כדי, חלילה, נישט איינצונעמען קיין חרפּות ביי דער אַרומיקער בורזשואַזיע, מיט וועלכער זי האָט געוואָלט אויסגלייכן די יידישע באַזיצנדיקע קלאַסן אין קלאַסן־פּרעסטיזש פּונקט ווי אין רעכט. די איבערצייגונג, אַז די יידישע מאַסע איז אַליין שולדיק אין איר לאַגע, דורכדעם וואָס זי איז נישט גענוג ציוויליזירט, האָט דער אַמאָליקער פאָרזיצער פון „עדת ישורון“, דר. ה. לעמאַן, אויסגעדריקט אין אַזאַ פּזמון אין אַ בריוו צו דער אויבער־קאָנסיסטאָריע: „...מען קאָן אַ ייד האַסן דערפאַר, וואָס ער גלויבט

אין אַן אַנדער רעליגיע, אָבער פאַראַכטן טוט מען אים דערפאַר, וואָס ער פירט זיך אויף פאַראַכטלעך״ . . .

פאַר דעם וויכטיקסטן מיטל צו „ציוויליזירן״ די יידישע מאַסע האָט די אויבער־קאָנסיסטאָריע געהאַלטן שפּראַכלעכע אַסימילאַציע און דער־פאַר האָט זי איר גרעסטע ענערגיע אָפּגעגעבן דעם קאַמף קעגן דער שפּראַך פון פאָלק, קעגן יידיש. יידיש האָבן די לייט פון דער קאָנסיס־טאָריע פאַראַכט. שוין אין זייערע מעמאָראַנדומס פאַר דער גרינדונג פון דער קאָנסיסטאָריע, האָבן ק. אססער און יאָנאַס ד. מעיער אָנגעוויזן דעם קיניג אויף דער שעדלעכקייט פון „יידיש־דייטש״, פון „זשאַרגאָן״, ווי אַ מניעה פאַר אויסלערנען זיך די „מוטער־שפּראַך״ — האָלענדיש. אין פּלאַן פון דער קאָנסיסטאָריע, וועלכע די יידישע קאָמיסיע האָט אויס־געאַרבעט, איז דאָס אָפּשאַפן יידיש, ווי דערמאָנט, אויסגעשטעלט גע־וואָרן אויפן ערשטן פונקט. דער קיניג האָט לויט די דאָזיקע אָנווייזונגען אַרויסגעלאָזט, אין פעברואַר 1809, אַ דעקרעט, אַז „כּדי צו זיכערן די אונטערטאַנען פון משהס רעליגיע דעם פולן גענוס פון בירגער־רעכט, און כּדי ווי ווייט מעגלעך אָפּצושאַפן דעם אונטערשייד צווישן זיי און זייערע מיטבירגער... און בייצוטראָגן צו דער ציוויליזאַציע, איז נויטיק צו פאַרבאָטן דעם געברויך פון דער יידישער שפּראַך, וועלכע איז אַ פאַרקריפּלונג פון דער האָלענדישער און דייטשער שפּראַך, מיט אַ מי־שונג פון דער העברייאישער שפּראַך...וואָס שייך אָקטן אין ציוויל־פּראָצעסן...״ דער דעקרעט האָט געזאָלט חל זיין פון 1טן יאַנואַר, 1811. דער מלוכה־ראָט, ווען דער קיניג האָט אָנגעפרעגט וועגן דער געזעצ־לעכקייט פון אַזאַ דעקרעט, האָט געגעבן דעם הסכּם, מיט דער אויפקלע־רונג, אַז די אָנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך אין געריכט האָט זיך געשטיצט אויף דער נאָכגיביקייט פון ריכטער.

גלייכצייטיק האָט דער קיניגלעכער דעקרעט באַפוילן, אַז אין משך פון 2 יאָר זיינען די רבנים מחויב אַריבערצוגיין צו האָלענדיש אין זייערע דרשות, און האָלענדיש דאַרף אויך ווערן די שפּראַך פון די לימודים פון דער יידישער יוגנט. די אויבער־קאָנסיסטאָריע האָט אויך אַרויסגעלאָזט אַ צירקולאַר צו די קהילות, אַז אַחוץ די מודעות פון רבנים און רע־ליגיעזע פראַגן, דאַרפן אַלע פאַרעפנטלעכונגען אין דער שול געמאַכט ווערן אין דער האָלענדישער שפּראַך. פאַרשטייט זיך, אַז אין דער קאָ־רעספּאָנדענץ מיט דער קאָנסיסטאָריע זיינען אויך די קהילות געווען מחויב זיך צו באַנוצן נאָר מיט האָלענדיש.

די פירער פון דער קאָנסיסטאָריע האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער וויכ־טיקסטער און ווירקזאַמסטער מיטל צו פאַרשפּרייטן האָלענדיש און אַרויס־צושטויסן יידיש ביי דער יידישער באַפעלקערונג האָט נאָר געקאָנט זיין

די דערציאונג פון יונגן דור אין דער מלוכה־שפּראַך. דעם 20טן אויגוסט, 1808, איז, לויט דער איניציאַטיוו פון דערמאָנטן משה כהן בעלאינפאַנטע, געגרינדעט געוואָרן אין אַמסטערדאַם אַ געזעלשאַפט, „חנוך לנער על פי דרכו",* וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אַרויסצוגעבן לערנביכער אויף העברייאיש און אויף האָלענדיש, שאַפן נייע שולן און צוגרייטן פאַר זיי לערער, איבערזעצן די תפילות פון דעם אשכנזישן נוסח אויף האָלענדיש און, קודם־כל, אַרויסגעבן דעם תנ״ך אין אַ האָלענדישער איבערזעצונג. משה כהן בעלאינפאַנטע, דער אומדערמידלעכער משכילישער עסקן און שרייבער, האָט שוין צו דער דאָזיקער צייט געהאַט הינטער זיך יאָרן פון אויפקלערונג־טעטיקייט. אין האַאַג, וואו ער איז געווען דער גרינדער פון דער געזעלשאַפט „דורך התמדה און אחדות", האָט ער געעפנט, צוזאַמען מיט זיין ברודער יעקב, אַ דרוקעריי און בוכהאַנדלונג, און אַרויסגעגעבן אין משך פון אַנדערהאַלבן יאָר, ביז סוף 1807, אַ וואָכנשריפט פאַר יידישע ענינים אויף האָלענדיש, שריפטן פון גרעגואַר, מיט וועמען ער האָט, פונקט ווי מיכאל בער, געפירט אַ קאָרעספאָנדענץ, און אַנדערע ווערק וועגן עמאַנציפאַציע.

אין אַמסטערדאַם האָט משה בעלאינפאַנטע אַרויסגעגעבן, אין נאָמען פון דער דערציאונגס־געזעלשאַפט, אַ העברייאיש־האָלענדישע כרעסטאָמאַטיע, ווי אויך „האָלענדישע אַלמאַנאַכן", מיט מאַטעריאַלן וועגן יידישער געשיכטע און יידישע אַקטועלע ענינים. זיין הויפּט־אַמביציע ווי אַ משכיל און פאַרלעגער איז אָבער געווען אַ האָלענדישע איבערזעצונג פון תנ״ך, און פאַר זיין פּלאַן האָט ער לייכט געוואונען די הילף פון דער קאָנסיסטאָריע און דער רעגירונג. אויף דער בקשה פון דער אויבערקאָנסיסטאָריע האָט דער קיניג דעם 10טן יולי, 1809, אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט וועגן דער איינפירונג פון דער האָלענדישער תנ״ך־איבערזעצונג מיט דער באַגרינדונג פון „פאַרשפּרייטן ציוויליזאַציע אונטער די איזראַעליטישע אונטערטאַנען" און „כדי די אַזוי־גערופענע יידישע שפּראַך אָפּצושאַפן". אַזוי ווי די ביבל־איבערזעצונג וועט נאָר אַרויסגעגעבן ווערן אינגאַנצן, אָדער טיילוויז, דורך דער אויבער־קאָנסיסטאָריע, דאַרפן די יידישע לערער אין שולן און אין פּריוואַטע לעקציעס באַנוצן אין לערנען תנ״ך אויסשליסלעך די דאָזיקע איבערזעצונג. פאַר לערנען אויף יידיש וועלן די לערער באַשטראָפט — צום ערשטן מאָל מיט אָפּגעשטעלט ווערן אויף 6 חדשים, צום צווייטן מאָל מיט פאַרלירן אויף אייביק דעם לערערפּאַטענט. די רבנים און דרשנים ווערט באַפוילן צו פּראָפּאַגירן אין די שולן די נייע תנ״ך־איבערזעצונג, ווי די איינציק־אויטאָריזירטע (קיין אַנ־

---

* לויט משלי, כ״ב, ו׳: „דערצי דאָס יינגל לויט זיין וועג..."

דערע האָלענדישע תנ"ך־איבערזעצונג טאָר מען אין משך פון 20 יאָר נישט צוגרייטן). אויף ווייטער טאָר קיין ייד נישט באַקומען קיין לערער־פּאַטענט, אויב ער וועט נישט אָפּלייגן אַן עקזאַמען פון האָלענדיש פאַר דער מלוכהשער שול־קאָמיסיע, און יידישע רעליגיע־לערער וועלן קענען אויפגענומען ווערן נאָר מיט דעם הסכם פון דער אויבער־קאָנסיסטאָריע.

אַזוי איז, צוזאַמען מיט דעם צוואַנג צו באַנוצן זיך מיט דער האָלענדישער תנ"ך־איבערזעצונג — ביי אַ געהעריקער באַוואָרעניש פון די מאָנאָפּאָל־אינטערעסן פון משכילישן פאַרלעגער! — דעקרעטירט געוואָרן אַ שווערע גזירה קעגן דערציאונג אין דער יידישער שפּראַך בכלל. די גזירה האָט אָבער אָנגעטראָפן אויף אַן עקשנותדיקן ווידערשטאַנד מצד דער ברייטער יידישער באַפעלקערונג אין לאַנד. אפילו דער אַסימילאַטאָרישער היסטאָריקער פון דער דאָזיקער תקופה פון דער געשיכטע פון יידן אין האָלאַנד, האַלט פאַר נויטיק אין דעם דאָזיקן שייכות צו באַמערקן: „אַ שפּראַך, אין וועלכער דאָס פשוטע פאָלק איז דערצויגן געוואָרן, אין וועלכער עס האָט זיבט דורות געטראַכט, געזונגען און געוויינט, וואָס מיט איר אַליין, האָט עס געמיינט, קאָן עס זיך באַנוצן אין אינטימען פאַרקער; אַ שפּראַך, וואָס לויט זיין (דעם פאָלקס) איבערצייגונג האָט זי די מעלה איבער אַנדערע שפּראַכן פון טיפקייט, קראַפט פון אויסדרוק און האַרציקייט, — קאָן נישט מיט איין קלאַפּ אָפּגעשאַפט ווערן."*

קודם כל, האָבן די מלמדים באַיקאָטירט די גזירה וועגן האָלענדיש און ווייטער, לויט דער הונדערטער־יאָריקער טראַדיציע, געלערנט חומש און פאַרטייטשט אויף יידיש. די קאָנסיסטאָריע האָט געפּרואווט אָנווענדן צוואַנג און באַפוילן די פרנסים אָפּצוזאָגן פון די שטעלעס די לערער, וואָס וועלן נישט חתמענען אַ התחייבות, אַז זיי וועלן לערנען אויף האָלענדיש נאָך אײדער די איבערזעצונג וועט זיין פאַרטיק. אָבער אין אַמסטערדאַם האָבן בלויז 38 לערער זיך געמאָלדן און 14 פון זיי זיינען געקומען דערקלערן, אַז זיי וועלן נישט חתמענען. אַוודאי האָט אויך נישט געהאָלפן דער קאָנסיסטאָריע, וואָס זי איז דערגאַנגען ביז צו דעם, אַז זי האָט געפאָדערט די מלמדים זאָלן ביים לערנען רש"י און גמרא די פסוקים פון תנ"ך, וואָס ווערן דאָרט ציטירט, פאַרטייטשן אויף האָלענדיש אפילו ווען דער איבעריקער טעקסט זאָל דערווייל געטייטשט ווערן יידיש. אויך די רבנים האָבן סאַבאָטירט דעם ענין פון דער האָלענדישער תנ"ך־איבערזעצונג. הגם יאָנאַס דניאל מעיער האָט נאָך דעם דערשיינען פון ערשטן בוך, בראשית, אין יאָר 1810, אין אַ מיטטיילונג צו דער אויבער־

M. Wolff, De Betechenis der Regeening von Ludewige Napolen Voll de Joden von Nederland, 'S Gravenhagen 1920, p. 79.

קאָנסיסטאָריע, פון וועלכער ער איז געווען דער פּאָרזיצער, געדראָט: „ווי איז צו די (דאָזיקע) רבנים און איבער־רבנים, וואָס וועלן האָבן די העזה"... עס צו טאָן. ווען די רבנים פון די גרעסערע קהילות האָבן באַקומען צוגעשיקט די איבערזעצונג כדי אַרויסצוזאָגן זייער מיינונג, האָט איינער געענטפערט, אַז ער קאָן נישט קיין האָלענדיש; אַן אַנדערער, אַז ער איז צופיל פאַרנומען מיט אַנדערע ענינים, און דער רב פון האַאַג, יוסף לעמאַן (רבי לעמל), האָט אָפן געענטפערט, אַז אַן אויסגאַבע פון אַזאַ איבערזעצונג צוזאַמען מיטן העברייאישן טעקסט איז קעגן דעם דין און דערפאַר וויל ער וועגן אַזאַ איבערזעצונג זיך נישט אַרויסזאָגן. היות די קהילות האָבן בכלל שוואַך איינגעצאָלט זייערע ביישטייערונגען פאַר דער קאָנסיסטאָריע, האָט זי נישט געקאָנט געבן די געהעריקע סובווענציע, און די גאַנצע אויסגאַבע איז געבליבן שטעקן אין דער מיט. הגם די איבערזעצונג אויך פון די איבעריקע חומשים איז שוין געווען פאַרטיק, און בעלאינפאַנטע איז געבליבן מיט חובות פאַר די דרוקער און רואינירט אויף זיין גאַנץ לעבן...

די גרעסטע איראָניע איז געווען די ציניש באַציאונג צום ענין מצד דעם גובערנאַטאָר לעברען, וועלכער האָט פאַרוואַלטעט האָלאַנד אין נאָמען פון נאַפּאָלעאָן נאָך דער אַבדיקאַציע פון קיניג לודוויג אין 1810. וועגן דער האָלענדישער תנ"ך־אויסגאַבע האָט ער דערקלערט, אַז ער איז נישט פאַראינטערעסירט אין דער איבערזעצונג, „פון איין טויטער שפּראַך אין אַ צווייטער" . . . די גאַוווהדיקע פראַנצויזישע אָקופּאַנטן האָבן פאַר האָלענדיש נישט געהאַט קיין מער דרך־ארץ ווי פאַר יידיש, מיט וועלכן די קאָנסיסטאָריע־לייט האָבן זיך אַזוי געשעמט.

די קאָנסיסטאָריע האָט אויך נישט געוואָלט זען דעם אויסטערלישן פּאַראַדאָקס פון איר צוואַנג־אַסימילאַציע פּאָליטיק, וואָס זי אַליין האָט געמוזט אָנקומען צו יידיש אין אַלע פאַלן, ווען עס איז איר געווען באַזונדער געלעגן, אַז איר רוף זאָל דערגיין צו די ברייטסטע מאַסן. אַזוי איז געווען מיט דעם אויפרוף פון 1808 וועגן פאַראייניקן ביידע יידישע קהילות אין אַמסטערדאַם, וואו יידיש ווערט אפילו נאָך אָנגערופן „אונזר לשון יהודית". אויף יידיש האָט די קאָנסיסטאָריע אויך געלאָזט פאַרעפנטלעכן אויפרופן און זיי געהייסן אויסקלעפּן אין די שולן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם יידישן מיליטערישן קאָרפּוס.

כדי אַריינצוציען די האָלענדישע יידן אין מיליטערישן דינסט, האָט קיניג לודוויג באַשלאָסן אָנצונעמען אַנדערע מיטלען ווי זיין ברודער נאַפּאָלעאָן. רעכענענדיק זיך מיט דער פרומקייט פון דער יידישער באַפעלקערונג, האָט ער דעם 10טן יולי, 1810, אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט וועגן שאַפן אַ יידישן מיליטערישן קאָרפּוס. דאָס מיניסטעריום האָט אפילו

אַרויסגעזאָגט ספקות וועגן דער צוועקמעסיקייט פון איינהאַלטן דעם יידישן „סעפּאַראַטיזם“, דאָך לסוף געגעבן דעם הסכם און אפילו אָנגעוויזן, אַז „אַ נייעם ביישפּיל — פון יידישער קאַמפּסלוסטיקייט — האָט געגעבן פּראַגע, די פאָרשטאָט פון וואַרשע, וואָס איז אין דער לעצטער מלחמה צווישן אַמאָליקן פּוילן און די רוסן אויף אַ הערלעכן אופן פאַרטיידיקט געוואָרן דורך אַ קאָרפּוס פון איזראַעליטן“.*

די אויבער־קאָנסיסטאָריע, וועלכע האָט מסתם געהאַט אַ סך איניציאַטיווע אין דעם גאַנצן ענין, איז אין איר דאַנק־בריוו צום קיניג געווען אויסער זיך פון התפּעלות און געלויבט אים פאַר דעם דעקרעט ווי אַ מוסטער אין דער געשיכטע. הגם עס איז טאַקע אָנגעשטעלט געוואָרן אַ שוחט, כדי אָנצוהאַלטן כשרות פאַר די אָפיצערן און סאָלדאַטן, האָט אפילו דער איינציקער באַטאַליאָן, וואָס איז פּראָוויזאָריש אָרגאַניזירט געוואָרן, נישט דערגרייכט די באַשטימטע צאָל און ביז אָנהויב 1810 געציילט בלויז בערך 400 מאַן. די אויבער־קאָנסיסטאָריע האָט נישט נאָר אָנגעווענדט אַלע מינים פּראָפּאַגאַנדע, אַרויסגעלאָזט אויפרופן אויף האָלענדיש, העברייאיש און יידיש, וואו זי האָט אַפּעלירט צו די טראַדיציעס פון די מאַקאַבייער, אַרויסגעגעבן אַ בראָשורע פון משה בעלאינפאַנטע, און באַפוילן די פרנסים צו באַשטימען פּרעמיעס. די קאָנסיסטאָריע האָט אויך געפּרואווט אָנצוואַווענדן די אומווירדיקע מיטלען פון צוואַנג קעגן אָרעמעלייט, וואָס זיינען געווען פאַראויסגעזען אין דעקרעט: די פאַמיליעס פון יוגנטלעכע, וואָס האָבן געטויגט פאַר סאָלדאַטן און נישט געמאָלדן זיך אין קאָרפּוס, האָט מען לויטן דעקרעט געדאַרפט אָפּזאָגן די רעגולערע שטיצע. די פרנסים פון דער קהילה אין אַמסטערדאַם מעלדן אין אַ באַריכט צו דער קאָנסיסטאָריע, אַז זיי האָבן שוין אָנגעהויבן דורכצופירן די דאָזיקע צוואַנג־מיטלען, און צוריקגעצויגן די חודשלעכע שטיצע פון די באַטרעפנדיקע פאַמיליעס, „ווי ווייטאָקדיק און האַרצרייסנדיק עס איז נישט געווען פאַר אונדז צוצוהערן זיך צו זייער געוויין און געיאָמער“... ווען אויך די מיטלען האָבן ניט געהאָלפן, האָט די מאַכט זיך גענומען צו די אומגליקלעכסטע, צו די אָרעמע יתומים. אין אַמסטערדאַם זיינען אין איין נאַכט באַפאַלן געוואָרן דורך מיליטער יתומים־הייזער פון דער אשכנזישער און ספרדישער קהילה און מען האָט מיט געוואַלט אַוועקגעפירט אַלס רעקרוטן יינגלעך אין עלטער פון 16 יאָר.

דער דעקרעט וועגן יידישן קאָרפּוס איז אין תוך געווען אַ גזירה אויסשליסלעך קעגן יידישע אָרעמעלייט, און דער קיניג האָט עס אויך

* געמיינט איז דאָ דער פּאָלק פון בערעק יאָסעלאָוויטש, וואָס האָט בעת דעם אויפשטאַנד פון קאָשטשיושקאָ אין יאָר 1794 געקעמפט אין פּראַגע.

אומדירעקט באַשטעטיקט: ווען אַ צאָל יידן פון האָנאָווער האָבן געמאָלדן, אַז זיי ווילן דינען אין קאָרפּוס, האָט דער קיניג געענטפערט, אַז דער ציל פון קאָרפּוס איז נישט סתם יידיש מיליטער, נאָר אַ וועג פאַר אָרעמעלייט צו פאַרדינען ערלעך אויף חיונה... דווקא צוליב דעם דאָזיקן אכזריותדיקן סאָציאַלן כאַראַקטער פון דעם ענין, האָט די יידישע באַפעלקערונג סאָלידאַריש זיך אַנטקעגנגעשטעלט און נישט געלאָזט די אָרעמסטע פאַלן אַלס קרבנות.

די קאָנסיסטאָריע אַליין האָט דערקלערט פאַרן קיניג, אַז זי וואָלט נישט געוואָלט אָנווענדן נאָך מער צוואַנג קעגן די פאַמיליעס פון אונטערשטיצטע, „צוליב דער האַרטקייט דערפון" . . . דער קאָנסיסטאָריע איז געגאַנגען אין לעבן, אַז דער יידישער קאָרפּוס זאָל טאַקע אויפגעשטעלט ווערן, ווייל אָפּגערעדט דערפון, וואָס דאָס נישט־דינען פון יידן אין מיליטער האָט געקאָנט אויסגענוצט ווערן ווי אַן אַרגומענט קעגן יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, האָט זי באַטראַכט דעם מיליטער־דינסט ווי אַ וויכטיק מיטל צו האָלענדיזירן די יידישע מאַסן. בעת דער קיניג האָט שוין אין אָנהויב נאָוועמבער 1809 געוואָלט אויפלייזן דעם קאָרפּוס, האָט די אויבער־קאָנסיסטאָריע געפּועלט ביי אים, ער זאָל פאַרלענגערן דעם טערמין אויף נאָך דריי חדשים. זי האָט אָנגעוויזן, אַז דווקא די אָרעמע יוגנטלעכע, וואָס קומען אין באַטראַכט אַלס רעקרוטן, זיינען לרוב די איינציקע שפּייזער פון זייערע פאַמיליעס. אין אַ שפּעטערדיקן מעמאָראַנדום צום פראַנצויזישן גובערנאַטאָר לעברען, שטעלט זיך אָפּ די קאָנסיסטאָריע אויף דער אמתער סיבה דערפון, וואָס דער יידישער קאָרפּוס איז אָנהויב 1810 סוף־כל־סוף אויפגעלייזט געוואָרן: די בערך 400 מאַן פון קאָרפּוס זיינען נאָך אַלץ געווען אַ גרעסערע פּראָפּאָרציע פון סאָלדאַטן לגבי דער צאָל יידן אין לאַנד, ווי די צאָל רעקרוטן, וואָס די איבעריקע באַפעלקערונג האָט צוגעשטעלט; דער אייגנטלעכער מאָטיוו פון קיניג אין פאַנאַנדערלאָזן דעם קאָרפּוס איז געווען צו שפּאָרן געלט. אַזוי האָט זיך געענדיקט דער סענסאַציאָנעלער עפּיזאָד פון אַ יידישער מיליטערישער איינהייט אין אייראָפּע, וואָס איז בעצם געווען אַ קאַפּיטל פון ליידן און שרעק פון די אָרעמסטע עלעמענטן פון יידן אין האָלאַנד.

נאָך דער געצוואונגענער אַבדיקאַציע פון לודוויג באָנאַפּאַרטע, דעם 1טן יולי, 1810, איז האָלאַנד אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אין נאַפּאָלעאָנס פראַנצויזישער אימפּעריע. פאַר דער יידישער, ווי פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג פון האָלאַנד האָט די דאָזיקע פּאָליטישע ענדערונג באַדייט אַ רעזשים פון דער אייזערנער האַנט פון פראַנצויזישן אימפּעריאַליזם אונטער נאַפּאָלעאָנס דיקטאַטור. די אויבער־קאָנסיסטאָריע האָט אָבער באַלד אויף דער ערשטער אודיענץ ביי נאַפּאָלעאָנס גובערנאַטאָר, גע־

נעראַל לעברען, נישט געפונען קיין מוט אויף אַ ווירדיקערער שטעלונג, ווי זיך צו בעטן ביי אים אין איר מעמאָראַנדום, אַז ער זאָל „אין אַכט נעמען דעם חילוק צווישן זיי — די האָלענדישע יידן — און צווישן די איזראַעליטן אין אַנדערע לענדער". אָבער דער דאָזיקער אַפּעל האָט ווייניק געהאָלפן, און ווען די אויבער־קאָנסיסטאָריע האָט אינטערוועניִרט ביים גובערנאַטאָר, מען זאָל יידן צולאָזן צו די שולן און גרעזעלשאַפטן אין לאַנד, האָט דער אינטענדאַנט פאַר אינערלעכע ענינים, באַראָן ד'אַלפאַנס, אינסטרואירט לעברען, אַז בלויז בנוגע שולן דאַרף מען אַרויסלאָזן אַ באַפעל צו די דעפּאַרטאַמענט־פּרעפעקטן, דאַקעגן וואָס שייך געזעלשאַפטן, וועלן די פאַראורטיילן קעגן יידן ערשט דעמאָלט פאַרשווינדן, ווען יידן אַליין וועלן זיין ראוי דערצו. פונקט אַזוי איז געבליבן אָן אַ שום פעולה דער מעמאָראַנדום פון אַלץ נאָך נישט אַנטמוטיקטן משה בעלאַינפאַנטע, וואָס ער האָט סיי איבערגעגעבן פערזענלעך נאַפּאָלעאָנען בעת זיין באַזוך אין אַמסטערדאַם אין 1811, סיי איבערגעשיקט צום פראַנצויזישן קולטוס־מיניסטער אין 1812. אַחוץ פּראָיעקטן וועגן צווינגען די רבנים אויסצופירן די באַשלוסן פון סנהדרין, און צו פּריידיקן אין האָלענדיש, כדי אָפּצושאַפן ביידע „זשאַרגאָנען", יידיש און פּאָרטוגעזיש, האָט ער אַנטוויקלט אַ קאָנקרעטן פּלאַן פון פּראָדוקטיוויזאַציע פון יידן: היות די קריסטלעכע מייסטערס ווילן נאָך אַלץ נישט אָננעמען קיין יידישע לערן־יינגלעך, זאָל די מייסטערס, וואָס אַרבעטן פאַר דער שטאָט און פאַר דער מלוכה באַפוילן ווערן אויפצונעמען יידישע יוגנטלעכע אויף דער לער; יידישע עלטערן זאָלן געצוואונגען ווערן צו געבן זייערע קינדער אַ פאַך־דערציאונג און די פאָנדן דערויף דאַרפן געשאַפן ווערן דורך דעם, וואָס די קהילות וועלן אויפהערן צו קליִיבן געלט אויף צו פאַרבייטן יידישע רעקרוטן; אַחוץ דעם זאָל מען קלייבן געלט ביי רייכע יידן, כדי צו באַזעצן עטלעכע הונדערט יידישע קינדער אין דערפער און דערציִען זיי אויף לאַנדווירטן.

די פראַנצויזישע אָקופּאַציע־מאַכט האָט אַרויסגעוויזן אַנטשלאָסנקייט און פעסטקייט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אונטערוואַרפן די האָלענדישע יידן דעם צוואַנג פון די גזירות פון נאַפּאָלעאָן. די ספרדישע יידן האָבן געמוזט זיך פאַראייניקן מיט דעם אשכנזישן רוב אין איין אָרגאַניזאַציע פון פיר קאָנסיסטאָריעס, וואָס זיינען געווען אונטערגעסדרט דער צענטראַלער קאָנסיסטאָריע אין פּאַריז. אַלס הויפּט־ציל פון דער נייער קאָנסיסטאָריאַלער אָרגאַניזאַציע האָט דער גובערנאַטאָר אָנגעוויזן אויף דעם אַדורכפירן די באַשלוסן פון פּאַריזער סנהדרין, בפרט בנוגע דעם חוב פון די רבנים צו פּריידיקן וועגן מיליטערישן דינסט. די מיטגלידער פון דער קאָנסיסטאָריע האָבן באַדאַרפט אָפּגעבן פאַר דעם פּרע־

פעקט אַ שבועה פון געטרייקייט און געהאָרכזאַמקייט צום קיסר און...
„אַז זיי וועלן צו וויסן טאָן דער מאַכט אַלץ, וואָס זיי וועלן געוואויר ווערן וועגן (מעשים) קעגן די אינטערעסן פון אויבערהאַר און פון דער מלוכה".
פון די נייע געזעצן איז אָבער בלויז אַדורכגעפירט געוואָרן אין יאָר 1811 דער צוואַנג וועגן אָנגעמען אַ פאַמיליע־נאָמען. וואָס שייך מיליטער־דינסט, איז דער ענין אויסגעגאַנגען צו זאַמלונגען פון יידישע קהילות אויף אויס־צולייזן רעקרוטן, וואָס דאָס האָט בעלאַינפאַנטע, ווי דערמאָנט, אַזוי שטאַרק געאַרט. נאַפּאָלעאָן האָט זיך געלאָזט איבערציגן דורך לעברען, יידן זאָלן מעגן צושטעלן פאַרטרעטער אין דער אַרמיי, אויפן יסוד פון זיין באַ־גרינדונג, אַז „די אָרעמע יידן האָבן נישט קיין מעגלעכקייט זיך צו לאָזן פאַרבייטן...די רייכע זיינען בדרך כלל איבערגעגעבן אייער מאַיעס־טעט. די מערסטע פון זיי זיינען אויפגעקלערט און האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון די פאַראורטיילן פון זייער נאַציע, זיי באַטראַכטן אייך ווי זייער אויס־לייזער און זייער משיח".

די יידישע פּלוטאָקראַטן זיינען טאַקע געווען צופרידן אי פון זיך אי פון נאַפּאָלעאָנס הערשאַפט. דער גביר און קאָנסיסטאָריע־פירער יאָנאַס ד. מעיער האָט אין אַ מעמאָראַנדום צו דער מאַכט פון יאָר 1810 דער־קלערט, אַז „עס וואָלט געווען אָן אומזין צו פאַרלאַנגען אַ פולקאָמענע מאָראַלישקייט פון אַלע יחידים פון וועלכער נישט איז רעליגיע; אָבער באַזונדער אין די גרויסע האַנדלשטעט ווערן די איזראַעליטישע סוחרים און בערזע מעקלערס געאַכט גלייך מיט די פון אַן אַנדער רעליגיע"...*
דער זעלבער אויבערשטער קלאַס האָט זיך אויך זייער גוט געפילט אין דער נייער קאָנסיסטאָריע־אָרגאַניזאַציע און האָט מיט הנאה זיך פאַר־נומען מיט פאַרהאַנדלונגען און קאָרעספּאָנדענץ וועגן די שוואַרצע זיי־דענע מאַנטלען, וואָס זיינען געווען פאַרגעשריבן פאַר אירע מיטגלידער, ווי אַן אָפיציעלע טראַכט. וועגן נישט אַריינלאָזן פרעמדע בעטלער און אָרעמע אימיגראַנטן האָט שוין איצט געזאָרגט די צענטראַל־קאָנסיס־טאָריע אין פּאַריז און אפילו נאָך מער ווי די האָלענדישע קאָנסיסטאָריע גופא: אין 1810 האָבן די קהל־פאַרזאָרגער פון פּאַריז אַריינגעשיקט אַ צירקולאַר, וואו זיי האָבן געפאָדערט אַז דער סיסטעם פון „פּלעטן" פאַר אָרעמעלייט זאָל אָפּגעשאַפט ווערן און שטרענג פאַרבאָטן „צו גיבן גאַסט־

* אין זעלבן מעמאָראַנדום ווייזט אָן מעיער מיט צופרידנקייט, אַז עס זיינען שוין דאָ ביי יידן 6 אַדוואָקאַטן און 20 רעכט־פאַרוואַלטער („פּראָקוראָרן"), 10 דאָקטוירים פון מעדיצין און בערך אַזוי פיל כירורגן, 1 נאָטאַר, 4 אַפּטייקער און „לעצטנס אויך אַ סך האַנטווערקער". די גוזמא פון זיין באַהויפּטונג וועגן האַנטווערקער באַווייזט אַ פאַרגלייך מיט דעם אויבן־דערמאָנטן מעמאָראַנדום פון בעלאַינפאַנטע.

פריינדשאַפט פרעמדע איזראַעליטן, וואָס באַזיצן נישט קיין פּאַס". די קאָנסיסטאָריע פון האָלענדישע יידן האָט דעם דאָזיקן באַשלוס פאַנאַנ־דערגעשיקט די קהילות, מיט דער באַמערקונג, אַז דאָס שטערט נישט „זיי זאָלן זיין באַהילפיק אָרעמע, קראַנקע און קאַליקעס אויף זייערע נסיעות", ד. ה. אַזעלכע, וואָס האָבן ניט בדעה צו פאַרבלייבן . . .

אין יאָר 1813, נאָך דער מפּלה פון נאַפּאָלעאָן, איז אין האָלאַנד צוריק איינגעפירט געוואָרן די מלוכה פון דער אָראַניע־דינאַסטיע. אין דער צייט־ווייליקער רעגירונג, וואָס האָט זיך געגרינדעט נאָכן אויפשטאַנד קעגן די פראַנצויזן, האָט געשפּילט אַ פירנדיקע ראָלע יאָנאַס דניאל מעיער. די וואָרט־פירער פון יידישן בירגערטום האָבן פונקט ווי די גאַנצע בורזשואַזיע פון לאַנד זיך שנעל צוגעפּאַסט צום געענדערטן רעזשים.

איטאַליע

איטאַליע

§32. אין דער תקופה פון געטאָ

צום סוף פון 18טן י״ה איז איטאַליע, לויט אַ שפּעטער באַרימטער, ציניִשער דעפיניציע פון מעטערניך, געווען אַ געאָגראַפישער און נישט קיין פּאָליטישער באַגריף. דאָס לאַנד איז געווען צעטיילט אין אַ צענד־ליק אומאָפּהענגיקע מלוכות. צו די גרעסערע האָבן געהערט די מלוכה נעאַפּאָל אין דרום, די פּויפּסטלעכע מלוכה און דאָס גרויס פירשטנטום טאָסקאַנא אין צענטער, די רעפּובליק ווענעציע, דאָס הערצאָגטום מילאַן און פירשטנטום פּיעמאָנט (מלכות סאַרדיניע) אין צפון. די קלענערע מלוכות, אויף דער צעברעקלטער טעריטאָריע צווישן טאָסקאַנא און פּיע־מאָנט זיינען געווען מאָדענאַ, מאַנטוא, לוקא, פּאַרמאַ, פּיאַטשענצא און גע־נוא (ליגוריע).

די עקאָנאָמישע ירידה פון לאַנד, וואָס האָט זיך געהאָט אָנגעהויבן מיט דער פאַרשיבונג פון די וועלט־האַנדלס־וועגן אין דער תקופה פון די אַנטדעקונגען, האָט אין דער מיט פון 18טן י״ה דערגרייכט איר טיפסטן פּונקט. פון ווירטשאַפטלעכע וועלט־מאַכטן זיינען די איטאַליענישע פּראָ־ווינצן דעגראַדירט געוואָרן צו דער מדרגה פון דריטראַנגיקע מלוכות מיט אַ באַגרענעצטן האַנדלס־פאַרנעם אפילו אויף דעם מיטללענדישן ים. אָן די רעשטן פון אַמאָליקן עשירות, וואָס האָט זיך נאָך אָנגעזען אפילו אין די געפאַלענע „קעניגינס פון ים", ווענעציע און גענוא, איז געווען באַ־באַהאַפטן דער איבערבלייב פון דער איטאַליענישער קולטור, אַמאָל דער פירנדיקער אין אייראָפּע. מיט אַ געוויסן אָפּגלאַנץ פון דער אַלטער גלאָ־ריע האָט נאָך געשיינט די איטאַליענישע מוזיק און דאָס איטאַליענישע טעאַטער און עס האָבן זיך אויך באַוויזן אָריגינעלע ווערק אויפן געביט פון סאָציאַל־און נאַטור־וויסנשאַפט.

אויך דאָס איטאַליענישע יידנטום, אויסטערליש פאַראָרעמט אין זיין

גרויסער מערהייט, פאַרשפּאַרט אין געטאָס און געדריקט פון שווערע גזירות, האָט אין דער דאָזיקער תקופה פון ירידה נאָך אַרויסגעוויזן שפּורן פון דער גלענצנדיקער קולטור־טראַדיציע, מיט וועלכער עס האָט זיך גע־האָט אויסגעצייכנט אין די פריערדיקע יאָרהונדערטער, אין דער עפּאָכע פון הומאַניזם און רענעסאַנס. אמת, אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י"ה טרעפן מיר שוין נישט ביי איטאַליענישע יידן קיין אין ערשטראַנ־גיקן נאָמען אויפן געביט פון העברייאישער פּאָעזיע, פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט. געבליבן איז אָבער ווי אַ ווערטפולע ירושה פון גרויסן עבר אַ וואַכער אינטערעס פאַר אַלע געביטן פון וועלטלעכער קולטור, און איטאַליע איז געווען דאָס איינציקע לאַנד אין אייראָפּע, וואו וועלטלעכע וויסנשאַפט און קונסט איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַן אינטעגראַלן, נויט־ווענדיקן באַשטאַנדטייל פון יידישער דערציאונג.

נאָך די גירושים אָנהויב פון דער נייצייט האָבן בכלל נישט גע־וואוינט קיין יידן, אַחוץ געציילטע עטלעכע משפּחות פון צייט צו צייט, אין דער נעאַפּאָליטאַנישער מלוכה, וואָס שליסט איין דעם אינדזל סיציליע, אויף דעם אינדזל סאַרדיניע אין פירשטנטום מילאַן אין צענטער פון לאָמ־באַרדיע און אין דער רעפּובליק גענוא. אין דער אַנדערער העלפט פון לאַנד, אין מיטל־איטאַליע און אין גרעסטן טייל פון צפון־איטאַליע האָבן יידן צום סוף פון דער געטאָ־תקופה געציילט בערך 30 טויזנט נפשות,* ד. ה. קוים 2 פּראָמיל פון דער 16־מיליאָניקער באַפעלקערונג פון גאַנצן לאַנד און נישט מער ווי אַ האַלבן פּראָצענט פון דער צאָל איינוואוינער אויף דער דערלויבטער טעריטאָריע. אין משך פון צווי הונדערט יאָר, זינט דעם סוף פון 16טן י"ה, איז די יידישע באַפעלקערונג געוואַקסן קוים אויף 5־8 טויזנט, ד. ה. אין פּראָפּאָרציע נישט מער ווי אויף אַ דריטל, אָדער גאָר בלויז אַ פינפטל.

דער קליינער נאַטירלעכער צוואוקס איז געווען אַ דירעקטער פועל־יוצא פון דער געדריקטער עקאָנאָמישער לאַגע, שווערע גזירות און אומ־

---

* אַזאַ צאָל (גענוי 29,938) גיט אָן דער סטאַטיסטיקער פון יידן אין איטאַליע ראַבערט באַקי פאַר דעם יאָר 1770 אויפן יסוד פון בפּרטיותדיקע שאַצונגען. דאָס איז, אגב, אויך אין הסכם מיט דער צאָל 20,000 יידן אין קיניגרייך איטאַליע, וואָס עס דערמאָנט דער כלל־טוער משה פאָרמידזשינו אין זיין בריוו פון 1טן יוני, 1806, צום שטאַט־סעקרעטאַר אַנטאָניאָ אלדיני; אַחוץ דעם „קיניגרייך איטאַליע" האָבן זיך דעמאָלט געפונען מער ווי 10 טויזנט יידן אין דער פּויפּסטלעכער מלוכה, אין עט־רוריע (טאָסקאַנא) און אין פּיעמאָנט, וואָס איז געווען אינקאָרפּירירט אין פראַנקרייך. סעסיל ראָט, אין זיין „געשיכטע פון יידן אין איטאַליע" (ענגליש, פילאַדעלפיע, 1946, ז' 253), שאַצט די צאָל יידן אין לאַנד „אין דער געטאָ־תקופה" פון 25 ביז 30 טויזנט, נישט באַשטימענדיק דערביי גענוי די צייט.

גינסטיקע היגיענישע באַדינגונגען אין די געטאָס. די זעלבע לעבנס־פאַרהעלטענישן האָבן אויך גורם געווען אַ געוויסן, הגם נישט באַדייטנ־דיקן אָפּפלוס פון דער באַפעלקערונג פון די קהילות: אַ דינער, אָבער שטענדיקער שטראָם פון עמיגראַציע פון איטאַליענישע יידן איז געגאַנגען קיין האָלאַנד און ענגלאַנד, און געצוואונגענער און האַלב־געצוואונגענער שמד, באַזונדער אין דער פויפּסטלעכער מלוכה, פלעגט אָוועקרייסן פון פאָלק אַ פּאָר צענדליק מיטגלידער אַ יאָר. אַרום צוויי־דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען קאָנצענטרירט אין אַ צענדליק שטעט, וואָס האָבן געציילט מער ווי צו טויזנט נפשות. די גרעסטע קהילות זיינען געווען אין ליוואָרנאָ מיט העכער 4,000 יידן (4,327 אין יאָר 1784), און אין רוים, וואָס האָט דערגרייכט בערך די זעלבע צאָל. בעת אָבער די קהילה אין ליוואָרנאָ האָט געהאַלטן אין וואַקסן, איז אין רוים די צאָל יידן כסדר געפאַלן און אין 1810 האָט זי, לויט אַן אָפיציעלער ציילונג, שוין נישט מער באַטראָפן ווי 3,038 נפשות. אַן ענלעכע ירידה האָט אויך אויפגעוויזן די יידישע קהילה אין דער שטאָט ווענעציע, וואו עס זיינען אין יאָר 1790 אויפגעציילט געוואָרן נישט מער ווי 1,517 יידן (בערך 1 פּראָצענט פון די 136,803 באַוואוינער פון דער שטאָט). קהילות פון איבער אָדער קרוב טויזנט נפשות האָבן אויך פאַרמאָגט די שטעט מאַנ־טוא (1,962 יידן אין יאָר 1793), טריעסט, אונטער עסטרייכישער הער־שאַפט (בערך 1,500 נפשות), מאָדענא (1,260 יידן אין יאָר 1795), אַנ־קאָנאַ און פעראַרא, ביידע אין דער פויפּסטלעכער מלוכה, טורין און פּיע־מאָנט, ווערענאַ אין דער ווענעציאַנישער מלוכה (822 אין יאָר 1795) און פלאָרענץ (939 אין יאָר 1784). דאָס איבעריקע דריטל יידן איז געווען צעשפּרייט אין מער ווי זעכציק קהילות, וואָס האָבן כמעט אַלע געציילט ווייניקער ווי צו 500 נפשות, און אַ העלפט פון זיי איז באַשטאַנען פון קליינע ישובים, וואָס האָבן נישט דערגרייכט אפילו קיין 100.

דאָס זעלבע איטאַליע, וואו יידן האָבן אַמאָל אין מיטלאַלטער גע־האַט גענאָסן פון דער גרעסטער טאָלעראַנץ אין אייראָפּע, איז זינט דער קאַטוילישער רעאַקציע אין דער אַנדערער העלפט פון 16טן י״ה, וואָס האָט זיך פאַרשאַרפט אַלץ מער מיט דער וואַקסנדיקער עקאָנאָמי־שער ירידה פון לאַנד, געוואָרן דאָס קלאַסישע לאַנד פון יידישע געטאָס. דאָס גרעסטע פון די אַלע געטאָס, וואָס האָט זיך אויך דערהאַלטן אַמ־לענגסטן אין אייראָפּע, איז געווען אין רוים, וואו עס איז באַשטאַנען פון אַ שטאָט־קוואַרטאַל ביים טייך טיבער, מיט צוויי הויפּט־גאַסן, זעקס זייַ־טיקע געסלעך און איז געווען אָפּגעשלאָסן דורך מויערן פון דער אַרו־מיקער שטאָט. נאָר אין משך פון טאָג האָבן יידן געמעגט אַרויסגיין פון געטאָ דורך איינעם פון די פינף טויערן, וואָס פלעגן פאַרמאַכט ווערן

מיטן זון־אונטערגאַנג. אין װענעציע האָבן ייִדן געװאױנט אין אַ שטאָט־טייל, װאָס האָט דעם נאָמען געטאָ פֿאַרשפּרייט װי אַ באַצייכנונג פֿאַר אַלע אָפּגעזונדערטע ייִדישע קװאַרטאַלן אין דער װעלט. זינט 1516, װען ייִדן זיינען געװען געצװאונגען צו װאױנען אין דעם „נייעם געטאָ", איז עס צװיי מאָל פֿאַרגרעסערט געװאָרן, צוערשט אין יאָר 1541, דורך צו־געבן דאָס „אַלטע געטאָ" און אין יאָר 1633 דאָס „נייסטע געטאָ".

דער זעלבער סיסטעם פֿון געטאָס איז געװען איינגעפֿירט אין אַלע גרעסערע און קלענערע שטעט אין איטאַליע, װאו עס האָבן געװאױנט ייִדן, אַחוץ גאָר קליינע שטעטלעך און דערפֿער אין געװיסע מלוכות, װי װענעציאַנישע רעפּובליק און עטלעכע קליינע מלוכות, װי פּאַרמאַ, פּיאַ־טשענצא און גװאַסטאַלא. װעגן קיין געטאָ איז דורכאױס קיינמאָל נישט געװען קיין רייד אין טאָסקאַנישן פֿרייעם פּאָרט ליװאָרנאָ, װאו די ייִדן, איינגעשלאָסן מאַראַנען, זיינען געהאַט איינגעלאַדן געװאָרן אין יאָר 1593 צוזאַמען מיט אַנדערע סוחרים זיך צו באַזעצן און װאו זיי האָבן גענאָסן פֿון די ברייטסטע רעכט אין גאַנץ איטאַליע. אַ דערגאַנצונג פֿון דער איזאָלאַציע פֿון ייִדן דורך דעם געטאָ איז געװען דער ייִדישער צייכן, װעלכן ייִדן פֿלעגן רופֿן אױף איטאַליעניש „שיאַמאַנאָ", פֿון העברעיאישן װאָרט סימן. מענער האָבן געמוזט טראָגן אַ קאַפּעלוש און פֿרױען אַ קאָ־לירט קאָפּטיכל, אין דער קירכלעכער מלוכה — געל, אין װענעציע און פֿלאָרענץ — רױט. אין פֿירשטנטום מאָדענא האָט מען זיך באַגנוגנט מיט אַ רױט בענדל אױפֿן קאַפּעלוש, אין פּיעמאָנט האָט מען געדאַרפֿט צו־נייען אַ שטיק געלן שטאָף אױפֿן רעכטן אַקסל. בלױז אױף דער נסיעה איז על פּי רוב געװען דערלױבט זיך אַרױסצולאָזן אָן דעם שאַנד־צייכן, און פּריװילעגירטע יחידים, װי דאָקטױרים, מקורבים פֿון מלכות און ייִדישע סטודענטן אױפֿן אוניװערסיטעט אין פּאַדואַ זיינען געװען בכלל באַפֿרייט פֿון טראָגן דעם „סימן". מיט דער צייט האָבן אפֿילו אין רױם די פּױפּסטן זיך געמאַכט אַ באַזונדערע הכנסה דערפֿון, װאָס זיי האָבן פֿאַר געלט געגעבן רייכע ייִדן די פּריװילעגיע אַרומצוגיין אָן דעם צייכן, און דער צייכן איז געבליבן אַ גזירה פֿאַר דער אָרעמער ייִדישער מאַסע. פּונקט אַזױ איז די גזירה װעגן געטאָ ביז צו דער נייער כװאַליע פֿון רעאַקציע אין לעצטן פֿערטל פֿון 18טן יאָרהונדערט |אינטערפּרעטירט געװאָרן בדרך כּלל אַזױ, אַז דער האַנדל זאָל דערפֿון נישט געטראָפֿן װערן. אין רױם גופֿא האָבן ייִדן געהאַלטן אָפֿן געװעלבער און מאַגאַזינען אין דער שטאָט אין קװאַרטאַלן, װאָס זיינען געלעגן אין שכנות פֿון געטאָ און אױך אין אַנדערע גאַסן אַחוץ די רעפּרעזענטאַטיװע הױפּט־גאַסן, דורך װעלכע עס פֿלעגן אַדורכגיין די קאַטױלישע פּראָצעסיעס.

אין 18טן י"ה איז נאָך אַלץ אָפּגעהיט געװאָרן אין אַ טייל מלוכות

אין איטאַליע, בפרט אין דער פויפּסטלעכער מלוכה, די גזירה וועגן צוואַנג פאַר יידן אויסצוהערן דרשות פון די מיסיאָנערן. יעדן שבת נאָכמיטאָג פלעגט אַ צאָל יידן (אין רוים 300 מענער און 200 פרויען) מוזן קומען אין דער באַשטימטער קירך צו דער פּרעדיקט פון אַ מאָנאַך, אָדער גלח, דאָס רוב — אַ משומד, וואָס פלעגט זיך באַנוצן אין זיין שפּראַך מיט העב־רייאישע ווערטער און פסוקים. אויפן וועג צו דער קירך פלעגן די יידן אָפט זיין אויסגעשטעלט אויף אָנפאַלן מצד דעם המון, און כדי דאָס אויסצומיידן, האָט מען אין פעראַרא געמאַכט אַ ספּעציעלן אַדורכגאַנג פון געטאָ גלייך אין דער קירך. רייכע יידן האָבן זיך אויך פון דער דאָזיקער גזירה אויסגעקויפט און געשיקט פאַר אַ באַשטימטער באַלוי־נונג אָרעמעלייט, וואָס זאָלן אויספילן די געפאָדערטע צאָל. צוליב דעם פאַרבאָט פון דער קירך אויף דעם תלמוד און אויך אַנדערע ספרים, אויב זיי זיינען נישט אַדורכגעגאַנגען דורך דער צענזור, פלעגן אַדורכגע־פירט ווערן אָפטע רעוויזיעס אין יידישע הייזער און די געפונענע פאַר־באָטענע ביכער פלעגן קאָנפיסקירט ווערן. נאָך אין יאָר 1753 האָט מען ביי אַזאַ רעוויזיע אויפן באַפעל פון בענעדיקט דעם 14טן, וואָס האָט געהאַט דעם שם דווקא פון אַ ליבעראַלן פויפּסט, צוגענומען ביי די רוי־מישע יידן 38 וואָגנס אָנגעלאָדענע מיט ספרים און בלויז אַ טייל פון זיי, סידורים און תהלימלעך, צוריקגעגעבן די אייגנטימער.

די אויסטערלישסטע גזירה פון דער תקופה איז אָבער געווען דער צוואַנג־שמד. די הייזער פון „קאַטעכומענען" (משומדים), וואָס זיינען איינ־געפירט געוואָרן אין פאַרשיידענע טיילן פון איטאַליע, זינט דער מיט פון 16טן י״ה, און וואָס זיינען אויסגעהאַלטן געוואָרן אין דער פויפּסט־לעכער מלוכה פונקט ווי די מיסיאָנערן, אויפן חשבון פון די קהילות, האָבן באַדאַרפט אָנגעפילט ווערן. היות פרייוויליקער שמד האָט זיך נישט געטראָפן אָפט, האָט מען אָנגעווענדט אַ צביעותדיק פאַרשטעלטן צוואַנג. עס איז געגנוג געווען, אַז אַ קריסט זאָל בייזוויליק באַשפּריצן אַ ייד מיט וואַסער און אַרויסזאָגן דערביי די טויף־פאָרמולע, מען זאָל דעם ייד אַריינ־נעמען אין משומדים־הויז. פונקט אַזוי פלעגט מען אויף דעם פאַרלאַנג פון משומדים אַוועקרייסן קינדער פון זייערע מוטערס און דערציען אַלס קריסטן. דער דערמאָנטער פויפּסט בענעדיקט דער 14טער האָט מיט אַלע זיינע פּרינציפּיעלע הנחות, אַז מען טאָר ניט שמדן קיין קינדער אונטער 7 יאָר און קיין עלטערע אָן זייער הסכם, דעקרעטירט, אַז אויב אַ קריסטלעכע אם שמדט אַ קינד אַלס אַ „בויט טויפע", איז דער שמד גילטיק און עס איז לכתחילה דערלויבט צו שמדן קינדער, וועלכע די עלטערן האָבן פאַרלאָזט. ער האָט אויך בפירוש באַשטעטיקט דאָס רעכט פון איינעם פון די עלטערן אָדער גרויסעלטערן (אויב דער פאָטער לעבט

ניט) צו שמדן זייערע קינדער (אָדער איניקלעך), אויך אָן דעם הסכם פון צווייטן פון די עלטערן. די אַלע באַוואָרענישן זיינען אָבער געווען אילוזאָריש, היות דער פּויפּסט האָט גלייכצייטיק באַשטימט, אַז דער שמד פון אַ קליין קינד איז גילטיק, אפילו אויב ער איז אַדורכגעפירט געוואָרן קעגן געזעץ!

אין די דאָזיקע באַדינגונגען איז צו באַוואונדערן די שטאַנדהאַפטיקייט פון די דערוואַקסענע ייִדן, וועלכע מען האָט מיט צוואַנג, אונטער פאַרשיידענע מינים תירוצים, אַריינגעשלעפּט אין די משומדים־הייזער, און וועלכע מען האָט נאָך אַ פּאָר וואָכן געמוזט אַרויסלאָזן, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן. אַמאַנגעוויטיקסטן איז געווען די צרה פון צוואַנג־שמד אין דער פּויפּסטלעכער מלוכה. בעת אין וועלטלעכן פירשטנטום מאָדענא האָבן אין משך פון 1750-1691 זיך געטראָפן 25 פאַלן פון שמד, זיינען אין שכנותדיקן פערארא, אונטער דער הערשאַפט פון פּויפּסט, פאַרצייכנט געוואָרן אין די זעלבע 60 יאָר לכל־הפחות 136 צערעמאָניעס פון טויפן ייִדן (פאַר דעם יאָרצענדליק 1720-1711 פעלן ידיעות). אין רוים גופא, וואוהין מען פלעגט אָפט ברענגען צום שמד ייִדן פון גאַנץ איטאַליע און אפילו פון פראַנקרייך און דייטשלאַנד, איז אין 17טן י״ה אויסגעפאַלן דורכשניטלעך 18 און נאָך אין 18טן י״ה מער ווי 13 שמדן אין איין יאָר; אין די יאָרן 1700-1634 זיינען געשמדט געוואָרן אין רוים 1,195 ייִדן, און פון 1700 ביז 1790 — 1,237 ייִדן.

נישט קיין חידוש, אַז אין דער תקופה איז נאָך געווען באַקאַנט ביי יחידים, לויט ווי עס גיט איבער חיים י. ד. אזולאי, אַ סגולה קעגן שמד, וואָס האָט געשטאַמט פון מקובל און תלמיד־חכם מנחם עזריה דא פאנו פון 16טן־17טן י״ה: מען פלעגט אַראָפּשלינגען אַ שטיקעלע פּאַרמעט מיט דער אויפשריפט „שמע ישראל" איינגעטונקען אין דער מילך פון אַ מוטער מיט אַ טאָכטער און אין זאַפט פון לימענע — אַחוץ וואָס מען האָט דורכגעפירט אַ תענית און טבילה...

דאָס געטאָ־סיסטעם האָט אַחוץ דער געזעלשאַפטלעכער אָפּזונדערונג און דערנידעריקונג געהאַט פאַר אַ צוועק צו שטיקן די ייִדן אין זייער עקאָנאָמישער אַקטיוויטעט און צו באַגרענעצן זיי בלויז צו באַשטימטע עקאָנאָמישע פונקציעס, וואו זיי האָבן נישט געקאָנט זיין קיין קאָנקורענטן פאַר דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. אומעטום איז געווען פאַרבאָטן ייִדן צו קויפן אומבאַוועגלעך אייגנטום און ממילא זיינען זיי געווען אויסגעשלאָסן פון לאַנד־ווירטשאַפט. דער לאַחדים־האַנדל אין אָפענע געוועלבער איז פונקט ווי כמעט אין גאַנץ מערב־אייראָפּע געווען אַ מאָנאָפּאָל פון די קריסטלעכע קרעמער און אויך דער ייִדישער הורט־האַנדל, בפרט מיט אויסאַרבעטונגען פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע, האָט אָנגעטראָפן אויף שטערונגען מצד די גילדיעס; לפי ערך אומגעשטערט האָבן ייִדישע סוחרים זיך געקאָנט פאַרנעמען בלויז מיט עקספּאָרט און אימ־

פּאַרט. אַזוי ווי יידן האָבן לחלוטין נישט געטאָרט געהערן אין די האַנט־וווערקער־צעכן, האָבן זיי לעגאַל נישט געקאָנט זיך פאַרנעמען מיט די וויכטיקסטע צווייגן פון מלאכה, אפילו אין די פּראָווינצן, ווי פּיעמאָנט אין מאָדענא, וואו דאָס מלוכה־געזעץ האָט עס בפירוש נישט פאַרבאָטן. אַזוי ווי אויך די פאַבריק־אינדוסטריע איז על־פּי רוב, אפילו אין די צווייגן, וואָס זיינען אויפגעקומען אַדאַנק דער יידישער איניציאַטיוו, געווען אָרגאַניזירט אין גילדיעס, איז אויך יידישע פאַבריקאַנטן אָפט אויסגעקומען צו קעמפן קעגן שווערע מניעות און אַמאָל אויך אָן דערפאָלג. דערצו איז נאָך צוגעקומען אין אַ ריי לענדער, מיט דער פּויפּסטלעכער מלוכה און ווענעציע בראש, דער פאַרבאָט פאַר יידן צו באַשעפטיקן קריסטלעכע אַרבעטער.

דער גרויסער און מיטעלער יידישער קאַפּיטאַל האָט אויך אין די דאָזיקע באַדינגונגען געפונען אַ וועג פאַר אינוועסטיציעס, וואָס האָבן געבראַכט גרויסע רווחים און געשפּילט אַ גאָר באַדייטנדיקע ראָלע אין דערווירטשאַפט פון לאַנד. גאָר גרויס איז געווען דער אַנטייל פון יידן אין האַנדל פון די צוויי האַפן־שטעט ליוואָרנאָ און טריעסט, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין וואַקסן אויפן חשבון פון די אַלט־איינגעפונדעוועטע איטאַליענישע האַנדלס־שטעט, און האָבן זיך אַרויסגערוקט אויבנאָן אין דעם פאַרקער אויפן מיטללענדישן ים. אין ליוואָרנאָ האָבן די יידישע סוחרים, פריער פון ספרדיש־פּאָרטוגעזישער אָפּשטאַמונג, און שפּעטער אויך אימיגראַנטן פון אַנדערע געביטן פון איטאַליע, על פּי רוב פון דער פּויפּסטלעכער מלוכה, געהאַט אין זייערע הענט אַ גרויסן טייל פון תבואה־און בוימל־האַנדל, און בפרט געווען אַנזעעוודיק אין אימפּאָרט פון געווירצן. צווישן בערך 150 גרויסע האַנדלס־אונטערנעמונגען אין שטאָט אין 18טן י״ה האָבן יידן באַטראָפן אַ דריטל. אין ליוואָרנאָ איז אויך דער האַנדל מיט קרעלן און די קרעלן־אינדוסטריע, וואָס האָט געהאַט אַן אָפּזאַץ אין גאַנץ אייראָפּע און אין די ווייטסטע לענדער פון אַזיע, געווען פּאַקטיש באַהערשט פון יידן. אין טריעסט, וואו די יידישע קהילה האָט צום סוף פון 18טן י״ה אויך לויט דער צאָל איבערגעשטיגן די קהילה אין ווענעציע, האָבן יידישע סוחרים זיך באַטייליקט אין אימפּאָרט פון טאַבאַק, קאַווע און צוקער, און יידן, ווי מאַרקאָ לעווי און דער העברייאישער דיכטער יוסף אלעזר מאָרפּורגאָ זיינען געווען צווישן די גרינדער פון דער שפּעטער באַרימטער פאַרזיכערונג־געזעלשאַפט: „אַסעקוראַציאָני דזשענעראַלי״. אין ווענעציע, וואו די גרויסע קריסטלעכע סוחרים־פאַמיליעס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אַריסטאָקראַטיע, וואָס האָט געהאַלטן פאַר אַן אומכבוד זיך צו פאַרנעמען מיט וועלכער נישט איז עקאָנאָמישער טעטיקייט, איז דער לעוואַנטינישער האַנדל און דער

האַנדל מיט צפון־אַפריקע אין 18־טן י״ה אין אַ גרויסער מאָס איינגע־שטאַנען ביי יידישע סוחרים, בפרט די ספרדים, פּונקט ווי, איבעריקנס, אויך ביי פרעמדע צוגעוואַנדערטע סוחרים. צום סוף פון 18טן י״ה האָבן צווישן די רייכסטע סוחרים אין שטאָט זיך געפונען אַ סך יידן; אין י. 1797 האָט דער דעמאָקראַטישער שטאַטראַט אַרויפגעלייגט אויף די סוחרים פון ווענעציע אַ שטייער אין סכום פון 867,900 דוקאַטן אויף איינקוואַר־טירונג פון די פראַנצויזישע חיילות. פון דער דאָזיקער סומע האָבן 110 יידישע האַנדלס־פירמעס באַצאָלט 223,180 דוקאַטן, ד. ה. מער ווי אַ פערטל פון סך־הכל, וואָס דאָס רוב דערפון, 174,000 דוקאַטן, האָבן געסילוקט אײַנגאַנצן 6 גרויסע סוחרים. עטלעכע צענדליק יידישע סוחרים אין וועּ־נעציע האָבן אויך פאַרמאָגט אייגענע שיפן, וואָס האָבן געפירט סחורות אויפן מיטללענדישן ים.

אויך אין די האַפן־שטעט פון דער פויפּסטלעכער מלוכה, פּע־זאַראָ און אַנקאָנאַ, האָבן יידישע סוחרים געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין האַנדל מיט טערקיי. אין רוים גופא האָבן יידן געפירט מסחר מיט דעם נאָענטן מזרח, און עקספּאָרטירט געווירצן קיין מערב־אייראָפּע, געהאַט אָפענע געשעפטן פון טוך (דערלויבט אין 1740), אײַזן, און יידן פון דייטשלאַנד און האָלאַנד האָבן פאַרקויפט אויס־לענדישע סחורות. דער האַנדל מיט ווייץ, איז לויט דעם עדות פון יאָר 1784 פון בענעדעטאָ פריצי, אַ יידישן דאָקטאָר און עקאָנאָמיסט, געווען אַ מאָנאָפּאָל פון יידן אין גאַנץ איטאַליע. יידן האָבן אַריבערגעפירט תבואה פון געגנטן אין איטאַליע, וואו עס איז געווען אַן איבערפלוס, אין אַזעלכע, וואָס האָבן אַליין נישט געדעקט זייער באַדאַרף, און אין יאָרן פון טריקעניש אויך אימפּאָרטירט תבואה פון אויסלאַנד. דער יידישער באַנקיר און סוחר פון פעראַרא משה וויטא כהן האָט באַקומען עטלעכע פויפּסטלעכע דאַנק־בריוו פאַר דער ליפערונג פון טערקישן ווייץ קיין אנקאנא אין יאָר 1764, אַזאַ ליפערונג האָט ער אויך אַדורכגעפירט שפּע־טער אין דעם הונגער־יאָר 1773. דער דערמאָנטער פריצי דערציילט אויך אין זיין שריפט, וועלכע ער האָט אַרויסגעגעבן אַלס ענטפער אויף דער אַנטי־יידישער בראָשורע פון דזשיאָוואַני ד׳ארקאָ, וועגן דעם גרויסן נוצן, וואָס יידן האָבן געבראַכט דעם לאַנד, דורך דעם סחורה־אויסטויש צווישן די פאַרשיידענע פּראָווינצן פון צפון־און מיטל־איטאַליע. דורך זייער באַטייליקונג אין די ירידים, האָבן יידן געהאָלפן פאַרשפּרייטן אי־בערן לאַנד אויך אויסאַרבעטונגען פון דער איטאַליענישער זייד־און וואָל־אינדוסטריע.

שטאַרק רעדוצירט אין פאַרגלייך מיט די פריערדיקע יאָרהונדערטער איז געווען דאָס יידישע באַנקוועזן. אין רוים איז נאָך דעם פויפּסטלעכן

פאַרבאָט פון יאָר 1682 דער קליינער יידישער קרעדיט דערגאַנגען צו אַזאַ ירידה, אַז די ווינציקע איבערגעבליבענע יידישע געלט־לייער פלעגן אַליין די דערהאַלטענע משכנות פאַרזעצן אין דער קריסטלעכער פאָלקס־באַנק, „מאָנטע די פּיעטאַ". אין וועגעציע זיינען יידן לויטן אָפּמאַך מיט דער שטאָט געווען מחויב אויסצוהאַלטן דריי בענק, וואָס האָבן אויסגעבאָרגט געלט אויף משכנות פאַר אַ נידעריקן פּראָצענט. די קהילה האָט צו די דאָזיקע בענק צוגעלייגט אַזוי פיל געלט, אַז זי האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַ טייל פון די הוצאות אויף די קלענערע קהילות אין דער רעפובליק. אַ צאָל קליינע יידישע געלט־לייער האָט זיך אויך געפונען אין פירשטנטום מאָדענאַ און בפרט אין געוויסע געגנטן פון פּיעמאָנט, וואו זיי האָבן אָפּט אָפּערירט מיט קאַפּיטאַלן פון קריסטלעכע שכנים. אין דער פּיעמאָנטער דיסטריקט אַקווי זיינען די פויערן געווען שטאַרק פאַרשולדיקט ביי די יידן אין שטאָט און עס איז ביי זיי וועגן דעם געווען פאַרשפּרייט אַ כאַראַקטעריסטיש פאָלקס־ווערטל: „וואו ערגעץ אַ גילדן, ווערט ער איינגעזויגן אין געטאָ". עטלעכע גרעסערע יידישע באַנקפירמעס האָבן עקזיסטירט אין רוים, מאַנטוא, פלאָרענץ און מאָדענאַ. די יידישע באַנקירן פלעגן אויספירן טשעק־איבערווייזונגען פאַר פאַרשיידענע לענדער אין איראָפּע און אַמאָל אויך איבערנעמען ביי דער רעגירונג אויסצאָלונגען פאַר מיליטער און אפילו די פאַכט פון געוויסע שטייערן. אין געוויסע געגנטן פון איטאַליע, באַזונדער אין די מלוכות מאַנטוא און מאָדענאַ, האָט זיך איינגעגעבן געציילטע יידישע משפחות צו דערוואַרבן גיטער, און לויט דעם באַריכט פון פּריצי, האָבן זיי געהאַט פאַרדינסטן אין אויסטריקענען זומפּיקן באָדן.

נישט געקוקט אויף אַלע שטערונגען, האָבן יידישע אונטערנעמער געהאַט אַ גרויסן חלק אין דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין לאַנד, בעיקר אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע, וואָס האָט געהאַט אַן אָפּזאַץ אויך אין אויסלאַנד. אין דער וועגעצישער רעפּובליק האָבן יידן פאַרמאָגט גרויסע זייד־און וואָל־שפּינערייען אין דער שטאָט וועגעציע, גופא, און אין דער פּראָווינץ — אין פּאַדוא, ראָוויגאָ, וועראָנאַ א. אַנד. נאָך אָפּטער זיינען יידן געווען באַטייליקט אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע אַלס פאַרלעגער, אָפּקויפנדיק די אויסאַרבעטונגען פון היים־אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט אויף זייער באַשטעלונג. אויף אַזאַ אופן האָבן די יידישע אונטערנעמער אין פּאַדוא אין דער זייד־אינדוסטריע, וועלכע אַ ייד האָט, אַגב, געהאַט איינגעפירט אין שטאָט אין 15טן י"ה, באַשעפטיקט 5 טויזנט אַרבעטער, על־פּי רוב פרויען. אויך אין רוים איז די אַרבעט פון קריסטלעכע זייד־וועבער אין אַ גרויסער מאָס געווען אָרגאַניזירט און אָנגעפירט דורך יידישע סוחרים. ווען די קריסטלעכע אונ־

טערנעמער פון דעם זעלבן אינדוסטריע־צוויג האָבן אַרום דער מיט פון 18טן י״ה געוואָלט גרינדן אַ גילדיע, כדי אויסצושליסן יידן, האָט די קהילה אַריינגעשיקט צום פּויפּסטלעכן וויקאַר אַ לענגערן מעמאָראַנדום, וואו זי האָט אָנגעוויזן אויף דער גרויסער דערפאַרונג פון יידן אויפן געביט פון זייד־פאַבריקאַציע און אויף דעם נוצן, וואָס זיי ברענגען דער־מיט דער מלוכה. אין פּיעמאָנט זיינען יידן געווען טעטיק אין דער באַוול־און זייד־אינדוסטריע, בעיקר אַלס פאַבריקאַנטן און אַחוץ עטלעכע יידישע פירמעס אין דער הויפּט־שטאָט טורין, זיינען געווען גרויסע יידישע שפּינערייען אין 6 פאַרשיידענע שטעט. אין טורין האָבן די יידישע פאַב־ריקאַנטן און 2 סוחרים־אונטערנעמער פאַרמאָגט עטלעכע מיליאָנען, און אָנווייזנדיק אויף זייער עשירות, האָבן זיי אין יאָר 1797 פאַרלאַנגט פון דער רעגירונג אַ דערלויבעניש צו קויפן אַ בנין מחוץ דעם געטאָ און אָנגעדייט, אַז אין קעגנפאַל, וועלן זיי מיט זייערע קאַפּיטאַלן עמיגרירן פון לאַנד. אין טאָסקאַנא זיינען די יידן אין דער שטאָט סיענא געווען שטאַרק באַטייליקט אין דער אָרטיקער טעקסטיל־אינדוסטריע.

ביי זייער וויכטיקער ראָלע אין דער ווירטשאַפט פון לאַנד האָבן די סוחרים, באַנקירן און פאַבריקאַנטן אפילו צוזאַמען מיט די גרויסע און קליינע מעקלער, וואָס האָבן זיך געפאָרעט באַזונדער אין ווענעציע, צו־זאַמענגעשטעלט בלויז אַ דינעם שיכט פון איטאַליענישן יידנטום. די ברייטע יידישע באַפעלקערונג האָט זיך טיף געבויגן אונטער די ברוטאַלע גזירות פון קירך און מלוכה. אין דעם מצב פון רעכטלאָזיקייט זיינען פאַר דעם יידישן פאָלקס־מענטש אין איטאַליע געבליבן צוויי כאַראַקטעריס־טישע צווייגן פון באַשעפטיקונג, וואָס האָבן צווישן זיך געהאַט אַ סך שייכות: גאַסן־האַנדל און פעדלערײ, האַנדל מיט אַלטוואַרג, אַלטע קליי־דער און שמאַטעס פון איין זייט און פון דער אַנדערער זייט — שניידערײ. אין רוים, אין ווענעציע און אין אַלע שטעט און שטעטלעך אין צפון־און מיטל־איטאַליע האָט זיך געהערט אויף די גאַסן דער כאַראַקטעריס־טישער אויסגעשריי „סטראַצי״ (שמאַטעס), „ראַבי וועקי״ (אַלטע קליידער) אָדער „העב״, הפנים אַ קיצור פון „העברעאָ״). אין ווענעציע איז „סטראַ־צאַריאַ״, ד. ה. שמאַטע־האַנדל, געווען די איינציקע לעגאַלע באַשעפטיקונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אַחוץ דעם אויסלענדישן האַנדל פון די גבירים, און די מאַכט פלעגט די דערלויבעניש יעדע צען יאָר באַנייען אין אָפּמאַך מיט דער קהילה.

ווי אַ פועל יוצא פון אַזעלכע גזירות זיינען די פּראָדוקטיווע עלע־מענטן ביי יידן אין ווענעציע געווען גאָר ווינציק. לויט אַ ציילונג פון נאָך דער רעוואָלוציע, פון י. 1797, איז דער פּראָפעסיאָנעלער צוזאַמענשטעל פון דער קהילה אין דער שטאָט ווענעציע געוועזן אַזאַ: אויף אַ צאָל פון

473 ראשי־משפחות אין סך־הכל, זיינען געווען 55 סוחרים, 75 שמאַטע־הענדלער, 39 מעקלער, 23 קליינע שפּיז־הענדלער, 7 הענדלער מיט פאַרשידענע סחורות, 41 האַנדלס־אָנגעשטעלטע, 18 געלט־לייער אויף משכנות, 29 אַרבעטער און טאָג־לוינער (צווישן זיי 3 ברייוו־טרעגער), 16 בעלי־מלאכות, 45 פאַרנומענע מיט פרייע פּראָפעסיעס ((מלמדים, דאָקטוירים, כלי קודש א. אַז. וו.), 84 משרתים, 17 פאַרנומענע מיט פאַרשיידענע פּרנסות און 29 אָפיציעל רעגיסטרירטע קבצנים. די בעלי־מלאכות און אַרבעטער האָבן, בכן, צוזאַמען נישט באַטראָפן אפילו קיין צענטל פון אַלע פרנסה־געבער אין דער קהילה.

אין שייכות מיט דעם האַנדל מיט אַלטוואַרג האָט זיך אַנטוויקלט ווי אַ ספּעציפישע יידישע פרנסה דאָס פאַרריכטן, רייניקן און אויסקלאַפּן אַלטע מאַטראַצן: באַזונדערס נאָך אַ לוויה איז געווען אַ מנהג ביי קריסטן אַריינצורופן אַ יידן און געבן אים אויפצופרישן דעם מאַטראַץ פון פאַרשטאָרבענעם. אַן אַנדער, ווירדיקערע באַשעפטיקונג, צו וועלכער יידן זיינען געווען באַזונדער מסוגל דורך דעם אויפקויף פון אַלטע מעבל און כל המינים גענוצטע חפצים, און דורך געניטקייט אין שניידעריי — איז געווען דאָס אויסשטאַפירן דירות. אין רוים פלעגט נישט נאָר די יידישע קהילה צושטעלן בעטן און בעטגעוואַנט מיט ציכלעך און ליילעכער פאַר דער פויפּסטלעכער אַרמיי, נאָר יידן פלעגן זיין באַשעפטיקט ווי ספּעציאַליסטן אין אויסמעבלירן פּאַלאַצן פאַר געסט און נייע תושבים. די זעלבע פונקציע איז געווען אַ חזקה פון יידן אין ווענעציע. אויך די דאָזיקע גענייטקייט איז אויסגענוצט געוואָרן ווי אַ מיטל אויסצופּרעסן פון יידן נייע פאַרפליכטונגען לגבי מלוכה און קירך. אין רוים האָט די יידישע קהילה אויף איר חשבון געדאַרפט אויספוצן מיט שטאָפן די צימערן פון די קאַרדינאַלן אין „קאָנקלאַווע" ביי דער וואַל פון אַ נייעם פויפּסט. אין וועגעציע איז די קהילה געווען מחויב עטלעכע מאָל אין יאָר, ביי אַלע גרויסע חגאות, צו באַצירן מיט שטאָפן אַ רייע קירכעס אין שטאָט, אַחוץ וואָס זי האָט געמוזט צושטעלן געלעגערס בעת די מאַנעוורעס פון דער אַרמיי. ענלעכע פאַרפליכטונגען לגבי דער שטאָט, אויסצושטאַטן פּאַלאַצן פאַר די אָפיציעלע געסט, האָבן אויך געהאַט די קהילות אין דער וועגעצישער פּראָווינץ, ווי למשל אין ווערנאָנאַ.

שניידעריי איז ביי יידן אין איטאַליע, בפרט אין רוים און אין וועגעציע, נאָך אין מיטלאַלטער געווען אַ וויכטיקע יידישע באַשעפטיקונג. דער האַנדל מיט אַלטוואַרג האָט אָבער אין איטאַליע מער נאָך ווי ערגעץ אַנדערש אין אייראָפּע געמאַכט שניידעריי פאַר דער פאַרשפּרייטסטער באַשעפטיקונג פון יידישע מענער און פרויען. די איינגעהאַנדלטע אַלטע קליידער פלעגט מען לויט מעגלעכקייט פאַרריכטן, כדי זיי דערנאָך צו

פּאַרקויפּן. אויף דעם דאָזיקן געביט האָבן זיך איטאַליענישע יידן שוין אין 17טן י״ה אויסגעצייכנט ווי אמתע קינסטלער. סיי אין ווענעציע, סיי אין רוים זיינען די יידישע שניידער געווען אַ שם־דבר מיט זייער געניט־קייט אין פאַרנייען אַ ריס נישט צו דערקענען. אין רוים פלעגן אויך די קאַרדינאַלן איבערגעבן יידישע שניידער זייערע בגדים צו פאַרריכטן. ביי דער דאָזיקער אַרבעט זיינען אין גאַנץ איטאַליע געווען באַשעפטיקט אַ סך יידישע פרויען און מיידלעך. אין פּיעמאָנט איז דער קליינהאַנדל גע־ווען די הויפּט־באַשעפטיקונג פון מענער, בעת די פרויען פלעגן אַרבעטן אַלס נייטאָרינס, שניידערינס און שפּינערינס. אין די געסלעך פון רוי־מישן געטאָ פלעגן די פרויען זיצן פאַר די טויערן פון די הייזער ביז זון־אונטערגאַנג און אַרבעטן מיט דער נאָדל, אָדער ביי אַ שפּינדל. אין די טונקעלע געסלעך פון ווענעצישן געטאָ פלעגן די פרויען נייען בייטאָג ביים אָפענעם פענצטער און ביז שפּעט אין דער נאַכט ביי אַ לעמפּל. או־מעטום זיינען די יידישע פרויען אויך געווען באַקאַנט מיט קנעפּלעך־אויס־אַרבעטונג. דער האַנדל מיט אַלטוואַרג האָט אַנטוויקלט ביי יידן אַ פאַכ־מענישקייט אויך אין אַנדערע מלאכות, ווי טישלעריי, לעדער־אַרבעט, מע־טאַל־אַרבעט, פאַרבעריי א. ד. גל. יידישע יובעלירן און גאָלדשמידן זיי־נען געווען פאַרשפּרייט איבער גאַנץ איטאַליע. אין רוים, וואו די באַ־גרענעצונגען פון יידן להיפך צו ווענעציע געטראָגן גיכער אַ רע־ליגיעז־רעפּרעסיוון ווי אַן עקאָנאָמישן כאַראַקטער, האָבן יידן אין 18טן י״ה נישט בלויז מאַסנוויז זיך פאַרנומען מיט שניידעריי, נאָר עס האָבן זיך צווישן זיי אויך געפונען סטאָליאַרעס, גאַרבער, רימער, זאָטלער און בעלי־מלאכות פון אַנדערע צווייגן. אין גאַנץ איטאַליע איז אָבער ביי יידן די הויפּט־מלאכה בכלל געווען שניידעריי און טאַפּעצירעריי. ווי אַזוי די כאַראַקטעריסטישע באַשעפטיקונגען פון רוב איטאַליענישע יידן האָבן געווירקט אויף זייער געזונט, האָט שוין אין יאָר 1700 באַשריבן ראַמאַציני, דער באַרימטער איטאַליענישער מחבר פון ווערק „וועגן די קראַנק־הייטן פון בעלי־מלאכות״: הויט־קראַנקהייטן און לונגען־קראַנקהייטן זיי־נען געווען דער רעזולטאַט פון כסדרדיקן באַריר מיט שטויביקע אַלטע קליידער, שמוציקע שמאַטעס און פוילע מאַטראַצן, פּונקט ווי אויגן־קראַנק־הייטן און כראָנישער קאָפּווייטאָג זיינען געווען דער שכר פון די שטענדיק איינגעבויגענע שניידער און שניידערינס.

דאָס איטאַליענישע יידנטום, אין זיין רוב פאַרנומען מיט שווערער און פּראָדוקטיווער אַרבעט, האָט אויך אין זיין מדרגה פון דלות נישט געהאַט צו זיך קיין גלייכן צווישן די יידישע ישובים אין מערב־אייראָפּע, אפשר מיטן איינציקן אויסנאַם פון דער יידישער אָרעמקייט אין אַמסטערדאַם. די שמאַטע־קלייבער און לאַטוטניקעס האָבן אויף זייערע פאַרהאָרעוועטע

פלייצעס אויך באַדאַרפט אויסטראָגן די שווערע שטייערן, וואָס די מלוכות האָבן אַרויפגעלייגט אויף די געטאָ־קהילות. אָמשווערסטן זייַנען געווען די שטייער־לאַסטן אין רוים, וואו דאָס אויסהאַלטן די משומדים־הייזער אין סכום פון 1,400 סקודי * איז געווען איינע פון די גרעסטע פּאָזי־ציעס אין די אייגנטלעכע שטייער־הוצאות פון דער קהילה (אַחוץ די ציינזן פון פאַרלעגענע חובות). אין יאָר 1755 איז די יידישע קהילה אין רוים פּאַקטיש דערקלערט געוואָרן באַנקראָט. זי איז אָבער דורכדעם נישט באַ־פרייט געוואָרן פון צאָלן דעם פּויפסט דורך דער פאַרמיטלונג פון די קריסטלעכע פּאָלק־בענק די ציינזן פון די חובות, וואָס האָבן באַטראָפן העכער 10,500 סקודי אַ יאָר. צוזאַמען מיט די רעגולערע שטייערן מכל המינים האָבן די יערלעכע שטייער־הוצאות פון דער קהילה באַטראָפן מער ווי 15,000 סקודי, בעת די הכנסות האָבן אין דער זעלבער צייט נישט דערגרייכט קיין סך מער ווי 9,000 סקודי (אין יאָר 1744 — 9,168) און האָבן געהאַלטן אין איין פאַלן. צום סוף 18טן י״ה האָט שוין דער יער־לעכער דעפיציט פון דער רוימישער קהילה באַטראָפן קרוב צענטהאַלבן טויזנט סקודי (9,463 אין י. 1801). די כסדרדיקע פאַראָרעמונג פון יידישן מיטלקלאַס אין רוים אין משך פון 18טן י״ה ווערט געניו אילוסטרירט אין סכום פון פאַרמעגן, וואָס די באַזיצנדיקע פאַמיליעס פלעגן יעדע 5 יאָר דעקלאַרירן פאַר דער קהילה אונטער אַ שבועה, כדי צו באַצאָלן פאַרמעגן־שטייער. אין דעם פינף־יאָר 1721־1725 האָבן 139 ראשי־משפחות אָנגעגעבן דעקלאַראַציעס אין סכום פון 117,975 סקודי, אין די יאָרן 1746־1750, האָט דער סכום דעקלאַרירט פאַרמעגן פון 154 משפחות באַטראָפן בלויז 81,083 און אין 1791־1795, ערב דער פראַנצויזישער אָקו־פּאַציע שוין נישט מער ווי 38,525 סקודי צעטיילט אויף 143 משפחות.**

ביט וויניקער כאַראַקטעריסטיש איז אויך דער פאַקט, וואָס צווישן אין משך פון 70 יאָר איז בכן די פאַרמעגלעכקייט געפאַלן ביז אַ דריטל און בלויז אין משך פון 40 יאָר אין דער אַנדערער העלפט פון 18טן י״ה אויף מער ווי אַ העלפט!

* סקודי, נאָמינעל דאָס זעלבע, וואָס אַ ווענעציאַנישער דוקאַט, איז ווערט געווען בערך אַ העלפט דערפון, ד. ה. אַרום 6 גאָלד לירעס. פגל. סעסיל ראָטה, ד. צ. 11. נאָטע צו דער הקדמה.

** מיר גיבן דאָ אָן די ציפערן לויט דער אויספאָרשונג פון אטיליאָ מילאַנאָ, וואָס דעקן זיך כמעט מיט דער רשימה, ביי פויל ריגער אין זיין „געשיכטע פון יידן אין רוים״ (ז׳ 335). מילאַנאָ ברענגט אָבער אַ ווערטפולע סטאַטיסטיק פון דער צאָל באַ־שטייערטע משפחות, ווי אויך זייער צעטיילונג לויט פאַרמעגנס־קלאַסן.

לכל הפּחות 800 ראשי משפּחות פון דער רוימישער קהילה, אפילו אין די יאָרן, ווען זי האָט נישט געציילט מער ווי 4,000 נפשות, האָט נישט מער ווי אַ זעקסטל ביז אַ פינפטל באַזיצט אַ מיני־מאַל פאַרמעגן: דעקלאַראַציעס זיינען דאָך געווען מחוייב אָפּצוגעבן אפילו די, וואָס האָבן נישט מער פאַרמאָגט ווי איין־איינציקן פּויפסטלעכן דוקאַט (סקודאָ)! נישט קיין חידוש, וואָס די הוצאות פון די צדקה־חברות אין רוים האָבן אין דער זעלבער תקופה באַטראָפן העכער 9 טויזנט סקודי אַ יאָר; ד. ה. כמעט צוויי מאָל אַזוי פיל ווי די אייגנטלעכע שטייער־הוצאות פון דער קהילה און קרוב צוויי־דריטל פון אַלע יערלעכע התחייבותן פון דער קהילה, אַריינגערעכנט די ריזיקע צינזן פון חובות. נישט קיין סך גינסטיקער איז געווען די לאַגע אין אַנדערע קהילות פון דער קירכלעכער מלוכה. אין אַנקאָנאַ האָט בערך אַ העלפט פון דער קהילה גענאָסן פון צדקה אין פאַרשיידענער פאָרם. וועגן יידן אין אורבינאָ האָט אַ קאַטוילישער גלח נאָך אין יאָר 1717 געדרשנט, אַז צו דער נבואה פון הושע וועגן פאָלק ישראל, וואָס וועט בלייבן אָן אַ מלך און אָן אַ פירשט און אָן קרבנות (הושע ג׳, ד׳), וואָלט מען נאָך באַדאַרפט צוגעבן „אָן ברויט“. אין 1753 דערציילט חיים יוסף אזולאי אין זיין נסיעה־באַריכט וועגן די זעלבע יידן אין אורבינאָ, אַז זיי זיינען „עניים מרודים“, ביטערע אָרעמע־לייט. דער געלערנטער משולח, האָט מסתם נאָר דערפאַר דערמאָנט בלויז אורבינאָ, וויל דאָרט איז קיין פאַרמעגלעכע יידן בכלל ניט געווען. דער רוב יידן איז אָבער אויך אין אַנדערע קהילות באַשטאַנען פון אָרעמע־לייט. אין אַ באַריכט צום סענאַט פון ווענעציע באַשרייבט דער בירגערמייסטער דאָלפין, מיט אַ יאָר פאַר אזולאיס נסיעה, אַזוי דאָס דלות אין ראָוויגאָ: „פאַראַן 14 געוועלבער פון דער דאָזיקער נאַציע... בלויז צוויי קראָמען זיינען פאַרזען מיט אַביסעלע סחורה און אַלע אַנדערע זיינען געפאַלן צו דער מדרגה פון עלנטן שמאַטע־האַנדל: פאַראַן אויך בלויז צוויי שפּייז־געוועלבער, אָבער זיי האָבן כמעט נישט קיין שום חשיבות. דעם רעשט פון פאָלק קומט אויס צו לעבן פון נעבעכדיקסטע באַשעפטיקונגען, וואָס ברענגען פּרנסה בצימצום בלויז עטלעכע, אַזוי אַז זיי זיינען אָנגעוויזן צו פאַלן צו לאַסט דער אייגענער קהילה, וואָס האַלט זיי אויס דורך צדקה“.

די גרויסע צאָל און פאַרצווייגונג פון צדקה־חברות אין אַלע קהילות אין איטאַליע זאָגט אויך עדות וועגן דעם גרויסן דלות פון די יידישע מאַסן נישט ווייניקער ווי וועגן דער פילאַנטראָפּיע פון פאַרמעגלעכע און קעגנזייטיקער הילף און סאָלידאַרישקייט פון די האָרעפּאַשנע און אָרעמע קהילה־מיטגלידער. אין דער דערמאָנטער קליינער און אָרעמער קהילה ראָוויגאָ האָט אַחוץ דער גמילת־חסדים־חברה, וואָס האָט אויך אַריינגענומען ביקור־חולים און חברה קדישא, אין יאָר 1767 זיך געגרינדעט אַ

חברה „מלביש ערומים“. די זעלבע חברות האָבן אויך עקזיסטירט אין פּאַדואַ, דערצו נאָך אַ חברה „מוהר הבתולות, וואָס אונטער דעם נאָמען איז געווען באַקאַנט אין איטאַליע די אינסטיטוציע פון „הכנסת כלה“. אין ווענעציע האָט אַחוץ די פאַרשיידענע צדקה־חברות, אַ טייל מיט כאַ־ראַקטעריסטישע נעמען, ווי „צידה לדרך“ (פאַרזאָרגן אָרעמע לייט מיט שטיצע אויפן וועג), „חברה עניי העיר“, פאַר פאַרזאָרגן אָרטיקע אָרעמע־לייט, אויך אַנטוויקלט אַ גרויסע טעטיקייט די חברה „פדיון שבויים“, וואָס האָט אויסגעלייזט יידן פון די קאָרסאַרן אויפן אינדזל מאַלטאַ. אַזאַ חברה איז אויך געווען טעטיק אין ליוואָרנאָ. גרויס איז די צאָל צדקה־חברות אין רוים, וואָס האָט באַטראָפן מער ווי 25 מיט אויסערגעוויינלעך ספּע־ציאַליזירטע הילף־פונקציעס. די חברות, „אורח חיים“ און „נווה השלום“ האָבן פאַרזאָרגט אָרעמע־לייט מיט בעטגעוואַנט; מיט באַקליידן באַדערפ־טיקע האָבן זיך פאַרנומען פאַרשיידענע חברות: מכסי אלמנות, מלביש ערומים, מכסי ילדים, מלביש עניים, מכסי אביונים, שמחת הרגל און לב אלמנות ארנין.

§33. קהילה־לעבן, קולטור און דערציאונג

ווי אין אַלע ישובים אין אייראָפּע, איז אויך אין איטאַליע די פאַר־וואַלטונג פון די קהילות געווען אַ מאָנאָפּאָל פון די רייכסטע בעלי־בתים. די וואַל־פאַרזאַמלונג איז באַשטאַנען אומעטום בלויז פון די העכסטע שטייער־צאָלער און ממילא איז געווען שטים־באַרעכטיקט בלויז אַ קליי־נער מיעוט פון די קהילה־מיטגלידער. די דאָזיקע פאַרזאַמלונג האָט גע־ווילט אַ קלענערן ראָט — אין ווענעציע האָט ער געהייסן וועד קטן, און אין רוים איז ער באַשטאַנען פון 60 מיטגלידער — ווי אויך די פּרנסים, וואָס האָבן געהייסן „מאַסאַרי", „פּאַטטאַרי" א. א. אין ליוואָרנאָ איז אפילו דער דאָזיקער פּלוטאָקראַטישער סיסטעם, לויט דער באַשטעטיקונג פון דעם פירשט אין יאָר 1715, אַריבערגעגאַנגען אָפיציעל אין אַ רעזשים פון אַריסטאָקראַטיע: די ענגערע פאַרזאַמלונג פון 60 איז בכלל נישט געקליבן געוואָרן, נאָר זי האָט געהאַלטן אירע אַמטן בירושה. אין יאָר 1769 האָט דער טאָסקאַנישער פירשט באַגרענעצט דאָס ירושה־רעכט פון די 60 „רעגירער פון דער העברייאישער נאַציע" בלויז צום דריטן דור, אָבער מיט אַ באַוואָרעניש, אַז לאחדים־סוחרים, מעקלער און אָנגעשטעלטע זיינען לכתחילה אויסגעשלאָסן פון אָנטייל. ביי אַזאַ סיסטעם איז געווען נאַטירלעך, אַז די אומדירעקטע שטייערן האָבן באַטראָפן אַ גרויסע פּראָ־פּאָרציע פון די פינאַנצן פון דער קהילה. אין רוים באַווייזט דער בודזשעט פון יאָר 1744, אַז דער דירעקטער פאַרמעגן־שטייער האָט אַריינגעבראַכט אַ העלפט פון די קהילה־הכנסות, אין סכום פון 9,168 סקודי, בעת די אַנדערע העלפט איז באַשטאַנען פון פלייש־שטייער (2,000 סקודי), ברויט־שטייער, דירה שטייער א. ד. גל.

וואָס מער עס איז פּראָלעטאַריזירט געוואָרן דער מיטלקלאַס, אַלץ קלענער איז געוואָרן אין אַבסאָלוטן סכום און אין פּראָפּאָרציע די הכנסה פון דירעקטן שטייער אין איינגעשרומפּענעם בודזשעט פון דער קהילה, בעת די אומדירעקטע שטייערן זיינען ווייניק, אָדער בכלל ניט רעדוצירט געוואָרן: אין די הכנסות פון דער רוימישער קהילה אין 1801 אין סכום פון העכער 6,000 סקודי, האָט דער פאַרמעגן־שטייער באַטראָפן בלויז 2,000, בעת דער רעשט איז אַריינגעקומען פון אומדירעקטע שטייערן. אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י"ה וואַקסט אין רוים די אומצופרידנ־קייט אויך מיט דעם שאַצונג־סיסטעם פון פאַרמעגן־שטייער און עס קו־מען אַריין אָנקלאַגעס צו דער פּויפּסטלעכער רעגירונג קעגן די קהילה־שטייער שאַצער („טאַססאַטאָרי"). אין דער פאַראַרעמטער קהילה ראָוויגאָ

האָט פון איין זייט די קהילה ווי אַ גאַנצע זיך באַקלאָגט אויף די שטייער־לאַסטן, וואָס די אויבער־קהילה אין פּאַדואַ און די צענטראַל קהילה אין ווענעציע האָט אויף איר אַרויפגעלייגט; פון דער אַנדערער זייט האָט די אָרעמשאַפט געזוכט ביים בירגערמייסטער גערעכטיקייט קעגן די רייכע, וואָס האָבן פאַרוואַלטעט מיט דער קהילה.

אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י״ה באַגעגענען מיר שוין נישט מער ביי איטאַליענישע יידן נישט קיין וועלט־באַרימטן תלמוד־געלערנטן, ווי דער מחבר פון דער גרויסער תלמודישער ענציקלאָפּעדיע, „פּחד יצחק״, דר. יצחק לאַמפּראָנטי; נישט קיין פּראָמינענטן דיכטער פון דער מדרגה פון משה חיים לוצאַטאָ (רמח״ל). גרינטלעכע קענטשאַפט פון הלכה איז אָבער געווען פאַרשפּרייט אין גאַנץ איטאַליע און חיים יוסף דוד אזולאי טרעפט אויך אויף זיין צווייטער נסיעה אין איטאַליע אין די יאָרן 1776־1777 גרויסע תלמידי חכמים און איז זיך מיט זיי מפלפל אין לערנען. אַחוץ ישיבות כמעט אין אַלע גרעסערע קהילות — מיטן אויסנאַם פון דער פּויפּסטלעכער מלוכה, וואו תלמוד איז אָפיציעל געווען פאַרבאָטן — האָבן אויך עקזיסטירט קלויזן, וואָס האָבן זיך גערופן „עסגער״ (פון העבריי־אישן „הסגר״). אין ליוואָרנאָ זיינען אין די 70ער יאָרן צוויי קלויזן, יעדע מיט אַ מנין תלמידי חכמים, אויסגעהאַלטן געוואָרן פון פאַרשריבענע ירושות, איינע פאַר תלמוד און די אַנדערע פאַר זוהר. אָנערקענטע תלמידי חכמים פלעגן באַקומען פון דער קהילה דעם טיטול, „משכיל״ (אנקאָנאַ, ליוואָרנאָ). די ידיעות אין תלמוד האָבן פאַר די ראשים פון די קהילות אין איטאַליע, פונקט ווי אין רוב לענדער פון אייראָפּע אין יענער תקופה, געהאַט אויך אַ וויכטיקע פּראַקטישע באַדייטונג; אין בית־דין, וואָס האָט געהאַט אויטאָנאָמיע אין משפטים צווישן יידן, פלעגן זיצן צוזאַמען מיט רבנים אויך אָנגעזעענע סוחרים. כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם איטאַליע־נישן יידנטום איז אָבער דווקא די ווייטע פאַרשפּרייטונג פון דער גרינט־לעכער קענטשאַפט פון דער העברייאישער שפּראַך און פון תנ״ך און אין שייכות דערמיט — די גרויסע צאָל העברייאישע דיכטער. פּאָעטן שרייבן העברייאישע לידער אויפן גאַנצן שטח פון איטאַליע, פון גאָריציע אין צפון, ביז ליוואָרנאָ און דער פּויפּסטלעכער מלוכה אין דרום. אין אַ טייל שטעט, ווי גאָריציע, פּאַדואַ, ווענעציע, רעדזשיאָ, אנקאָנאַ, ליוואָרנאָ, האָבן געווירקט עטלעכע דיכטער אין דער זעלבער צייט. זייער אָנזען אין דער קהילה איז נישט געווען קלענער ווי פון די גרויסע לומדים, און די קהילה ליוואָרנאָ האָט איינעם פון אירע דיכטער אָפיציעל גע־קרוינט מיטן טיטול „פּייטן״. על פּי רוב זיינען די פּאָעמעס געלעגנהייטס־דיכטונג צו אַ חתונה פון אַ פריינד, עלעגיעס, פאַרצייכענונגען פון גע־שעענישן; מיר געפינען אָבער אויך עכטע פּאָעזיע, קודם כל, ביי די

ברידער אפרים און יצחק לוצאַטאָ. באַקאַנט זיינען אויך פון דער זעלבער תקופה נעמען פון יידישע פּאָעטן, וואָס האָבן געשריבן אויף איטאַליעניש, איינער פון זיי אַ הויף־דיכטער ביים גרויס־פירשט פון טאָסקאַנאַ. בכלל האָבן די איטאַליענישע יידן גוט באַהערשט די שפּראַך פון לאַנד, הגם צווישן זיך האָבן זיי גערעדט אויף אַ יידיש־איטאַליענישן דיאַלעקט, אויס־געמישט מיט אַ סך העברייאישע ווערטער.

אויף דער הויכער טראַדיציע פון קונסט ביי איטאַליענישע יידן זאָגט עדות סיי די אַרכיטעקטור און עסטעטישע אויסשטאַטונג פון די שולן, — סיי די קונסט־געגנשטאַנדן פון רעליגיעזן געברויך, אילומינירטע מגילות, כתובות א. אַז. וו. ווי וויט מוזיק איז געווען פּאָפּולער אין דער יידישער סביבה, קאָן מען זען פון דעם פאַקט, וואָס אין דער קהילה פון מאַנטואַ האָבן צום סוף פון 18טן י״ה געפונען באַשעפטיקונג 15 מוזיקאַנטן. מיט מוזיק, טאַנץ און געזאַנג פלעגט מען זיך פאַרוויילן אויף אַ וואַכנאַכט פאַרן טאָג פון ברית. דאָס געטאָ האָט געהאַט זיין קאַרנאַוואַל אין פורים־צייט, ווען מען פלעגט איינאַרדנען מאַסקאַראַדן, טענץ און אויפפירן פורים־שפּיל. פורים־לידער זיינען אַריינגענומען געוואָרן אין די לימודים פון עלעמענטאַרן חדר, וואו פרויען זיינען געווען די לערערס. טעאַטער־פאַרשטעלונגען איז אויך געווען אַ מנהג אויפצופירן פסח און סוכות (אין דער שטאָט סיענאַ).

די הויכע מדרגה פון קולטור האָבן די יידן אין די איטאַליענישע געטאָס געקאָנט דערהאַלטן נאָר אַדאַנק דעם מוסטערהאַפטן סיסטעם פון דערציאונג. אין אַ צייט ווען אַזאַ רייכע שטאָט ווי ליוואָרנאָ האָט (ביז 1785) נישט פאַרמאָגט מער ווי איין עלעמענטאַרע עפנטלעכע שולע מיט צוויי קלאַסן, האָבן די יידן אין איטאַליע אפילו אין די קלענסטע קהילות אויסגעהאַלטן אַ תלמוד־תורה. הגם עס האָבן אויך עקזיסטירט פּריוואַטע חדרים און הויז־לערער, פלעגן די תלמוד־תורות דאָס רוב אַרומנעמען אויך די פאַרמעגלעכע קינדער, אַחוץ אין די גאָר רייכע קהילות, ווי ליוואָרנאָ און טריעסט. אויף דער עלעמענטאַרער שטופע פלעגן מיידלעך און ייִנג־לעך לערנען צוזאַמען און זייערע לערער זיינען דאָס רוב געווען פרויען. פרויען זיינען אויך געווען לערערינס אין דר תלמוד־תורה פאַר מיידלעך, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין רוים אין י. 1745. אין פעראַראַ איז געווען אַ תקנה פון יאָר 1767, אַז די עלטערן זאָלן נישט צאָלן קיין שכר־לימוד די מלמדים, נאָר די גבאים, מן הסתם כדי נישט צו פּריווילעגירן די רייכערע קינדער. אָרעמע תלמידים פלעגן באַקומען קליידער אויף חנוכה און שטיצע אין אַנדערע פאָרמען. לויט די תקנות פון פעראַראַ פון 1751, האָבן די תלמידים אָן דעם הסכם פון די גבאים נישט געטאָרט פאַרלאָזן די תלמוד־תורות, איידער זיי זיינען אַלט געוואָרן 16 יאָר, אָדער אַרויסגיין

פון אַ פּריוואַטן חדר פאַר דעם עלטער פון 13 יאָר; אין יאָר 1767 האָט די זעלבע קהילה באַשלאָסן, אַז לויט מעגלעכקייט דאַרפן די תלמידים לערנען ביז 18 יאָר. כאַראַקטעריסטיש איז אויך די תקנה פון זעלבן יאָר, אַז עלטערע תלמידים, וואָס זיינען נישט באַזונדער מסוגל צו טעאָרעטישע לימודים זאָלן געשיקט ווערן אויף עטלעכע שעה אַ טאָג צום אָרטיקן דרוקער, כדי זיך צו לערנען זעצעריי. נאָך מער ווי די זאָרג פאַר פּראָדוקטיווער דערציאונג איז דאָ געווען די כוונה דאָס אחריות פאַר דעם קיום פון העברייאישן דרוק־וועזן. די לימודים אין דער תלמוד־תורה האָבן זיך געפירט לויט אַ סדר פון קלאַסן, תנ״ך, משנה, גמרא, פונקט ווי דאָס איז געווען איינגעפירט פון לאַנג ביי די ספרדישע יידן אין אַמסטערדאַם. אין פעראַראַ איז אפילו געווען באַשטימט אין די תקנות אָפּצוהיטן די הפסקות צווישן די שעה׳ן, נאָטירן אין זשורנאַל דאָס פאַרפעלן לעקציעס, און די ביבליאָטעק, וואָס איז דאָ פונקט ווי ערגעץ־אַנדערש געווען איינגעאָרדנט ביי דער תלמוד־תורה, האָט, לויט די סטאַטוטן, באַדאַרפט האָבן אַ קאַטאַלאָג פון ספרים און לערנביכער. אין אַלע תלמוד־תורות האָט מען לויט די תקנות געלערנט חשבון, העברייאישן דקדוק, איטאַליענישע גראַמאַטיק, שרייבן העברייאיש און איטאַליעניש מיט לאַטיינישע אותיות און איבערזעצן פון איין שפּראַך אויף דער צווייטער. אין רוים האָט די תלמוד־תורה אַ געוויסע צייט אויך אָנגעשטעלט אַ קריסטלעכן לערער פאַר לאַטיין. אין פעראַראַ האָט מען אפילו מקפיד געווען אויף דער מאָראַלישער דערציאונג פון די תלמידים און בפרט געוואָרנט קעגן שקר און קעגן געברויכן מיאוסע ווערטער. פאַר פּריוואַטער דערציאונג איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס ייִנגלעך און מיידלעך, ווי אויך דערוואַקסענע מענער און פרויען פלעגן צוזאַמען נעמען לעקציעס אין טאַנצן ביי יידישע לערער. פונקט אַזוי פּאָפּולער איז געווען דער לימוד פון מוזיק.

ביי אַזאַ סיסטעם פון דערציאונג איז נישט קיין חידוש, אַז ווען נפתלי הירש וויזל איז אַרויסגעקומען אין יאָר 1782 מיט זיין באַרימטן רוף „דברי שלום ואמת" וועגן רעפאָרמירן די יידישע דערציאונג אין גייסט פון דער פּאָליטיק פון קיסר יאָזעף דעם 2טן, האָט ער ביי די רבנים און פרנסים פון איטאַליע געפונען וואַרעמע אָנהענגער, בעת אין דייטשלאַנד און אין מזרח־אייראָפּע האָט ער מיט זיינע חידושים אַרויסגערופן אַ שטורעם. ביי איטאַליענישע יידן האָט זיך דאָך געהאַנדלט נישט וועגן אַן איבערקערעניש אין דרך פון דערציאונג, נאָר העכסטנס אין ענדערן די פּראָפּאָרציע פון רעליגיעזע און וועלטלעכע לימודים און איינפירן נייע לימודים, ווי געשיכטע, געאָגראַפיע א. ד. גל. אפילו די איטאַליענישע רבנים, וואָס האָבן נישט געגעבן די פולע הסכמה אויף וויזלס פּראָגראַם,

האָבן זיך געדונגען בלויז וועגן דער פּראָפּאָרציע פון וועלטלעכקייט און תורה, אָבער נישט וועגן דעם עיקר. איינער פון די איבערגעגעבנסטע פאַרשפּרייטער פון נפתלי הירץ וויזלס אידייען איז געווען דער משכיל און מיטאַרבעטער פון „המאסף" אליהו מורפּורגו פון גראַדיסקאַ, אין עסטרייכישן טייל איטאַליע. בכלל איז אין איטאַליע להיפּך צו גאַנץ אייראָפּע קיין קאַמף צווישן השכלה און פאַנאַטיזם, פּונקט ווי שפּעטער קיין מחלוקת צווישן רעפאָרם און אָרטאָדאָקסיע, נישט פאַרגעקומען, ווייל עס האָט דערצו געפעלט דער באָדן פון אַנטאַגאָניזם. הגם אויך דאָ זיינען געווען קאָנסערוואַטיווע און ראַדיקאַלע צדדים אין שייכות מיט פראַגן פון רעליגיע און קולטור, איז וועלטלעכע קולטור געווען אַ טראַדיציאָנעלער און אינטעגראַלער עלעמענט אין לעבן פון איטאַליענישן יידנטום. אַדאַנק דעם האָט דאָס איטאַליענישע יידנטום נישט נאָר פאַרשפּאָרט אוצרות ענערגיע, וואָס זיינען ערגעץ אַנדערש פאַרצערט געוואָרן אין קאַמף פאַר מאָדערניזאַציע פון יידישן לעבן, נאָר אויך זיין פּראָצעס פון פּאָליטישער עמאַנציפּאַציע האָט פאַרמאָגט לפי ערך אַ סך ווייניקער פון די אָפּשטויסנדיקע שטריכן, וואָס זיינען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַנדערע ישובים אין מערב־אייראָפּע.

דער שווערער עול פון געטאָ־סיסטעם, ווי אויך די געאָגראַפישע נאָענטקייט און דער אָפטער שיף־פאַרקער מיטן באָענטן מזרח, האָבן געווירקט, אַז דאָס איטאַליענישע יידנטום האָט אַנטפּלעקט אַ בוילעטע בענקשאַפט נאָך משיחישער גאולה און אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער וואַכן אינטערעס אין ישוב אין ארץ־ישראל. אין אַלע גרעסערע איטאַליענישע קהילות איז געווען פאַרשפּרייט די חברה „שומרים לבוקר", וואָס פלעגט דאַוונען יעדן טאָג גאַנץ פרי כדי צוצואיילן די גאולה. אויף דער איניציאַטיווע פון דער קהילה אין ווענעציע איז זינט דעם אָנהויב פון 17טן י"ה אין איטאַליע געווען איינגעפירט, פּונקט ווי אין אַ ריי אַנדערע לענדער, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט איר ביישפּיל, אַז קהילה־מיטגלידער האָבן געצאָלט אַ באַשטימטע סומע יערלעך, אַ מין מחצית השקל פאַר דעם ישוב אין ארץ־ישראל. די חברות פאַר שטיצן ארץ־ישראל האָבן זיך גערופן „ירושלים". פון אזולאיס באַריכטן קאָן מען זען, אַז בעת זיינע עטלעכע באַזוכן אין איטאַליע זיינען אים נישט בלויז אויסגעצאָלט געוואָרן די רעגולערע פאָנדן, נאָר באַלעבאַטים פלעגן זיך אויך באַזונדער באַשטייערן, הגם עס פלעגט זיך טרעפן, ווי אין ליוואָרנאָ און פלאָרענץ, אַז פרנסים האָבן אויף אינדיווידועלע זאַמלונגען אומגערן געגעבן זייער הסכם. אין 1801, ווען דער שליח פון ירושלים האָט איבערגעגעבן ידיעות וועגן דער שווערער לאַגע אין ארץ־ישראל, האָבן די קהילות אין איטאַליע, מיט ווענעציע בתוכם, באַשלאָסן, אַחוץ דער רעגולערער שטיצע, צו

באַשטימען איין טאָג אין יאָר, ווען מען זאָל מנדב זיין אין די שולן לטובת דעם ישוב. מיט דעם מאָטיוו פון בענקשאַפט נאָך גאולה און שיבת־ציון זיינען אַדורכגעפלאָכטן אפילו די חתונה־און טרויער־לידער פון די פילע העברייאישע געלעגנהייט־דיכטער; אפרים און יצחק לוצאַטאָ שרייבן אָבער אויך ציון־לידער, וואָס געהערן צום בעסטן פון זייער שאַפן. מתתיהו נסים טירני באַזינגט דעם צער פון דער כנסת ישראל אויף דעם גלות אין אַ סצעניש דיאַלאָג און יצחק חי מוסאטי שווערט „אם אשכחך ירושלים" אין אַ ליד צו דער געלעגנהייט פון זיין חנוכת הבית.

אַרום יאָר 1780 פאַרשפרייטן זיך אין איטאַליע משיחישע שטימונגען, וואָס קומען צום אויסדרוק אין געוויסע שאלות ותשובות און אפילו אין רבנישע הסכמות אויף ספרים. אין דער זעלבער צייט קומט אויף ביי די יידן אין ליוואָרנאָ אַ רעאַלער פּלאַן אויסצונוצן די פּאָליטישע צערודערונג אין ארץ־ישראל, כדי אוועקצוקויפן דאָס לאַנד פון דער טערקישער מלוכה פאַרן יידישן פאָלק; אין פאַרט פון ליוואָרנאָ, פונוואַנען דער מקובל חיים אבן עטר האָט ערשט אין יאָר 1751 מיט אַ גרופּע איטאַליענישע יידן זיך געהאַט אַרויסגעלאָזט צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל, איז אין 1781 אָנגעקומען אַ רוסישער פלאָט, וואָס האָט זיך געהאַט באַטייליקט אין דער מלחמה קעגן טערקיי. עטלעכע דייטשע אָפיצערן פון דעם פלאָט זיינען דעמאָלט אַרויסגעקומען צו די ליוואָרנער יידן מיט אַ פאַרשלאָג, אַז זיי זאָלן שאַפן אַ באַשטימטע סומע, כדי אויסצוקויפן ארץ־ישראל ביי עלי־בעי, דעם אָנפירער פון אַ מיליטערישער באַנדע, וואָס האָט דעמאָלט באַ־הערשט דאָס לאַנד. הגם עס איז דערביי געווען די רייד וועגן פּאָליטי־שער אונטערשטיצונג פון דעם דאָזיקן פּלאַן מצד רוסלאַנד, און די ליוואָרנער יידן האָבן זיך שוין אפילו געהאַט געווענדט צו די קהילות אין ענגלאַנד און האָלאַנד וועגן דער געלט־פראַגע, איז דער גאַנצער ענין בטל געוואָרן צוליב דעם טויט פון עלי־בעי. ערשט אין דער נאַפּאָלעאָנישער תקופה האָבן אין שייכות מיט באָנאַפּארטעס מלחמה אין ארץ־ישראל און מיט דער איבערקערעניש אין דער וועלט־פּאָליטיק אויפגעוואַכט ביי אי־טאַליענישע יידן נייע האָפענונגען וועגן דער נאָענטער גאולה.

מיט אַלע אירע גזירות איז די קירך אין איטאַליע נישט געווען אימ־שטאַנד צו פאַרפלאַנצן אין דער איטאַליענישער באַפעלקערונג האַס קעגן יידן. פאַרקערט, דווקא אין איטאַליע, אין לאַנד פון די געטאָס זיינען די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון יידן מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג גע־ווען פריינטלעכער ווי ערגעץ אַנדערש אין אייראָפּע. דער פאַקט אַליין, וואָס די קירך האָט אין 17טן י"ה יעדע פאָר יאָר, און נאָך אין 18טן י"ה עטלעכע מאָל געהאַלטן פאַר נויטיק איבערצוחזרן דעם פאַרבאָט פאַר יידן און קריסטן צו פאַרברענגען צוזאַמען ביי טענץ, פאַרווילונגען א. אַז. וו.

זאָגט עדות וועגן דעם, אַז די גזירות פלעגן לחלוטין נישט אָפּגעהיט ווערן. די הויכע קולטור־טראַדיציע, די לעבנס־פרייד און גוטמוטיקייט פון איטאַליעניש פאָלקס־מענטש און די טויזנטער יאָריקע פאַרקניפּטקייט מיט ייִדן אויף דעם זעלבן באָדן זײַנען געווען שטאַרקער ווי אַלע קינסטלעכע מחיצות. אפילו אין רוים האָט די השגחה פון דער קירך נישט געקאָנט פאַרהיטן, אַז קריסטן זאָלן באַזוכן ייִדישע שכנים אין דער סוכה, שווערן ווי ייִדן „באַדאָניי“ (באדוני), בעטן ייִדישע פרויען פותר חלום זײַן א. אַז. וו. פונקט אַזוי האָט דער ייִדישער פאָלקס־מענטש אין רוים איבערגענומען אַ סך פון די מנהגים פון איטאַליעניש פאָלק, און נישט נאָר נאָכגעחזרט די איטאַליענישע קללות („קאָרפּאָ די דיאָ“, אָדער בכיוון געענדערט אין „קאָרפּאָ די ליאָ“), נאָר אַמאָל אויך זיך געשלאָגן מיט קורצע מעסערס. ייִדן פלעגן פאַרברענגען אין אַלגעמיינע קאַפעהײַזער אין רוים, פונקט ווי אין טריעסט און ערגעץ־אַנדערש, אָנטייל נעמען אין דער רוישיקער שמחה פון קאַרנאַוואַל, און אויפגעקלערטע קריסטן פלעגן קומען אין דער שול זיך צוהערן צו די דרשות פון די רבנים.

§34. ערב דער איבערקערעניש

דווקא אין לעצטן פערטל פון 18טן י״ה איז די רעכטלעכע לאַגע פון ייִדן אין די מערסטע מלוכות פון איטאַליע פאַרערגערט געוואָרן דורך נייע גזירות, אָדער דורך באַנייאונג פון אַלטע גזירות, וואָס זיינען שוין געהאַט לויז געוואָרן אין דער פּראַקטיק. וואָס מער עס איז איינגעשרומפּן געוואָרן דער אינערלעכער און אויסערלעכער אָפּזאָץ־מארק פון האַנדל, אינדוסטריע און מלאכה, אַלץ מער האָבן די רעגירונגען זיך אונטער־געגעבן דעם דרוק פון קריסטלעכן קליינבירגערטום, וואָס האָט געהאַפּט זיך אויפצוריכטן דורך באַזייטיקן די קאָנקורענץ מצד ייִדן און מצד נישט אָרגאַניזירטע הענדלער און בעלי־מלאכות. גאָר דורכזיכטיק איז אויך געווען די פּאָליטישע כוונה פון די אַנטי־ייִדישע גזירות: אין דער פּאָ־ליטישער אַטמאָספערע, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט דעם אָנקומענ־דיקן שטורעם פון דער רעוואָלוציע, האָבן די הערשנדיקע קלאַסן, דער קלער, די אַריסטאָקראַטיע און פּאַטריציאַט געפּרואווט אָפּצוווענדן די מאַסן פון די נייע אַנטי־קלעריקאַלע און אַנטי־פעאָדאַלע שטרעמונגען דורך וועקן רעליגיעזן פאַנאַטיזם און ייִדן־האַס. די פירנדיקע ראָלע האָט גע־נומען אויף זיך די קירך, און דער צענטער פון דער אַקציע איז געווען רוים, די הויפּטשטאָט פון קאַטוליציזם און פון דער פּויפּסטלעכער מלוכה. די גזירות פון פּויפּסט, פּיוס דעם 6טן, זיינען געווען נאָך פיינטלעכער פאַר ייִדן פון דער קירכלעכער מלוכה דורך דעם, וואָס דווקא אין דער פריער־דיקער תקופה זיינען געהאַט געמילדערט געוואָרן אַ ריי גזירות, בעיקר קעגן ייִדישן האַנדל. אונטער דעם פּויפּסט קלעמענס דעם 14טן, דעם פאָרגייער פון נייעם פּויפּסט, וואָס האָט נאָך אַלס קאַרדינאַל (גאַנגאַנעלי) אין יאָר 1760 רעדאַגירט די פּויפּסטלעכע בולע קעגן די שווידערלעכע עלילות־דם אין פּוילן, איז בטל געוואָרן די דירעקטע יוריסדיקציע פון דער אינקוויזיציע איבער דער ייִדישער קהילה אין רוים. די פּלאַנמע־סיקייט פון דער קירכלעכער קאַמפּאַניע קעגן ייִדן אילוסטרירט דייטלעך דער פאַקט, וואָס אין מערץ 1775, באַלד נאָכדעם ווי פּיוס דער 6טער האָט זיך געזעצט אויף דער פּויפּסטלעכער שטול, האָט זיך באַוויזן אויף די גאַסן פון רוים אַ בראָשורע וועגן עלילת דם אין טרידענט פון יאָר 1475 און אַ פּאָר חדשים שפּעטער נאָך צוויי אַנדערע העצערישע אַנטי־ייִדישע שריפטן, און בלויז אַדאַנק דער השתדלות פון דער קהילה דורך גרעסערע געלט־סומעס פאַר די פּויפּסטלעכע מקורבים איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דאָס פאַרשפּרייטן פון דער דאָזיקער ליטעראַטור. אָבער אויך

דער עדיקט גופא, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך פיוס דעם 6טן דעם 5טן אַפּריל 1775, ווערט בפירוש באַגרינדעט אין דער הקדמה ווי אַ נויטווענדיקייט „צו דערווייטערן פון די גלויביקע די סכנה פון אַן אי־בערקערעניש, וואָס וואָלט געקאָנט פאַר זיי אַנטשטיין דורך אַ צו גרויסער היימישקייט מיט יידן".

אין דעם „עדיקט וועגן די יידן" זיינען אין 44 פאַראַגראַפן צוזאַמענ־גענומען געוואָרן אַלע פינצטערסטע פויפסטלעכע גזירות קעגן יידן פון מיטלאַלטער און פון דער תקופה פון דער קאַטוילישער רעאַקציע. אונ־טער דער שטראָף פון „דריי מאָל אויפגעצויגן ווערן אויף דער מאַטער־שטריק", איז פאַרבאָטן געוואָרן אַ ייד, סיי אַן אַרטיקן, סיי אַן אויסלענדער, צו געפינען זיך ביינאַכט מחוץ דער געטאָ. יידן האָבן אויך נישט גע־טאָרט האַלטן מחוץ דער געטאָ קיין געוועלב, וואַרשטאַט, אָדער סחורה, מאַגאַזין, סיידן לויט אַ ספּעציעלער דערלויבעניש אין דער באָענט פון געטאָ, און נישט געטאָרט פאַרברענגען מחוץ רוים אפילו קיין איין טאָג, „אפילו נישט אונטערן תירוץ, אַז זיי נויטיקן זיך אין אַ לופט־פאַרענ־דערונג". כדי צו פאָרן אויף אַ יאריד האָט אַ ייד באַדאַרפט האָבן אַ דערלויבעניש פון בישאָף, אָדער פון אינקוויזיטאָר און ער איז געווען מחויב זיך צו מעלדן ביי דער קירכלעכער מאַכט פון דער שטאָט, וואו־הין ער איז אָנגעקומען. אין רוים גופא איז געווען יידן פאַרבאָטן צו פאָרן אויף אַ קאַרעטע אָדער אויף אַ קאַטש. קיין פליש, מצות און מילך האָט אַ ייד נישט געטאָרט פאַרקויפן קריסטלעכע קונים. סיי אין געטאָ סיי מחוץ דער געטאָ, סיידן אויף נסיעות, זיינען יידן געווען מחויב צו טראָגן דעם שאַנד־צייכן, מענער — אַ געלן צייכן אויף די קאַפּעלושן און פרויען — אַ געל קאָפּ־טיכל. יידן טאָרן זיך נישט באַנוצן מיט קיין קריסטלעכע פערזאָנען ווי מיט דינסטן, אַמען, הייבאַמען, וועשערינס און אפילו נישט כדי אָנצוצינדן פייער אום שבת. קיין ייד טאָר נישט באַ־טרעטן אַ קירך אָדער אַ קלויסטער, אפילו נישט אַלס שמאַטע־הענדלער און טאָר נישט דערנעענטערן זיך צו די קאַטעכומענען־הייזער (משומדים הייזער) אויף אַ מרחק פון 30 איילן. אונטער אַ שווערער שטראָף פון תפיסה, „לויט איינזען" פאַר יידן און „קערפּערלעכע שטראָפן לויט איינ־זען" פאַר קריסטן, איז געווען פאַרבאָטן דאָס שפּילן, עסן און טרינקען פון יידן צוזאַמען מיט קריסטן „אָדער יעדער וועלכער נישט איז מין היימישקייט און אונטערהאַלטונג". יידן האָבן נישט געטאָרט האַלטן ביי זיך, אָדער קויפן און פאַרקויפן עקזעמפּלאַרן פון תלמוד, קבלה־ספרים, אָדער אַנדערע ספרים, וואָס אַנטהאַלטן טעותים אין סתירה מיטן אינהאַלט פון דער הייליקער שריפט, אָדער פון אַלטן טעסטאַמענט". אויף אַ יידישער לויה האָט מען נישט געטאָרט

זינגען קיין קאַפּיטלעך תהלים, אָדער טראָגן ליכט צי אַדורכפירן אַנדערע צערעמאָניעס, נאָר בלויז אין דער שול און אויפן בית־עולם האָט מען געמעגט ביי דער געלעגנהייט צינדן ליכט. אויף דעם בית־עולם טאָרן נישט אויפגעשטעלט ווערן קיין מצבות און אויך נישט קיין שום אויפשריפטן. קיין קריסט טאָר נישט איינגעלאַדן ווערן אין דער יידישער שול, און טאָר אויך נישט אין קיין שום פאַל באַטרעטן אַ שול אָדער אָנ־טיילנעמען אין אַ יידישער לוויה. די רבנים זיינען פאַראַנטוואָרטלעך דער־פאַר, אַז יידן זאָלן אין דער געהעריקער צאָל — אין רוים 300 מענער און 200 פרויען — באַזוכן יעדן שבת נאָכמיטאָג די פרעדיקטן פון די מיסיאָנערן אין דער קירך.

אין דער ווענעציאַנישער רעפּובליק זיינען די גזירות קעגן יידן אין דער זעלבער צייט אינספּירירט געוואָרן סיי דורך דער קלעריקאַלער רעאַקציע, וואָס האָט זיך געטראָגן פון רוים, סיי דורך דער פאַרשטאַרקטער טענ־דענץ צו באַגרענעצן די רעכט פון בעלי־מלאכות, אינדוסטריאַליסטן און סוחרים, וואָס האָבן נישט אָנגעהערט צו גילדיעס, און בפרט פון פרעמדע. אין יאָר 1766 האָבן די שווייצאַרישע האַנטווערקער, די גרויבינדענער, געמוזט פאַרלאָזן ווענעציע צוליב די באַגרענעצונגען, וועלכע מען האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט. די איניציאַטיווע פון די גזירות קעגן יידן איז אַרויסגעגעבן פון אויפזעער איבער די מלאכות (אינקוויזיטאָרע אַלע אַרטי) אַנדרעאַ טראָן, וואָס האָט געוואָלט ראַטעווען די אינדוסטריע און האַנדל פון דער רעפּובליק דורך מיטלאַלטערלעכע מעטאָדן פון באַגרע־נעצן די קאָנקורענץ. אין 1777 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער בייער צען־יאָריקער אָפּמאַך מיט דער קהילה „ריקאָנדאָטאַ", וואָס איז געווען אויפגעבויט אויף דעם פּרינציפּ, אַז יידן טאָרן זיך נישט באַשעפטיקן מיט קיין שום פרנסה, וואו זיי קאָנען זיין קאָנקורענטן פון קריסטן. עס איז פאַרבאָטן געוואָרן יידן צו פאַרנעמען זיך מיט וועלכער נישט איז אינ־דוסטריע, צו באַשעפטיקן קריסטלעכע אַרבעטער און צו האַנדלען מיט תבואה און עסנוואַרג. יידן האָבן נישט געטאָרט איבערנעמען האַנדלס־פאַרטרעטונגען, רעגירונגס־פאַרטרעטונגען, רעגירונגס־מאָנאָפּאָלן און פאַכטן וועלכן נישט איז צווייג פון רעגירונגס־פינאַנצן. זיי האָבן אויך נישט געטאָרט זיין אָפיציעל רעגיסטרירטע מעקלערס. לויט די דאָזיקע גזירות איז נישט געבליבן פאַר יידן קיין שום אַנדערע באַשעפטיקונג ווי גרויסער עקספּאָרט און אימפּאָרט־האַנדל פאַר דעם אויבערשטן שיכט פון רייכע סוחרים און אַלטוואַרג און שמאַטע־האַנדל פאַר די מאַסן. די דאָ־זיקע גזירות זיינען געווען חל אויף דער גאַנצער טעריטאָריע פון דער רעפּובליק ווענעציע: אין פּאַדוא איז אויף דער ווענדונג פון די אַרטיקע קריסטלעכע גילדיעס, לויט אַ בפירושן באַשלוס פון סענאַט פון ווענעציע,

פאַרבאָטן געוואָרן יידן צו פאַרנעמען זיך מיט זייד־פאַבריקאַציע, וואו זיי האָבן געהאַט באַשעפטיקט אַ גרויסע צאָל אַרבעטער און היים־אַרבעטער און אַחוץ דעם הורט־האַנדל מיט וואָלשטאָפן איז אויך דאָרט איבערגע־לאָזט געוואָרן פאַר דער יידישער באַפעלקערונג בלויז די פרנסה פון אַלט־וואַרג־הענדלער. פונקט אַזוי אכזריותדיק איז געווען די גזירה פון דער נייער „קאַנדאָטאַ“, וואָס האָט פאַרבאָטן יידן אויף דער גאַנצער טעריטאָ־ריע פון דער רעפובליק צו וואוינען אין דערפער, אָדער אין שטעטלעך וואו עס איז נישטאָ קיין געטאָ. די גזירה איז באַלד אָדורכגעפירט געוואָרן און יידן זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון אַ ריי קליינע קהילות, וואו זיי זיינען שוין לאַנג געהאַט געווען איינגעוואָרצלט.

אין פירשטנטום מאָדענאַ האָבן די גזירות געטראָגן מער אַ פּאָלי־טישן ווי אַן עקאָנאָמישן כאַראַקטער. הגם דאָס יידישע באַנק־וועזן איז פאַרבאָטן געוואָרן אין יאָר 1767 אויף דעם פאַרלאַנג פון די קריסטלעכע פאָלקס־בענק „מאָנטי די פּיעטאַ“, איז אין יאָר 1771 דערלויבט געוואָרן יידן צו פאַרנעמען זיך מיט באַשטימטע מלאכות. ווי אַ הנחה פאַר יידישע סוחרים איז באַשטימט געוואָרן, אַז זיי דאַרפן טיטולירט ווערן אין אָפּי־ציעלע אַקטן אַלס „סיניאָרי“ (הערן). דערפאַר איז אָבער אין זעלבן יאָר באַנייט געוואָרן סיי די גזירה וועגן געטאָ, סיי די גזירה וועגן יידישן סימן. אויך אין פּיעמאָנט, אונטער דער הערשאַפט פון סאַרדיניע, איז אין די גזירות קעגן יידן געקומען צום אויסדרוק קודם כל די פאַרשטאַרקונג פון קלעריקאַליזם, וואָס האָט אין דער דאָזיקער מלוכה געהאַט די גרעסטע פעסטונג אין איטאַליע מחוץ דער פּויפּסטלעכער מלוכה. אויף די וואַל־דענזער סעקטאַנטן זיינען אין פּיעמאָנט געווען חל אַ סך פון די זעלבע באַגרענעצונגען, וואָס האָבן געדריקט די יידן, קודם כל דער פאַרבאָט צו דערווערבן אומבאַוועגלעך אייגנטום מחוץ זייערע באַשטימטע וואוין־ערטער. אין יאָר 1770 איז בפירוש איבערגעחזרט געוואָרן די גזירה וועגן פאַרבאָט פאַר יידן צו וואוינען מחוץ די געטאָס, און נאָך אין יאָר 1798 האָט די רעגירונג נישט געוואָלט נאָכגעבן אַ יידיש מעמאָראַנדום, וואָס האָט צווישן אַנדערע אַנטהאַלטן די באַשיידענע בקשה, מען זאָל נישט טאָרן שמדן קיין מינדעריעריקע. אַזוי פאַרפרומט איז געווען דער רע־זשים אין דער אָפּגעשטאַנענער איטאַליענישער מלוכה אויף דער גרענעץ פון פראַנקרייך, אַז אין יאָר 1789 האָט דער קיניג אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צום פּרעפעקט פון דעם דיסטריקט אַקווי צו פאַרבאָטן יידן זיך צו באַ־ווייזן אויף דער גאַס אין די טעג פון קריסטלעכע חגאות, אָנגעבנדיק אַזאַ תירוץ: היות אַ סך קריסטן אין יענער געגנט זיינען פאַרשולדיקט ביי יידישע געלט־לייער, איז אַ מורא, אַז זיי וועלן נישט קומען אין דער קירכע, כדי אויסצומיידן זייערע קרעדיטאָרן... אין דער קירכלעכער

מלוכה איז די זעלבע גזירה געווען חל נאָך פריער אָן אַזאַ תירוץ.

אַמשטאַרקסטן האָט די באַנייטע רעאַקציע געדריקט אויף די יידן פון דער פויפּסטלעכער מלוכה. בעת אין ווענעציע זיינען דורך דער נייער „קאָנדאָטאָ" פון יאָר 1788 די עקאָנאָמישע גזירות באַדייטנדיק געמילדערט געוואָרן, איז אין רוים דער אכזריותדיקער סיסטעם אַדורכגעפירט געוואָרן מיט דער גאַנצער האַרבקייט. די באַגרענעצונגען פון האַנדל האָבן געטראָפן אפילו די רייכסטע יידישע האַנדלס פירמעס, וועמענס פאַרמעגן איז איצט רעדוצירט געוואָרן בערך אויף אַ העלפט. די גרויזאַמסטע רעזולטאַטן האָט אָבער דער נייער עדיקט געבראַכט דורך דעם פאַרשטאַרקטן טעראָר פון צוואַנג־שמד. אויסטערליש איז געווען דער פאַל פון יאָר 1784, ווען אַ משומד האָט אָנגעגעבן, אַז צוויי יתומים אין געטאָ זיינען זיינע קרובים. ווען די קהילה האָט זיך אָפּגעזאָגט די קינדער אַרויסצוגעבן צום שמד, האָט די פויפּסטלעכע מאַכט אַ גרעסערע צאָל יידישע יינגלעך אַריינגעוואָרפן אין תפיסה אַלס ערובניקעס, און די קירכע האָט אירע צוויי קרבנות באַקומען און מיט געוואַלט געשלעפּט צום טויף־בעקן.

זאָל אויך פאַרצייכנט ווערן צו דער שאַנד פון דער קאַטוילישער רעאַקציע און צום אייביקן שבח פון געמאַטערטע רוימישע יידן די רירנדיקע שטאַנדהאַפטיקייט פון דעם גרייז־גראָעץ, קראַנקן יידישן בעטלער, וויטאַלע פּרעציאָזאָ: ווען מען האָט אים פאַרשלעפּט אין קאַטעכומענענהויז, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין ברונעם, און פאַרמאַכט איבער זיך דאָס אייזערנע דעקל, וואַרטנדיק אויפן טויט; ווען מען האָט אים דאָך געפונען און צוריקגעשלעפּט אין קלויסטער, האָט ער זיך עקשנותדיק אָפּגעזאָגט צו עסן, ביז מען האָט אים נאָך 40 טעג געמוזט אַרויסלאָזן. די פאַרצווייפלטע רוימישע קהילה האָט זיך געווענדט נאָך פאָליטישער הילף צו די גרעסערע קהילות אין אייראָפּע און אין יאָר 1787 צוגעשטעלט דעם פויפּסט אַ רירנדיקע בקשה וועגן איר אומדערטרעגלעכער לאַגע. הגם צוועלף אַדוואָקאַטן פון דער שטאָט האָבן בייגעלייגט אַ מעמאָראַנדום לטובת דער קהילה, האָט דער פויפּסט יוצא געווען מיט באַשטימען אַ קאָמיסיע, וועלכע איז קיין מאָל נישט פאַרטיק געוואָרן מיט איר באַריכט.

אין די ווינציקע געביטן פון איטאַליע, וואו דאָס עקאָנאָמישע און קולטור־לעבן איז געווען אַן אויסנאַם פון דער אַלגעמיינער ירידה פון לאַנד, האָבן אויך יידן אין דער זעלבער צייט נישט געוואוסט פון קיין גזירות, נאָר דערוואָרבן זיך ברייטערע רעכט ווי פריער. אין דער בליענדיקער האַפן־שטאָט טריעסט איז אין יאָר 1784 אָפּגעשאַפט געוואָרן דאָס געטאָ, יידן זיינען צוגעלאָזט געוואָרן צו דער פאַרוואַלטונג פון דער בערזע און אין גאַנצן געביט פון עסטרייכישן איטאַליע איז חל געווען דער טאָ־

לעראַנץ־פּאַטענט פון קיסר יאָזעף דעם צווייטן, וואָס האָט דערלויבט יידן צו פאַרנעמען זיך מיט האַנטווערק, און מיט פרייע פּראָפעסיעס, צו דער־ווערבן לאַנד־אייגנטום און צו באַזוכן שולן. נאָך באַדייטנדיקער איז גע־ווען דער פּראָגרעס אין דעם רעכטלעכן און געזעלשאַפטלעכן מצב פון די יידן אין דער מלוכה טאָסקאַנאַ, וואָס איז, אגב, אויך געווען אונטער עס־טרייכישער הערשאַפט. אין פלאָרענץ זיינען יידן צוגעלאָזט געוואָרן צו דער אָרטיקער ליטעראַרישער אַקאַדעמיע און אין ליוואָרנאָ זיינען די סאַלאָנען פון יידישע אינטעלעקטואַלן, פּונקט ווי אין דער ערשטער העלפט פון 18טן י״ה געווען צענטערן פון גייסטיקן לעבן אין דער שטאָט. אין דער זעלבער וויכטיקסטער האַפן־שטאָט האָט די „העברייאישע נאַציע״, לויט אַ דעקרעט פון יאָר 1780, באַקומען דאָס רעכט צו האָבן אין פאַר־טרעטער סיי אין שטאָט־ראַט סיי אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. דער דאָ־זיקער דעקרעט איז געווען איין פּרט פון אַ ריי רעפאָרמען לטובת דער פרייהייט פון האַנדל און אינדוסטריע און קעגן די מאָנאָפּאָלן פון די גילדיעס. אויך אין אַנדערע מלוכות פון צפון־איטאַליע, ווי מאַנטואַ, פּאַרמאַ, פּיאַטשענצאַ, מאָדענאַ, זיינען אין דער זעלבער תקופה געמאַכט געוואָרן געוויסע פאַרלייכטערונגען אין דער רעכטלעכער לאַגע פון יידן בפרט בנוגע דעם רעכט צו פאַרנעמען זיך מיט מלאכה, צו דערווערבן לאַנד־אייגנטום און צו שטודירן מעדיצין. דאָס אַלץ איז אָבער געווען בלויז אַ סימן, ווי ווייט דער אַלטער סיסטעם פון רעכטלאָזיקייט פון יידן איז געווען אַ סתירה לגבי די פאָדערונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירט־שאַפט און געזעלשאַפט; פּונקט אַזוי האָבן די רעפאָרמען פון אויפגע־קלערטן אַבסאָלוטיזם בכלל, אָנשטאָט אויסצומיידן די רעוואָלוציע, צוגע־איילט איר אומפאַרמיידלעכן אויסברוך.

§35. אין דער תקופה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע

דער זיגרייכער פאָראויסמאַרש פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט אָנגעיאָגט אַ שרעק אויף די פעאָדאַלע און קלעריקאַלע קרייזן אין איטאַליע. די רעאַקציע האָט געטאָן אַלץ וואָס זי האָט געקענט, כדי פאַרצושטעלן די רעוואָלוציע אין פראַנקרייך ווי אַ יידישע קאָנספּיראַציע קעגן דער קירך און צו פאַרקערעווען די אומצופרידנקייט פון פאָלק קעגן די יידן. אין ליוואָרנאָ זיינען דעם 30טן מאַי, 1790, אויסגעבראָכן אומרוען אונטערן לאָזונג פון איינפירן באַגרענעצונגען קעגן פרייען אַרויספיר פון תבואה און באַשיצן די קירך קעגן די רעפאָרמען פון אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם און קעגן דער מכלומרשטער סכנה מצד די יידן. דער המון פון האַפן־אַרבעטער און טרעגער, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין יידישן קוואַרטאַל און אַטאַקירט די שול, איז צעטריבן געוואָרן דורך מיליטער. די יידישע קהילה האָט אויך מנדב געווען אַ סומע פאַר דער קירך צו צעטיילן צווישן די אָרעמעלייט אין שטאָט. אין פלאָרענץ איז בעת אומרוען פון אַן ענלעכן כאַראַקטער, דאָס געטאָ געראַטעוועט געוואָרן אַדאַנק דער אינטערווענץ פון דאָרטיקן אַרכיבישאָף. אין רוים איז די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פּלאַנמעסיק אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די גלחים, וואָס האָבן גערופן די מאַסן צום קאַמף קעגן די פראַנצויזן און יידן. די קריסטלעכע סוחרים האָבן זיך אָן דער דאָזיקער באַוועגונג אָנגעשלאָסן כדי צו פאַרשפרייטן אַן אַגיטאַציע קעגן יידן ווי מכלומרשטע שעדיקערס פון קריסטלעכן האַנדל: זייער טענה איז געווען, אַז יידן האָבן זיך גענומען צופיל פרייהייטן אין מסחר, להיפך צו די פּויפּסטלעכע געזעצן. דער תירוץ פון אָנפאַל אויף יידן איז געווען די רעוואָלוציאָנערע דעמאָנסטראַציע, אָרגאַניזירט דורך דעם פראַנצויזישן רעפּרעזענטאַנט באַסוויל, דעם 13טן יאַנואַר 1793. נאָכדעם ווי באַסוויל איז דערהרגעט געוואָרן, האָט דער המון זיך געוואָרפן רויבן די פראַנצויזישע געשעפטן און, צוריקגעשטויסן פון דאָרט, זיך אַרויסגעלאָזט צו די טויערן פון געטאָ. נאָר אַדאַנק אַ פּלוצימדיקן גאָס־רעגן האָט זיך נישט איינגעגעבן די אָנפאַלער, וואָס האָבן שוין געהאַט באַלייגט די טויערן מיט קלעצער, אונטערצוצינדן דאָס געטאָ.*

---

* אין דער ווענדונג וועגן הילף, וואָס די רוימער קהילה האָט אַרויסגעשיקט צו אַנדערע קהילות אין איטאַליע, ווערט אויסגעדריקט די איבערצייגונג, אַז נישט נאָר דער גאָס־רעגן איז געווען אַ נס מן השמים, נאָר אַז אויך די צוויי מאָנאַכן, וואָס האָבן אָפּגערעדט דעם המון פון דעם פּאָגראָם, זיינען געווען פאַרשטעלטע מלאכים.

אַכט טעג איז דאָס געטאָ געווען באַלאַגערט, בישט געקוקט דערויף, וואָס פּויפּסטלעכע סאָלדאַטן זיינען אָװעקגעשטעלט געוואָרן עס צו היטן. „כדי איינצוהאַלטן די געהעריקע אָרדענונג" האָט דער פּויפּסט באַנייט דעם ברוטאַלן דעקרעט פון יאָר 1775 אין רוים און אין אַנדערע שטעט פון דער מלוכה. בעת די גזירות אויפן יידישן האַנדל זיינען געווען גע־צילט צו געווינען די סימפּאַטיעס פון רעאַקציאָנערן המון, איז דער שטרענ־גער פאַרבאָט פאַר קריסטן אַריינצוקומען אין געטאָ בפירוש מאָטיווירט געוואָרן סיי אין רוים, סיי דורך דעם גרויס־אינקוויזיטאָר פון אַנקאָנאַ, ווי אַ מיטל צו פאַרהיטן רעוואָלוציאָנערע קאָנספּיראַציע. די העצע קעגן יידן איז אָבער אויך דאַן ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך דער פּויפּסט־לעכער רעגירונג. מען האָט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג וועגן טויזנטער רע־וואָלוציאָנערע דרייפאַרבן קאָקאַרדן, וואָס מען האָט מכלומרשט געפונען ביי אַ יידישן הענדלער און אַריינגעזעצט אין תפיסה די אָנפירער און אָנגעזעענסטע מיטגלידער פון דער קהילה כדי אַרויסצופּרעסן פון זיי גרויסע סומעס אויסקויף־געלט.

די ידיעה וועגן דער קעפּונג פון פראַנצויזישן קיניג לואי דעם 16־טן, איז געווען אַ נייע געלעגנהייט פאַר דעם פּויפּסטס פּאַרטיי צו אָרגאַניזירן אָנפאַלן אויף יידן אין רוים אין די טעג פון 12טן, 13טן פעברואַר. אויך שפּעטער פלעגן יידן אָפּגעשטעלט ווערן אויף די גאַסן דורך כוליגאַנעס און אויב זיי האָבן אויף דער פראַגע, „ווער זאָל לעבן?" נישט געענט־פערט אין דער רגע „דער פּויפּסט", פלעגן זיי געשלאָגן ווערן מכות־רצח. אַזעלכע אָנפאַלן זיינען אויך געווען דער סדר היום אין אַנקאָנאַ. וואָס שייך על כל פנים די פרנסים פון דער רוימישער קהילה איז די באַשול־דיקונג וועגן סימפּאַטיעס פאַר דער רעוואָלוציע געווען לחלוטין אַ בילבול. זייער ווידערווילן קעגן דער רעוואָלוציע דריקט קלאָר אויס די כראָניק וועגן די געשעענישן פון 1793, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן פון אַ מיט־גליד פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג. זייערע פּאָליטישע השגות האָבן נישט געגרייכט ווייטער ווי אויסבעטן ביים פּויפּסט דורך תחנונים־מעמאָראַנ־דומס און דורך גרויסע געלט־מתנות אַ מילדערע אָנווענדונג פון די גזירות. אין יאָר 1787 בעטן זיך ביים פּויפּסט רחמים די פאַרשטייער פון דער קהילה: „הויבט זיך אויף, אָ, האַר, הויבט זיך אויף אין גנאָד און קוקט אַראָפּ פון אייער דערהויבענער שטול אויף דעם געטאָ, וואָס ליגט טיף אונטן, אויף דעם עלנדן שארית ישראל, וואָס איז דאָך אייער פאָלק, וואָס בעט זיך ביי אייך מיט געוויין און מיט אָפענע, אויסגעשפּרייטע הענט און דערוואַרט פון אייער רחמנות, וואָס איז אייער מידה, אַ טרייסטנדיק וואָרט..." פּונקט ווי דער פאַרשקלאַפטער רוסישער פּויער איז געווען איבערצייגט, אַז דער „צאַר באַטיושקאַ" האָט אין זין זיין טובה, נישט

מער וואָס ער איז אַרומגערינגלט מיט שלעכטע בעראַטער, אַזוי גלויבט דער פּרנס, דער מחבר פון דער דערמאָנטער כראָניק, אַז דאָס האָבן די „מיסיאָנערן" איינגערעדט דעם פּויפּסט אין יאָר 1793, ער זאָל באַנייען דעם אַנטי־יידישן דעקרעט פון יאָר 1775. אין דעם זעלבן באַריכט פון דער קהילה ווערט איבערגעגעבן אָן אַ שום אויסדרוק פון צאָרן אָדער בושה, אַז די „ממונים" (פּרנסים) זיינען אַליין געקומען צום פּויפּסט מיט מוסטערן פון 5 געלע קאָלירן און 6 אַנדערע, ליכטיקערע און טונקלערע, און אַז דער „האר" („מאָנסיניאָר") האָט „גאָט צו דאַנקען" („תודה לאל") באַוויליקט אויסצוקלייבן פאַרן שאַנד־צייכן איינעם פון זיי, דווקא אַ מיטל־מעסיקן . . .

אַז די הכנעהדיקע שטעלונג פון די פּויפּסטלעך־לאָיאַלע פּרנסים פון רוימישן געטאָ האָט נישט אָפּגעשפּיגלט די פּאָליטישע שטימונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין איטאַליע, באַווייזט איר ענטוזיאַסטישער אָנטייל אין די געשעענישן פון דער רעוואָלוציע, עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען דאָס לאַנד איז באַפרייט געוואָרן דורך די פראַנצויזישע חיילות. עס האָבן זיך אָבער אויך געפונען מוטיקע יחידים צווישן יידן, וואָס האָבן מיט מסירת נפש אָנטיילגענומען אין דער צוגרייטונג פון דער רעוואָלוציע אין איטאַליע, נישט געקוקט אויף דעם טעראָר פון באַנקראָטירטן אַלטן רעזשים. אין פּאַדואַ איז דער דאָקטאָר מיכאל סאַלאָם נאָך אין יאָר 1791 געוואָרנט געוואָרן דורך דער ווענעציאַנער רעגירונג פאַר זיין אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג פון די סטודענטן און אין י. 1793 איז ער אַ געשמידטער אין קייטן אַוועקגעפירט געוואָרן אין דער תפיסה אין ווענעציע. אין אַנקאָנאַ זיינען אין י. 1797 עטלעכע יידן אַרעסטירט געוואָרן אונטער דער באַשולדיקונג, אַז זיי האָבן צוגעשטעלט באַוואָפענונג דער אָנקומענדיקער פראַנצויזישער אַרמיי. די סימפּאַטיעס פון די פּיעמאָנטער יידן פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע באַווייזט אַ ספר אין כתב־יד, וואו די בלעטער זיינען פאַרצירט מיט דער דאַטע 1789 און מיט צייכענונגען פון בוים פון פרייהייט און פון פריגישן היטל.

אין פרילינג 1796 האָבן די פראַנצויזישע חיילות אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל באָנאַפּאַרטע זיך אַריינגעריסן קיין איטאַליע פון דער זייט פון פּיעמאָנט. אין משך פון צוויי יאָר ביז אָנהויב 1798 איז איינגענומען געוואָרן דער צפון־טייל און מיטל־טייל פון לאַנד איינגעשלאָסן די פּויפּסטלעכע מלוכה. מער נאָך ווי דער מיליטערישער זשעניע פון נאַפּאָלעאָן, האָט דער רעוואָלוציאָנערער אויפברויז פון די מאַסן געעפנט די טויערן פון די פירשטלעכע און קירכלעכע פעסטונגען פאַר די מוטיקע פראַנצויזישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן אויף זייערע באַיאָנעטן געטראָגן די נייע אָרדענונג. פרייהייט, גלייכקייט און ברידערלעכקייט איז נאָך אַלץ

געווען דער שאַלנדיקער באַגייסטערנדיקער לאָזונג פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט אין שטאָם־לאַנד שוין געהאַלטן גאַנץ ווייט אין פּראָצעס פון ירידה.

אַ תל איז געוואָרן פון דעם צענדליק איטאַליעניש פירשטנטימער און אַריסטאָקראַטישע רעפּובליקן, אין שטויב איז געפאַלן די אַמאָליקע מאַכט פון די הייליקע פאָטערס אין דער „הויפּט־שטאָט פון דער וועלט". צפון־איטאַליע איז בהדרגה פאַראייניקט געוואָרן אין דער ציס־אַלפּינישער רעפּובליק, די פּויפּסטלעכע „ירושה פון הייליקן פאָטער" איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס רוימישע רעפּובליק. פאַר דעם איטאַליענישן יידנטום איז געקומען דער ערשטער פּאָליטישער פרילינג נאָך אַ הונדערטער יאָריקן ווינטער פון קאַטוילישער רעאַקציע און אונטערדריקונג. אומעטום וואו עס האָט אַריינמאַרשירט די זיגרייכע פראַנצויזישע אַרמיי, איז איינער פון די ערשטע טריט פון אירע קאָמאַנדירן געווען די פּראָקלאַמירונג פון דער גלייכקייט פון יידן מיט אַנדערע בירגער. אין קיין שום לאַנד האָט די עמאַנציפּאַציע פון יידן נישט באַדייט אַזוי בפועל ממש די צעשטערונג פון די געטאָ־מויערן, ווי אין איטאַליע. אין קיין שום לאַנד האָט אויך דער אַקט פון עמאַנציפּאַציע פון די יידישע מיטבאַוואוינער נישט אַרויסגערופן אַזאַ ספּאָנטאַנע מאַניפעסטאַציע פון פריינטשאַפט מצד דער אַרומיקער באַפעלקערונג. אין אַ ריי שטעט האָט זיך די קריסטלעכע באַפעלקערונג אַליין באַלד נאָך דעם אַריינמאַרש פון די פראַנצויזן אַ לאָז געטאָן מיט העק כדי צוצעלייגן די מויערן פון געטאָ. דאָס נאַטירלעכסטע געפיל פון פריינטלעכקייט פון מענטש צו מענטש, וואָס איז קינסטלעך געשטיקט געוואָרן אין משך פון יאָרהונדערטער דורך פּראָפּאַגאַנדע פון האַס, דורך רעכטלעכע מחיצות, האָט אויסגעבראָכן אין אַן ענטוזיאַסטישער פרייד פון פאַרברידערונג. פרייהייט־ביימער זיינען געפלאַנצט געוואָרן צוזאַמען דורך יידן און קריסטן, פייערדיקע רעדעס זיינען געהאַלטן געוואָרן פוןביידע פאַרברידערטע צדדים, מיט טענץ און געזאַנג האָבן די פאַראייניקטע בירגער געפייערט די דערגרייכטע בשותפותדיקע פרייהייט. פונקט ווי אין פאַריז אין די בלי־יאָרן פון דער רעוואָלוציע, איז אויך אין גרעסטן טייל איטאַליע די גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן נישט געווען בלויז אַ פאָרמעלער אַקט פון געזעצגעבונג, נאָר אַ סך מער — אַ לעבעדיקער אויסדרוק פון געפיל און איבערצייגונג פון דער באַפעלקערונג. אויב נאָך דער אויסניכטערונג פון ערשטן ענטוזיאַזם האָבן זיך אין פאַרשיידענע ערטער אויך געהערט גרילצן פון אַנטי־יידישע שטימונגען, אויב ביי אַ טייל באַפעלקערונג האָבן זיך ווידער אַנטפּלעקט אַלטע, פאַרוואָרצלטע פאָראורטיילן, איז עס געווען אַ פועל־יוצא פון די אינערלעכע סתירות פון נייעם בירגערלעכן רעזשים, וואָס האָט דורך דער נייער

געזעצגעבונג לחלוטין נישט אָפּגעשאַפט דעם עקאָנאָמישן אַנטאַגאָניזם פון גרופּעס־אינטערעסן. פאַר דעם אויפגעקלערטן בירגערטום אין אי־טאַליע איז אָבער די עמאַנציפּאַציע פון יידן געבליבן אַן עיקרדיקער פּרינציפּ פון וועלט־באַנעם אַחוץ דעם, וואָס זי איז געווען גאַראַנטירט דורכן געזעץ.

אין פּיעמאָנט איז די יידן געווען באַשערט אין אַ טייל שטעט נאָך בעת דער באַלאַגערונג דורך די פראַנצויזן, אין פרילינג 1796, אויסצו־שטיין די שרעק פון פּאָגראָמען מצד דעם אויפגעהעצטן המון; זיי זיינען געראַטעוועט געוואָרן דורך דעם שנעלן נצחון פון די רעוואָלוציאָנערע חיילות (דער „נס פון דער באָמבע" אין פאַסאַנאָ, סאַווינאָ). נאָך דעם ווי דער סאַרדינישער הערשער איז געצוואונגען געוואָרן צו שליסן שלום, איז דער נייער רעזשים אומעטום געפייערט געוואָרן דורך פלאַנצן בוימער פון פרייהייט און ביי דער געלעגנהייט האָבן געהאַלטן רעדעס אויך יידן, ווי אברהם סעניגאַליא אין פּאָסאַנאָ און אברהם עזריה אַטטאָלענגי אין אקווי. אין קאַזאַלען האָט אויך גערעדט אַ גלח אין דער שול און מיט ענטוזיאַזם באַגריסט די באַפרייאונג פון די יידן. אין פירשטנטום מאָדענא איז אין זומער פון זעלבן יאָר 1796 אָראָפּגעזעצט געוואָרן דער פירשט, אָבער ערשט אין האַרבסט, ווען די פראַנצויזן האָבן פאַראייניקט די טעריטאָריע מיט דער ציס־פּאַדאַנא רעפּובליק, איז אָפיציעל פּראָקלאַמירט געוואָרן די גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן און גלייכצייטיק זיינען יידן איינגעלאַדן געוואָרן צו ווילן דעלעגאַטן צו די וואַל־פאַרזאַמלונגען אין מאָדענא און רעדזשיאָ. ביז צום אַריינמאַרש פון די פראַנצויזן פלעגן אין רעדזשיאָ די געטאָ־טויערן נאָך אַלץ זיין פאַרשלאָסן יעדע נאַכט און יידן האָבן ליבער מסכים געווען צו צאָלן אַ ספּעציעלן שטייער איידער צו דינען אין דער נאַציאָ־נאַלער גוואַרדיע. נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער רעפּובליק האָבן די רעוואָלוציאָנערן אַליין צעשטערט די טויערן פון געטאָ. דאָס זעלבע האָט אויך ספּאָנטאַן געטאָן דאָס פאָלק פון מאַנטוא נאָך ביים איינגעמען פון דער שטאָט דורך די פראַנצויזן אָנהויב 1797.

די אימפּאָזאַנטסטע מאַניפעסטאַציעס פון פאַרברידערונג מיט יידן זיינען פאָרגעקומען אין דער וועגעצישער רעפּובליק. אין די שטעט פון דער וועגעצישער פּראָווינץ, דער „טעררא פערמא", איז די רעוואָלוציאָ־נערע באַוועגונג נאָך פאַרן אַריינדרינגען פון די פראַנצויזן געווען שטאַר־קער ווי ערגעץ אַנדערש אין איטאַליע, צוליב דער עקספּלואַטאַציע פון לאַנד דורך דער וועגעצישער רעגירונג. אין דער שטאָט וועגעציע גופא איז געווען אַ שטאַרקער פערמענט פון אומצופרידנקייט מיט דעם צע־פוילטן אַריסטאָקראַטישן רעזשים. די פראַנצויזישע אַרמיי איז דאָ דער־פאַר אומעטום אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס ענטוזיאַזם. אין ווראָנאַ

האָט די באַפעלקערונג אין י. 1796 אַראָפּגעריסן די טויערן פון געטאָ און זיי פייערלעך פאַרברענט אויף דעם שכנותדיקן פּלאַץ.

אין פּאַדוא זיינען יידישע יונגע לייט נאָך דער באַפרייאונג אין אַפּריל 1797 אין אַ גרויסער צאָל אַריינגעטראָטן אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, ניט געקוקט אויף אַ דעמאַגאָגישער אַגיטאַציע קעגן אויפנעמען יידן, אויס־לענדער און גלחים. דער דערמאָנטער יידישער רעוואָלוציאָנער ד״ר מיכאל סאלאָם איז אויסגעקליבן געוואָרן אין שטאָט־ראַט, און די ניי־געגרינדעטע „פּאַטריאָטישע געזעלשאַפט פאַר אויפקלערונג פון פאָלק״ האָט אין איר פּרינציפּן־דעקלאַראַציע אַריינגענומען דעם כּלל וועגן גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן.

סוף אויגוסט 1797 איז לויט אַ רעגירונגס־דעקרעט „דער באַרבאַ־רישער און אומזיניקער נאָמען פון געטאָ״ פאַרביטן געוואָרן אויף „די פרייע גאַס״ („וויאַ ליבעראַ״) און צוויי וואָכן שפּעטער איז פאַראָרדנט געוואָרן צו צעשטערן ביז צום גרונט די טויערן און מויערן פון געטאָ, כּדי „אָפּצושאַפן יעדן שפּור פון אַ סעפּאַראַציע, וואָס איז אין סתירה לגבי די רעכט פון פרייע מענטשן״. אין דער שטאָט ווענעציע, וואו יידן איז נאָך אין דער „ריקאָנדאָטאָ״ פון י. 1777 בפירוש אָפּגעזאָגט געוואָרן דאָס רעכט באַטראַכט צו ווערן ווי אונטערטאַנען פון דער מלוכה, האָבן 20 יאָר שפּעטער דריי יידן אַלס מיטגלידער פון דעם ניי־געוויילטן שטאָט־ראַט זיך געהתמעט אונטער דעם מאַניפעסט צו דער באַפעלקערונג. אויפן באַפעל פון נייעם שטאָט־ראַט איז פאָרגעקומען אַ רעאָרגאַניזאַציע פון דער קהילה אויף דעמאָקראַטישע יסודות פון אַלגעמיינעם וואַל־רעכט, פון וועלכן עס זיינען געווען אויסגעשלאָסן פונקט ווי פון שטאָט־וואַלן, — משרתים און בעטלערס. אַחוץ דער אויסהאַלטונג פון עקזיסטירנדיקן צדקה־פאָנד, „צרכי ציבור״ פון אַ הכנסה־שטייער, האָט די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון דער קהילה באַשלאָסן צו מאַכן אַ זאַמלונג פאַר די קריסטלעכע אָרעמע־לייט פון די שכנותדיקע שטאָט־קוואַרטאַלן, ווי אַן אויסדרוק פון פרייד מיט דעם יום־טוב פון צעשטערן די געטאָ־מויערן. דער דאָזיקער יום־טוב איז דעם 7טן יולי 1797 אַדורכגעפירט געוואָרן אויף אַ גאָר אַ פייער־לעכן אופן, ביי דער באַטייליקונג פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, פראַנ־צויזישע סאָלדאַטן, די גלחים פון די שכנותדיקע קוואַרטאַלן און פאָר־שטייער פון דער פּאַטריאָטישער באַוועגונג; נאָכדעם ווי די געטאָ־טויערן זיינען צעשמעטערט געוואָרן און אונטערגעצונדן געוואָרן, האָבן יידן און קריסטן זיך גענומען פאַר די הענט און געטאַנצט אַרום דעם פייער בעת אַן אָרקעסטער האָט צוגעשפּילט.

אַזוי איז אויך געפייערט געוואָרן די צערעמאָניע פון פלאַנצן דעם פרייהייטס־בוים אין יידישן קוואַרטאַל. די הויפּט־גאַס פון ווענעציער געטאָ,

איז אָנגערופן געוואָרן „די גאַס פון פּאַראַייניקונג" („קאָנטראַדאַ דעללאַ ריוניאָנע")‚ און ביי דער געלעגנהייט האָט גערעדט אַ יידישער פאַרשטייער פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע רפאל וויוואַנטע‚ אַ יידישער פאַרשטייער פון שטאָט־ראַט און אַ גלח פון דאַלמאַציע אין נאָמען פון דער קירך; אין אָוונט האָט ביים מאַסן־מיטינג אין דער ספרדישער שול גערעדט דער פּרעזידענט פון דער פּאַטריאָטישער „געזעלשאַפט פאַר עפנטלעכער דערציאונג"‚ און די זעלבע געזעלשאַפט האָט אויך אַרויסגעגעבן אין דרוק די רעדע פון רפאל וויוואַנטע. מיט טריאומף האָט אויסגערופן וויוואַנטע: „ברידער! ענדלעך איז געקומען דער גליקלעכער טאָג‚ ווען עס איז צעשטערט געוואָרן דער פּאַראָורטייל און דער אַבערגלויבן‚ און עס איז געקומען אַן אָפּרעכענונג פאַר די עוולות און באַליידיקונגען‚ וואָס מיר האָבן אַזוי אומגערעכט געליטן". ער האָט אויך בפירוש באַשולדיקט די אַריסטאָקראַטיע און דעם דעספּאָטיזם אין די ליידן פון יידן און דערמאָנט די אומפאַרגלייכלעכע טראַגעדיע פון פאָלק‚ וואָס איז אויסגעשטאַנען די שרעקלעכסטע רדיפות „זינט דעם איינגעמען פון ירושלים". מיט גרויס נאַציאָנאַלן און רעליגיעזן שטאָלץ האָט ער אָנגעוויזן‚ אַז די יידן זיינען אַמאָל געווען די וועגווייזער פון דער מענטשהייט אויפן געביט פון קולטור‚ קונסט‚ רעגירונג־סיסטעם און רעליגיע און פאַרענדיקט מיט אַ שבח צו גאָט‚ „וואָס האָט — אַמאָל באַפרייט זיין אויסדערוויילט פאָלק פון מצרישער שקלאַפעריי"‚ און עס געפירט דורך דער מדבר אין צוגעזאָגטן לאַנד; פונקט אַזוי האָט גאָט „אַריבערגעפירט דאָס פאָלק אין דער מיט פון פאַרגרייזטע מיינונגען‚ פּאַראָורטיילן און פאַנאַטיזם‚ און עס אַריינגעזעצט אין אַ מלכות פון רעכט‚ פרייהייט און גלייכקייט".

אין דער זעלבער צייט איז אויך דער גרעסטער טייל פון דער פויפּסטלעכער מלוכה איינגענומען געוואָרן דורך די פראַנצויזישע חיילות. אין פערארא האָט דער פראַנצויזישער גענעראַל ראָבערט באַלד נאָכן איינגעמען די שטאָט באַפוילן דער דעלעגאַציע פון דער קהילה‚ אַז יידן זאָלן אויפהערן צו טראָגן דעם געלן „סימן" און אַז די טויערן פון געטאָ זאָלן זיין אָפן טאָג און נאַכט. אין לוגאָ און אין טשענטאָ האָבן יידן אין אַן עפנטלעכער צערעמאָניע ביי פריילעכע אויסגעשרייען פון זייערע שכנים אַראָפּגעריסן דעם שאַנד־צייכן און אין טשענטאָ האָט אַן אָפּטיילונג פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע אויף אייגענער איניציאַטיוו אַראָפּגענומען די דריי טויערן פון געטאָ‚ אַוועקגעטראָגן אויף דעם שטאָט־פּלאַץ און פאַרברענט מיט הורא אויסגעשרייען פאַר דער פרייהייט. אין אַנקאָנאַ האָבן די פראַנצויזישע סאָלדאַטן‚ וואָס זיינען אַריינגעקומען אין שטאָט פונקט ווען אַ המון האָט שוין געהאַט באַלאַגערט די טויערן פון געטאָ‚ אַראָפּגעריסן די געלע צייכנס פון די קאַפּעלושן ביי די יידישע דורכגייער.

אין דער זעלבער אַנקאָנאַ איז אַ ייִד אויסגעקליבן געוואָרן אין אַ דעלעגאַציע צו נאַפּאָלעאָנען וועגן באַשטעטיקן די רעפּובליקאַנישע קאָנסטיטוציע אַחוץ דעם, וואָס ייִדן זייַנען ווי אומעטום געווען פאַרטראָטן דורך אייניקע מיטגלידער אין שטאָט־ראַט. אין פעראַראַ זייַנען ייִדן אויסגעקליבן געוואָרן ווי דעפּוטאַטן צו דער קאָנסטיטואַנטע פון דער ציספּאַדאַנאַ רעפּובליק און אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע האָבן אַחוץ ייִדישע סאָלדאַטן אויך געדינט ייִדן אַלס אָפיצערן. אַזוי איז אפילו פאַר די אַמאָל אַמשווערסטן אונטערדריקטע ייִדן אין איטאַליע, די געוועזענע שקלאַפן פון דער פּויפּסטלעכער אינקוויזיציע, געגנוג געווען דער ערשטער פרישער ווינט פון בירגערלעכער פרייַהייט, כדי צו וועקן בייַ זיי דאָס שטאָלצע באַוואוסטזייַן פון גלייַכבאַרעכטיקטע בירגער.

אָנהויב 1798 איז געקומען די ריי אויף די ייִדן פון דער שטאָט רוים אויסגעלייזט צו ווערן פון קנעכטשאַפט. דעם 15טן פעברואַר, 5 טעג נאָך דעם אַרייַנמאַרש פון די פראַנצויזישע חיילות, באַלד ווי עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די רוימישע רעפּובליק, האָבן די ייִדן אַראָפּגעוואָרפן דעם געלן צייכן. דעם 17טן פעברואַר אין אָוונט האָבן די ייִדן מיט איל־לומינאַציע פון געטאָ, מיט מוזיק און פאַרווייַלונג געפייערט דאָס פאַרפלאַנצן פון פרייַהייט־בוים פאַר דער שול. אמת, שוין מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָבן די פון קלעריקאַליזם לחלוטין נישט אויסגעניכטערטע שכנים פון ייִדן אויף יענער זייַט טיבער אָנגעשפּילעוועט צלמלעך אין די דרייַ קאַליר־קאָקאַרדעס, און אין מערץ אויף דער פאַרזאַמלונג פון שטאָט־קוואַרטאַל האָבן די זעלבע עלעמענטן פּראָטעסטירט קעגן אויפנעמען ייִדן אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. אָבער די מאַכט האָט דערויף געענטפערט מיט נאָמינירן אַ ייִד בר־רפאל פאַר אַ מאַיאָר פון דער גוואַרדיע און עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גאַנצער גוואַרדיע־רעגימענט, וואָס איז באַשטאַנען בעיקר פון ייִדן און געהאַט ייִדישע קאָמאַנדירן.

דעם 9טן יולי פון זעלבן יאָר (דעם 21טן מעסידאָר פון 6טן יאָר, לויט דעם רעוואָלוציאָנערן קאַלענדאַר) איז דורך דעם פראַנצויזישן קאָמענדאַנט פּראָקלאַמירט געוואָרן די פולשטענדיקע גלייַכבאַרעכטיקונג פון ייִדן מיט אַלע בירגער פון דער רוימישער רעפּובליק און אַ וואָך שפּעטער איז אויף זייַן פאָרשלאָג נאָמינירט געוואָרן יחזקאל מאָרפּורגאָ אַלס מיטגליד פון סענאַט. כדי אויסצומייַדן אַלע מיספאַרשטענדענישן איז דעם 18טן נאָוועמבער (דעם 28טן ברומייר פון יאָר 7) אַרויסגעלאָזט געוואָרן דורך דער מיליטערישער מאַכט אַ דעקרעט, אַז ייִדן זייַנען פרייַ פון אַלע באַזונדערע שטייַערן, — „נעמענדיק אין אַכט, אַז אַזעלכע שטייַערן האָבן געשטאַמט פון רעליגיעזן דעספּאָטיזם“. די שטימונג פון אויפגעקלערטן טייל פון דער באַפעלקערונג דריקט אויס די רעדע, וואָס דער בירגער

אגרעטי האָט געהאַלטן אויף אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג אין רוים אין י. 1799. ער האָט באַשולדיקט „די דינער פון פויפסט", אַז זיי האָבן געפעלשט אַן דער עוואַנגעליע און איינגעפירט אַ שאַנדצייכן, כדי צו נעמען אויסקויף־געלט ביי רייכע יידן. הגם די יידישע קהילה האָט פונקט ווי די גאַנצע שטאָט באַדאַרפט באַצאָלן הויכע קאָנטריבוציעס פאַרן פראַנצויזישן מי־ליטער, האָט זיך די עקאָנאָמישע לאַגע פון דער יידישער באַפעלקערונג גאָר באַדייטנדיק פאַרבעסערט. יידישע שניידער און שניידערינס האָבן גענייט מונדירן פאַר פראַנצויזישע סאָלדאַטן. יידישע סוחרים און הענד־לער האָבן אָפּגעקויפט די קאָנפיסקירטע חפצים פון פויפסט און קירך־דיג־ניטאַרן און אפילו קירכלעכע כלי־קדושה, און יידישע אונטערנעמער האָבן באַקומען די וויכטיקסטע ליווערונגען פאַר דער אַרמיי. די צאָל משפחות, וואָס האָבן באַצאָלט דער קהילה הכנסה־שטייערן איז געוואָקסן מער ווי טאָפּלט (פון 143 אין י. 1795 ביז 306 אין י. 1798) און די הכנסה פון דעם דאָזיקן שטייער האָט זיך פאַרגרעסערט כמעט פינף־פאַכיק (פון 38,525 סקודי ביז קנאַפּע 180,000 סקודי).

ליוואָרנאָ מיט דער גרעסטער יידישער קהילה אין איטאַליע איז שוין אין יאָר 1796 געווען באַזעצט דורך פראַנצויזישע חיילות, אָבער ערשט סוף מערץ 1799 איז דאָס גרויס פירשטנטום טאָסקאַנאַ ענדגילטיק פאַר־נומען געוואָרן דורך פראַנקרייך און פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס רעפּוב־ליק. אין פלאָרענץ און אין סיענאַ, וואו די יידן האָבן געהאַט געליטן אין די איבערגאַנג־יאָרן מצד דער אַנטי־פראַנצויזישער און אַנטי־יידישער אַגי־טאַציע, האָבן זיי מיט פרייד באַגריסט די עמאַנציפּאַציע, וואָס איר סימ־באָל איז אויך דאָ געווען דער פרייהייט־בוים. אַנדערש איז געווען די באַציאונג צו דער נייער אָרדענונג מצד די אַריסטאָקראַטישע קהילה־פירער אין ליוואָרנאָ. הגם אויך דאָ איז די זיכערקייט פון יידן געהאַט געווען באַדראָט ערב דעם אַריינמאַרש פון די פראַנצויזן. פונקט ווי אין אַמסטערדאַם האָט אויך דאָ דער האַנדל שטאַרק געליטן דורך דער פראַנ־צויזישער מלחמה קעגן ענגלאַנד, און פונקט ווי די דאָרטיקע יידישע פּלוטאָקראַטיע, האָבן אויך דאָ די אַריסטאָקראַטישע ספרדים נישט גע־וואָלט זיך אָפּזאָגן פון דער מאַכט, וועלכע זיי האָבן פאַרמאָגט אין דער קהילה. די שטימונג פון דער ברייטער קהילה־מיטגלידערשאַפט — ביי אַ רעאַקציאָנערן איטאַליענישן שרייבער הייסן זיי „דער אָפּשוים פון העב־רייאישן פאָלק", — וואָס האָט געשטרעבט אַראָפּצוּוואַרפן די הערשאַפט פון דער גרופּע מיוחסים, האָט געבראַכט צום אויסדרוק אַ יידישער יאַקאָ־בינער סאַלוואַטאָר מיכעל אין אַ שאַרפן אַרטיקל אין אַרטיקן פּאַטריאָ־טישן איטאַליענישן וואָכנבלאַט: ער באַצייכנט די פרנסים אַלס אַ קליקע טיראַנען, וואָס געוועלטיקן איבערן פאָלק אַדאַנק זייער מכלורמשטן אַריס־

טאָקראַטישן יחוס אָדער אַדאַנק זייער „פאַרברעכעריש אָנגעזאַמלטן עשירות״; ער פאַרגלייכט זייער אַבסאָלוטע דיקטאַטור מיט דעם „ראַט פון צען״ אין ווענעציע און מיט דער רוימישער אינקוויזיציע. אין זעלבן בלאַט האָט זיך אָבער מיט צוויי וואָכן שפּעטער באַוויזן אַן אַרטיקל, וואו דער מחבר האָט זיך אָנגענומען פאַר די פרנסים און קיין שום ענדע־רונגען אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער קהילה זיינען נישט פאָרגעקומען. אין פּרט פון גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן איז אָבער אויך דאָ קענטיק גע־ווען די נייע תקופה. לכבוד דער פאַרפלאַנצונג פון פרייהייט־בוים אין יידישן קוואַרטאַל האָט אַן איטאַליענער אָנגעשריבן אַ ליד, געווידמעט „די בירגער פון דער העברייאישער נאַציע״. צוויי יידן זיינען אויסגעקליבן געוואָרן אין דעם נייעם שטאָט־ראַט, אַנדערע צוויי זיינען געווען קאַ־פּיטאַנען אין דער אָרטיקער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וואָס האָט אַרומגע־נומען אויך צוויי יידישע קאָמפּאַניעס צו 100 מאַן.

§36. אין דער תקופה פון נאַפּאָלעאָן

די צייטווייליקע מפּלה פון די פראַנצויזישע חיילות אין איטאַליע, נאָך דעם ווי נאַפּאָלעאָן באָנאַפּארטע איז אַוועק אויף זיין עקספּעדיציע קיין מצרים און ארץ־ישראל, האָט צוזאַמען מיט דער פּאָליטישער רעאַקציע נישט נאָר פאַרשטערט די פייערלעכע שמחה פון יידישער עמאַנציפּאַציע, נאָר געבראַכט דעם ערשט־אויפגעריכטן איטאַליענישן יידנטום אַלע פּיין און ליידן פון אַ פּאָגראָם־אַטמאָספערע און ערטערווייז אויך ממשותדיקע פּאָגראָמען. אין דער פּראָווינץ ווענעציע, וועלכע נאַפּאָלעאָן האָט אָפּגעטראָטן עסטרייך אין שלום־אָפּמאַך סוף 1797, זיינען די יידן אָפּגעקומען מיט אויסשטיין גאַסן־אָנפאַלן פון קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן המון, אָבער צו קיין בלוטיקע פּאָגראָמען האָט די רעגירונג נישט דערלאָזט, הגם זי האָט די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג בטל געמאַכט. אין רוים גופא האָט די נעאפּאָליטאנישע אַרמיי, וואָס האָט פאַרנומען די שטאָט אין האַרבסט 1798 אַרויפגעלייגט אויף דער קהילה שווערע קאָנטריבוציעס. דער נייער פּויפּסט, פּיוס דער 7טער, האָט צוריק איינגעפירט באַזונדערע יידישע שטייערן, איינגעשלאָסן אפילו דעם קארנאוואל־שטייער; ער האָט אָבער דערביי זיך באַמיט זיך אַרויסצושטעלן ווי אַ לייטזעליקער אפּוטרופּוס: פון איין זייט האָבן די פאָרשטייער פון דער קהילה אים באַגריסט מיט אַ פּאָעמע און מיט אַ שיינער מתנה: פון דער אַנדערער זייט איז די אויפרודערונג צווישן די מאַסן אין געטאָ געווען אַזוי גרויס, אַז דער פּויפּסט האָט מורא געהאַט פאַר דעם אויסברוך פון אַ יידישן אויפשטאַנד און דערפאַר געווען פאָרזיכטיק נישט איבערצוציען דאָס שטריקל. דאַקעגן אין די שטעט פון דער פּויפּסטלעכער מלוכה, פון וואַנען די פראַנצויזישע אַרמיי האָט זיך נאָך פריער צוריקגעצויגן, זיינען פאָרגעקומען רויב־אָנפאַלן אויף יידן מצד פויערן און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַוואָפנטע באַנדעס אין נאָמען פון דער קאַטוילישער רעליגיע; אין סעניגאַליא איז פאָרגעקומען אַ בלוטיקער פּאָגראָם, וואו 13 יידן זיינען געהרגעט געוואָרן. רויב־אָנפאַלן אויף יידישע קהילות מצד פויערן זיינען אויך געווען אויפן סדר היום אין פּיעמאָנט, וואו די יידן זיינען אַלע באַשולדיקט געוואָרן אין יאַקאָביניזם. אין טאָסקאַנא האָט די קאָנטר־רעוואָלוציע אין דער תקופה פון פאַרטרייבן די פראַנצויזן געבושעוועט אונטערן לאָזונג פון קאַמף קעגן די „גאַלן“ (פראַנצויזן), יאַקאָבינער און יידן. אפילו אין ליוואָרנאָ איז די סצענע פון אַראָפּהאַקן און פאַרברענען דעם פרייהייטס־בוים באַגלייט געווען פון אויסגעשרייען „טויט די יידן!“... די באַנדעס קאָנטר־רעוואָ־

לוציאָנערע אונטערוועלט־עלעמענטן, פון דער שטאָט אַרעצצאָ, די „אַרע־טיני״, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט רויבן איבער דער גאַנצער פּראָווינץ מיטן שלאַכט־רוף: „וויווא מאַריא״ („זאָל לעבן די הייליקע מאַריע״) האָבן באַזונדער אויף ייִדן אָנגעוואָרפן אַזאַ טעראָר, אַז עטלעכע קהילות זיינען זיך צעלאָפן איבערלאָזנדיק זייערע הייזער און פאַרמעגנס אויף הפקר. בלויז אין פלאָרענץ זיינען ייִדן אָפּגעקומען מיט אויסקויף־געלט אַדאַנק דער אינטערווענץ פון אַרכיבישאָף, וואָס האָט זיך פאַר זיי איינ־געשטעלט פונקט ווי מיט 9 יאָר פריער.

אַ שווידערלעכער פּאָגראָם אויף ייִדן און רעוואָלוציאָנערן איז פאָרגע־קומען אין דער שטאָט סיענא דעם 28טן יוני, 1799: דער אַדל, די רייכע פּאַטריציער און די גלחים האָבן דאָ אָפן געהעצט קעגן ייִדן און פּאַטריאָטן און דער אַרכי־בישאָף, ביי וועמען די ייִדן האָבן געבעטן שוץ, האָט פרו־מאַקיש געענטפערט: „דער צאָרן פון פאָלק איז דער צאָרן פון גאָט״. בעת דעם פאַרברענען דעם פרייהייטס־בוים זיינען 13 ייִדן, אַ טייל פון זיי לעבעדיקערהייט אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין פייער צוזאַמען מיט עט־לעכע איטאַליענישע פּאַטריאָטן. אויך דאָ האָט זיך געפונען אַן איידע־לער מאַנאַך, וועלכער האָט געראַטעוועט ייִדן אַנשטאָט קעגן זיי צו העצן. די פּאָגראָמירטע קהילה אין סיענא האָט נאָך דערנאָך באַדאַרפט באַ־צאָלן אַ גרויסע קאָנטריבוציע די אַריינמאַרשירטע רוסישע און עסטריי־כישע חיילות. אַ באַזונדער געיעג איז פאָרגעקומען איבער גאַנץ צפון־און מיטל־איטאַליע אויף פּראָמינענטע ייִדישע רעוואָלוציאָנערע פירער; זיי זיינען אַריינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה, צווישן זיי דער רב שלמה פינצי פון אינדזל עלבא פאַר זיין איטאַליענישער פּאָעמע וועגן משיח. דער דערמאָנטער רעוואָלוציאָנערער רעדנער אברהם סעניגאַליאַ פון פּאָסאַנאָ אין פּיעמאָנט איז געראַטעוועט געוואָרן פון שייטערהויפן אין לעצטן מאָ־מענט. אַנטי־ייִדישע לידער, אַנטי־ייִדישע בראָשורן און אויפפירונגען פון אַן אַנטי־ייִדישער פּיעסע אין טעאַטערס האָבן צוגעלייגט אַ משא צו דער שווערער אַטמאָספערע, וואָס האָט געדריקט אויף איטאַליענישע ייִדן אין דער דאָזיקער תקופה פון צייטווייליקן נצחון פון דער רעאַקציע.

אין י. 1800 איז נאַפּאָלעאָן, שוין אַלס ערשטער קאָנסול, ווידער אַרי־בער די אַלפּן קיין איטאַליע און נאָך זיינע נצחונות איז צוריק איינגע־שטעלט געוואָרן די העגעמאָניע פון פראַנקרייך און דער פראַנצויזישער פּאָליטישער סיסטעם אין לאַנד. פּיעמאָנט און פּאַרמאַ זיינען באַלד דער־נאָך דירעקט איינקאָרפּאָרירט געוואָרן אין פראַנקרייך, דאָס זעלבע איז געשען מיט טאָסקאַנאַ (מלכות עטרוריע) אין י. 1807 און מיט דעם דרום־טייל פון דער פּויפּסטלעכער מלוכה מיט דער שטאָט רוים אין י. 1809; דער צפון־מזרח טייל פון לאַנד צוזאַמען מיט ווענעציע (1805) האָט צו־

זאַמענגעשטעלט דאָס „מלכות איטאַליע", מיט נאַפּאָלעאָן אַלס קיניג.

גאַנץ צפון־און מיטל־איטאַליע האָט זיך פּאַקטיש, און אַ טייל אפילו פאָרמעל, געפונען אונטער דער הערשאַפט פון פראַנקרייך. פונקט ווי אין דער גאַנצער אימפּעריע איז אויך אין איטאַליע די גוזצלעכע גלייכ־באַרעכטיקונג פון יידן געווען אַן אָנערקענטער פּרינציפּ פון רעזשים. בעת אָבער די עמאַנציפּאַציע פון יידן אין איטאַליע אין די יאָרן 1796־1798 האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון רעוואָלוציאָנערן אויפברויז און ענ־טוזיאַסטישער ספּאָנטאַנישקייט, איז די צוריק־איינגעשטעלטע עמאַנצי־פּאַציע אונטער נאַפּאָלעאָן געווען אַן אָפיציעלער אַקט פון אויבן, אָן אַ שום מיטווירקונג פון דער באַפעלקערונג. ווי אין פראַנקרייך האָט אויך דאָ די רעגירונג נישט קיין סך געדאגהט וועגן אַדורכפירן די עמאַנצי־פּאַציע אין רעאַלן לעבן און וועגן אָפּשאַפן יעדן מין דיסקרימינאַציע. זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אופן, ווי אַזוי די גלייכבאַרעכטיקונג איז איצט איינגעפירט געוואָרן, איז דערביישפּיל פון רוים. הגם די טויערן פון געטאָ זיינען איצט געווען אָפן טאָג און נאַכט, האָט אַ גרויסע צאָל יידן אַליין אין י. 1810 זיך אַרויסגעזאָגט קעגן חרוב מאַכן די געמויערטע בויגנס פון די טויערן, אָנגעבנדיק אַלס מאָטיוו די מורא פאַר אָנפאַלן; דער בירגערמייסטער פון רוים האָט אין דער ווענדונג צום פּרעפעקט צו־געגעבן נאָך אַ תירוץ פון זיך אַליין, אַז ביי אַזאַ צעשטערונג קענען נאָך, חלילה, באַשעדיקט ווערן די הייזער פון אַרומיקן קוואַרטאַל...

ווי ווייט איז געווען אַזאַ שטעלונג פון די מיטרייסנדיקע סצענעס בעת דעם ערשטן אַריינמאַרש פון די פראַנצויזן קיין איטאַליע, ווען די באַפעלקע־רונג גופא האָט זיך געוואָרפן מיט העק צו צעשטערן די געטאָ־טויערן און רווישיק געפייערט די פאַרברידערונג מיט די געטאָ־איינוואוינער! נאָך דער ערשטער באַזעצונג פון רוים דורך די פראַנצויזישע חילות האָט די מיליטערישע מאַכט אָן שום באַוואָרעניש, באַפריט די יידן פון אַלע באַ־זונדערע שטייערן, ווי אַן אַקט פון פּרינציפּ. פאַרקערט, די קייסערלעכע נאַפּאָלעאָנישע רעגירונג האָט בפירוש דעקרעטירט דעם 16טן נאָוועמבער 1810, אַז די יידישע קהילה אין רוים דאַרף אַלע חובות, וואָס זי איז שול־דיק די קאַטוילישע אינסטיטוציעס „לויט די עדיקטן פון דעם אַלטן רע־זשים", אויסצאָלן די שטאַטישע אָרעם־אַנשטאַלטן... אונטער דעם זעלבן רעזשים האָט דער פּרעפעקט פון רוים באַפולמעכטיקט די קהילה צוריק־איינצופירן די „קאַראַבקע" פון כשר־פליייש און פון ברויט, כדי צו דעקן אירע הוצאות פון רעמאָנטירן דעם יידישן קוואַרטאַל.

אויך אין איטאַליע האָט אַממערסטן געגאָסן פון נאַפּאָלעאָנישן רע־זשים דער רייכסטער דינער שיכט פון גרויסע סוחרים, פאַבריקאַנטן און גרויסע גרונד־באַזיצער. פּראָמינענטע יידישע גבירים זיינען אין די מער־

סטע פּראָווינצן פון איטאַליע נאָמינירט געוואָרן אַלס מיטגלידער פון שטאָטראַטן, האַנדלס-געריכטן, האַנדלס-קאַמערן און אַנדערע אַפּיציעלע קערפּערשאַפטן. אויך בנוגע דעם דאָזיקן פּריווילעגירטן שיכט האָט זיך אָבער די רעגירונג שטאַרק גערעכנט מיט די רעאַקציאָנערע אַנטיסעמי־טישע שטימונגען. דער פּרעפעקט פון דעפּאַרטאַמענט פּאָ אין פּיעמאָנט האָט אין זיין באַריכט צו דער רעגירונג אָנגעגעבן אַלס סיבה פון דער קליינער צאָל יידישע באַאַמטע די „פּאַראורטיילן" פון דער באַפעלקערונג קעגן יידן. אין גאַנץ פּיעמאָנט מיט העכער 5 טויזנט יידן לויט דער אָפּיציעלער סטאַטיסטיק, האָבן סך הכל 49 פּאַרנומען מלוכה און שטאָ־טישע פּאָסטנס, אַריינגערעכנט פּאָסט-באַאַמטע און שטאָטראַט-מיטגלידער; אין רוים איז בלויז איין איינציקער ייד געווען אַ מלוכה-באַאַמטער. אין „מלכות איטאַליע" זיינען עטלעכע יידן אין 1806 נאָמינירט געוואָרן אַלס עלעקטאָרן ביי די וואַלן צום סענאַט ערשט נאָך אַן אינטערווענץ פון רייכן יידישן סוחר פון מילאַן, משה פּאַרמידזשיני ביי דעם מלוכה-סעקרעטאַר. דער זעלבער פּאַרמידזשיני באַקלאָגט זיך אין זיין מעמאָראַנדום, וואָס דער קיסר האָט נישט באַוויליקט צו באַערן קיין איין ייד מיטן אָרדער פון „ריטער פון דער אייזערנער קרוין" און לייגט פּאָר אַ רשימה פון 6 יידישע פּלוטאָקראַטן, צווישן זיי קודם כל זיך אַליין, ווי אַזעלכע, וואָס זיינען ראוי דעם דאָזיקן כבוד; . . .

בעת די וואָרטזאָגער פון דער יידישער גרויס-בורזשואַזיע האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע דאגות, ווי שתדלנות וועגן אַדל-טיטולן און אַנדערע כיבודים, האָט זיך די סאָציאַל-עקאָנאָמישע לאַגע פון דער ברייטער יידי־שער באַפעלקערונג בלויז אין געוויסע געביטן פון איטאַליע ממשותדיק געבעסערט. געוויסע ענדערונגען זיינען פּאָרגעקומען אין דער פּראָפע־סיאָנעלער סטרוקטור פון די יידן אין פּיעמאָנט, הגם די אָפּיציעלע באַ־ריכטן פון די פּרעפעקטן צו דער רעגירונג, אין שייכות מיט דער פּראַגע פון אַראָפּנעמען דעם שענדלעכן דעקרעט פון יאָר 1808, זיינען שטאַרק מגוזמדיק; וועלנדיק באַווייזן די אויפטועו פון דער נייער רעגירונג האָבן זיי אויפגעשטעלט אויף איר חשבון דעם באַדייטנדיקן אַנטייל פון יידן אין מלאכות, וואָס איז געווען אַ פּאַקט נאָך אונטער דעם פריערדיקן רע־זשים. בכל אופן קומט אויס, לויט די דאָזיקע באַריכטן, אַז כמעט אַ דריטל פון יידן אין דער דאָזיקער פּראָווינץ האָט זיך פאַרנומען מיט מלאכה, בעיקר שניידעריי, אָבער אויך מיט גאָלדשמידעריי, שמידעריי, שלאָסעריי, שוסטעריי, זאָטלעריי, סטאָלעריי א. אַ. בערך אַ פערטל פון דער יידי־שער באַפעלקערונג האָט אַדאַנק דער נייער געזעצלעכער לאַגע זיך פאַר־נומען מיט לאַנדווירטשאַפט. אַ קליינער פּראָצענט האָט, ווי דערמאָנט, פאַרנומען פּאָסטנס און קרוב צוויי-פינפטל האָט געצויגן חיונה פון האַנדל

און טעקסטיל־אינדוסטריע. די צאָל יידישע געלט־לייער האָט זיך לויטן עדות פון די פּרעפעקטן פאַרקלענערט ביז גאָר און די היפּאָטעקערישע חובות זיינען אויך דאָ, ווי אין עלזאַס און לאָטאַרינגיע אויסגעקומען גרע־סער ווי אין דער ווירקלעכקייט, דורכדעם, וואָס די אָפּגעצאָלטע היפּאָטעקן זיינען נישט אויסגעמעקט געוואָרן. צווישן די ראשי־משפּחות, וואָס זיינען פאַרצייכנט ווי סוחרים, פאַרנעמען נאָך אַלץ אַלטוואַרג־הענדלער און פעד־לער פון אַ דריטל ביז אַ העלפט אין די באַזונדערע קהילות.

אַ סך טרויעריקער זעט אויס דאָס בילד פון יידישער עקאָנאָמישער סטרוקטור אין אַנדערע געגנטן פון איטאַליע. אין פלאָרענץ, מיט אַ באַ־פעלקערונג פון 1,180 יידן האָבן אין יאָר 1810 קוים דריטהאַלבן פּראָ־צענט זיך פאַרנומען מיט אינדוסטריע און האַנטווערק, בערך אַזוי פיל — מיט געלט־לייען, און כמעט אַלע איבעריקע — מיט האַנדל, בעיקר אַלס פּעדלערס און אַלטוואַרג־הענדלער. די קהילה אין רוים האָט אין זעלבן יאָר געציילט 3,038 נפשות, דערפון 683 עקאָנאָמיש אַקטיווע. בלויז אַרום 12 פּראָצענט זיינען געוואָרן פאַרצייכנט ווי בעלי־מלאכות, בעיקר שניידער, היטלמאַכער, מאַטראַצן־מאַכער א. ד. גל. אַ גרויסע צאָל שניי־דער האָט זיך אָבער אויך געפונען צווישן די 164 הענדלער מיט אַלטע קליידער, וואָס האָבן באַטראָפן אַ פערטל פון אַלע עקאָנאָמיש אַקטיווע. בערך אַזוי גרויס, 162, איז געווען די צאָל קרעמער, סוחרים פון שטאָף און פון נייע פאַרטיקע קליידער, אָבער אויך די פּעדלער און גאַסן־פאַר־קויפער האָבן געציילט 128 משפּחות, ד. ה. קרוב אַ פינפטל פון דער קהילה.

דאָס עלנט פון די רוימישע יידן איז, לויט אַלע אָפיציעלע עדות פון דער קאָנסיסטאָריע, דעם פּרעפעקט, דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר, געווען „אויס־טערליש, שרעקלעך". אַ גרויסער טייל פון דער קהילה האָט געלעבט פון קצבה. אויך יידן פון דער פּראָווינץ פאַרמאַ און טאָסקאַנאַ (דעפּאַרטאַמענט טאַראָ) ווערן באַצייכנט אין די באַריכטן פון דער קאָנסיסטאָריע און פון פּרעפעקט ווי זייער אָרעמע. אפילו אין דער לפי ערך פאַרמעגלעכער קהילה אין פלאָרענץ האָבן, לויט דער סטאַטיסטיק פון די דירה־באַדינ־גונגען פון י. 1810, די אָרעמע באַטראָפן קרוב 55 פּראָצענט און די נויט־באַדערפטיקע — בערך 14 פּראָצענט, אָדער קרוב אַ זיבעטל. אויך וועגן די קהילות פון פּיעמאָנט איז באַקאַנט, אַז אין דער גרעסטער פון זיי, טאָרינאָ, האָבן געלעבט אַ סך אָרעמעלייט — הגם דער פּרעפעקט פאַר־צייכנט מיט צופרידנקייט, אַז קיין בעטלער זיינען ביי יידן נישטאָ — און אין אַלעסאַנדריאַ באַצייכנט דער רב אַ פינפטל פון דער קהילה אַלס אָרעמע. בלויז פון דעפּאַרטאַמענט דואַראַ אין פּיעמאָנט גיט אָן דער פּרע־פעקט אין זיין באַריכט, וועגן די סך־הכל צוויי־צענדליק יידישע משפּחות (98 נפשות), וואָס האָבן דאָרט געוואוינט, אַז זיי זיינען אַלע רייכע איינ־

דוסטריאַליסטן, אייגנטימער פון באַוול־שפּינערייען און אַז זיי באַשעפ־טיקן אַ סך קריסטלעכע אַרבעטער.

ניט געקוקט אויף דער פאַרשטענדעניש פון איטאַליענישע יידן פאַר וועלטלעכער בילדונג, האָט צוליב דעם הערשנדיקן קלעריקאַליזם אין דער נאַפּאָלעאָנישער תקופה, בלויז גאָר אַ קליינע צאָל יידישע קינדער באַזוכט די עפנטלעכע עלעמענטאַרע שולן. אין דער גאַנצער פּראָווינץ פּיעמאָנט האָבן נישט מער ווי בערך 90 יידישע קינדער אויסגענוצט דאָס דאָזיקע רעכט און אין רוים האָט בכלל קיין איין יידיש קינד זיך נישט געפונען אין אַן עפנטלעכער שולע. אין דער שטאָט רעדזשיאָ די מאָדענא האָבן יידן אויפן אייגענעם חשבון אין י. 1812 געעפנט אַ פיר־קלאַסיקע גימנאַזיע, וואו העברייאישע שפּראַך און ליטעראַטור איז אַריינגענומען גע־וואָרן אין פּראָגראַם פון לימודים.

דער דינער אויבערשיכט פון דער יידישער פּלוטאָקראַטיע האָט רע־פּרעזענטירט די יידישע באַפעלקערונג ביי מלכות און געשפּילט אַ גרויסע ראָלע סיי אין דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג אין פּאַריז, סיי אין דעם פּאַ־ריזער סנהדרין. די זעלבע פּלוטאָקראַטיע האָט אויך אויפגענומען מיט גרויס הנאה דעם דעקרעט וועגן קאָנסיסטאָריעס, וואָס האָט באַפעסטיקט איר מאַכט אין די קהילות, אין אַלע טיילן פון לאַנד, וואָס זיינען געווען אינקאָרפּאָרירט אין דער פראַנצויזישער אימפּעריע. העברייאישע און אי־טאַליענישע לויב־געזאַנגען לכבוד נאַפּאָלעאָן זיינען געהאַלטן געוואָרן ביי יעדער געלעגנהייט מיט דער זעלבער התפעלות ווי אין פראַנקרייך. אויף דער פייערונג פון דער איינפירונג פון דער קאָנסיסטאָריע פון רוים, אין י. 1811, איז נאַפּאָלעאָן פאַרגליכן געוואָרן מיט כורש און אפילו באַצייכנט געוואָרן ווי דער „כוהן פון גאָט". די גזירה פון שענדלעכן דעקרעט האָט געבראַכט בלויז אַ קורצע תקופה פון שרעק, וואָרום באַלד אין י. 1808 איז באַפרייט געוואָרן פון דעקרעט די רייכע קהילה אין ליוואָרנאָ און אין 1810 — אַלע איבעריקע דעפּאַרטאַמענטן פון אינקאָרפּאָרירטן איטאַליע, מיטן אויסנאַם פון דריי: מאָנטענאָטע אין פּיעמאָנט, וואו אַ טייל יידן, בפרט אין דער שטאָט אקווי, האָבן זיך טאָקע פאַרנומען מיט געלט־לייען, און די דעפּאַרטאַמענטן טאַראָ (פּאַרמאַ) און רוים, וואו דער איינציקער חטא פון יידן איז מסתם געווען דער, וואָס זיי זיינען דאָס רוב געווען זייער אָרעם. אַ טייל פון דער אויפגעקלערטער יידישער בורזשואַזיע אין אי־טאַליע מיט דעם דערמאָנטן קרוב למלכות פּאַרמידזשיני בראש, האָט שוין אפילו דערפילט די בענקשאַפט נאָך אַן אָפיציעלער רעפאָרם פון דער יידי־שער רעליגיע און אויסדריקנדיק זייערע וואונטשן, האָט פּאַרמידזשיני זיך געווענדט מיט אַ מעמאָראַנדום צום מיניסטעריום וועגן איינפירן אַ מאָ־דערנעם גאָטס־דינסט, אַ קאַטעכיזם לויט די באַשלוסן פון סנהדרין, רע־

פאָרם פון דערציאונג א. ד. גל.

דעם גרויסן רוב איטאַליענישע יידן זיינען אָבער די דאָזיקע שטרעבונגען געווען פרעמד און דערווידער, און אין י. 1814 האָט אפילו די קהילה אין ליוואָרנאָ פאַרניכטעט אַלע עקזעמפלאַרן פון אַן איטאַליענישן ווערק פון אַ בן־עיר אהרן פערנאנדאָ, וואָס האָט פראָפאַגירט אַ ראַדיקאַלע רעפאָרם פון יידישע דינים. ווי אַ פולשטענדיקער היפך פון דער באַוואוסטזיניקער אַסימילאַציע טענדענץ, וואַכן אויף אין דער זעלבער תקופה ביי איטאַליענישע יידן אין שייכות מיט דער וועלט־איבערקערעניש פון נאַפאָלעאָנישע מלחמות פונקט ווי ביי חסידים אין וויטן פוילן, האָפענונגען אויף דער נאָענטער ביאת המשיח און גאולת ישראל. די יידישע פאָלקס־מאַסן האָבן אויך נישט אומעטום געדולדיק און פאַסיוו איבערגעטראָגן די וואַקסנדיקע ניט־יידישע רעאַקציע, ווי אויך די אָפּאָרטוניסטישע פאָליטיק פון די קהילה־מנהיגים. אין רוים האָט זיך אָרגאַניזירט אין יידישן קוואַרטאַל אַ זעלבסט־שוץ קעגן קריסטלעכע רעאַקציאָנערע קלעריקאַלע כוליגאַנעס, וואָס האָבן נישט געקאָנט פאַרליידן די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג אין האַנדל. ווען דער פראַנצויזישער קאָמענדאַנט האָט אויף דער שריפטלעכער בקשה פון די פרנסים געלאָזט אַריינזעצן אין תפיסה די צוויי אָנפירער פון דער בונטאַרישער אָרגאַניזאַציע, אברהם טשיטאָני און יעקב אמאטי, האָט זיך אויפגעהויבן צווישן דער באַפעלקערונג אין געטאָ אַ גרויסע אויפרודערונג, אין וועלכער די פראַנצויזישע גוואַרדיע האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די ווידערשפעניקע. עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס עס זיינען פאָרגעקומען ברייטע אַרעסטן, דאָס געטאָ האָט זיך נישט איינגעשטילט, ביז אַלע אַרעסטירטע זיינען נישט גרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פריי.

שווייצאַריע

§37. ערב דער איבערקערעניש און אין די יאָרן פון דער העלוועטישער רעפּובליק

די בירגערלעכע עמאַנציפּאַציע פון יידן, וואָס האָט זיך געטראָגן פון פראַנקרייך איבער מערב־איראָפּע צוזאַמען מיטן נצחון פון די פראַנצוי־זישע חיילות, איז אויך געשטעלט געוואָרן אויפן סדר־היום אין שווייצאַריע.

אין דער דאָזיקער קליינער אַלפּן־מדינה מיט קוים אַנדערטהאַלבן מי־ליאָן באַפעלקערונג, האָבן יידן, נאָך די גירושים אין מיטלאַלטער און אין 17טן י״ה, געוואוינט בלויז אין צוויי דערפער אין דער גראַפשאַפט באַדן, אָבער־ענדינגען און אָבער־לענגנוי. אין י. 1774 האָט די פאַרזאַמלונג פון די פאָרשטייער פון דער גראַפשאַפט, די „טאָג זאַצונג״ בפירוש פאַרבאָטן יידן צו וואוינען אפילו אין די גרענעצן פון דער גראַפשאַפט ערגעץ־אַנ־דערש, ווי אין די צוויי דערמאָנטע דערפער. אין דעם זעלבן יאָר האָט די צאָל יידישע משפחות אין די צוויי שכנותדיקע דערפער און ממילא אין גאַנצן לאַנד באַטראָפן סך־הכל 108. נישט געקוקט אויף אַלע רעכט־לעכע באַגרענעצונגען, איז דאָך פאָרגעקומען אין יענער צייט אַן איינ־וואַנדערונג פון יידן פון שכנותדיקן דייטשלאַנד און עלזאַס און עס פלעגן זיך אפילו באַזעצן איינצעלע משפחות פון פוילן. אין דער נאַפּאָלעאָני־שער תקופה האָט שוין די צאָל יידן אין ביידע שווייצאַרישע דערפער באַ־טראָפן צווישן 1,500 און 2,000 נפשות.

די רעכטלעכע לאַגע פון דער קליינער עדה שווייצאַרישע יידן איז געווען אַריינגעפּאַסט אין דעם אַריסטאָקראַטיש־פּאַטריצישן פּאָליטישן סיסטעם פון דער מדינה. דאָס לאַנד איז געווען באַהערשט פון אַן אַריס־טאָקראַטיע פון שטאָט־בירגער, צווישן וועלכע עס האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ פּאַטריציאַט פון מיוחסים, וואָס האָבן די מאַכט אין די שטעט געהאַלטן בירושה. אויך אין די דערפער האָבן אַלע רעכט פאַרמאָגט בלויז די

שטרענג־אָפגעשלאָסענע געמיינדעס פון בירגער. די „אינזעסע״ (תושבים) האָבן נישט געטאָרט בכלל קויפן אָדער פאַכטן באָדן, אָדער זיי זיינען געווען אונטערגעוואָרפן אין דעם פרט שווערע באַגרענעצונגען און זיי האָבן אויך נישט געהאַט דאָס רעכט זיך צו פאַרנעמען זעלבסטשטענדיק מיט מלאכה און האַנדל. אין די צוויי דערפער פון באדן זיינען יידן טאָלערירט געווען נאָר אַדאַנק דעם, וואָס זיי האָבן אָפגעצאָלט רעגולערע סומעס ביים באַנייען פון שוץ־בריוו דער פאַרטרעטערשאַפט פון דער גראַפשאַפט און פאַר יעדן מיטגליד אירן באַזונדער (אַריינגערעכנט אָפגאָבן פאַר די משרתים פון יעדן איינעם פון זיי...) און קודם כל — אַ יערלעכן שטייער דעם לאַנדפאָגט. דעם שוץ־בריוו פלעגן זיי מוזן באַנייען יעדעס מאָל, ווען דאָס אַמט פון לאַנדפאָגט איז צוריק אַריבערגעגאַנגען צום זעלבן קאַנטאָן, ד. ה., יעדע 16 יאָר. אויסגעשלאָסן פון באָדן־באַזיץ און פון גילדיעס פון בעלי־מלאכות, האָבן יידן זיך געמעגט פאַרנעמען נאָר מיט האַנדל און מיט געלט־לייען אויף אַ משכון, נישט אויף היפאָטעק. בפירוש איז אויך געווען דערלויבט יידן צו פאַרנעמען זיך מיטן קצבים־פאַך. נאָך אין דער נאַפּאָלעאָנישער תקופה האָבן אַרום זיבן־אַכטל פון יידן אין ביידע ישובים זיך פאַרנומען מיט פעדלעריי, האַנדל אויף יארידים און בהמות־האַנדל. דער האַנדל פון די יידישע דאָרף־גייער איז אָפט געווען קאָמבינירט מיט געלט־לייען: די הענדלער פלעגן אויך באָרגן געלט פויערן אויף אַ משכון פון אַ קו אָדער אַ מולטער תבואה. די קליינע עדה יידן האָט אויך צוגעשטעלט די הויפט־פאַרמיטלער אין האַנדל מיט באָדן אין דער גאַנצער גראַפשאַפט באדן.

הגם קיין הייזער האָבן יידן לויט די שוץ־בריוו פון 18טן י״ה, נישט געטאָרט קויפן, האָט זיך איינגעשטעלט אַ מנהג, אַז דער קויף איז געווען גילטיק, אויב נאָך דריי עפנטלעכע ליציטאַציעס האָט זיך נישט געפונען קיין קריסטלעכער קונה, וואָס זאָל געבן אַ געהעריקן פרייז. אַ טייל יידן האָבן טאַקע געוואוינט אין אייגענע הייזער מיט גערטנער און פאַרמאָגט אויך פעלדער; דאָס רוב האָבן יידן אָבער געוואוינט אין הייזער, וואָס זיי האָבן אָפגעדונגען פון די אייגנטימער. ביז צום י. 1792 האָבן יידן, לויט די באַשטימונגען פון שוץ־בריוו, בכלל נישט געטאָרט וואוינען מיט קריסטן אונטער איין דאַך; אין יענעם יאָר איז באַשטימט געוואָרן, אַז זיי דאַרפן דערויף האָבן אַ בפירושע דערלויבעניש פון לאַנדפאָגט. אויף די יארידים, וועלכע זיי האָבן באַזוכט איבערן גאַנצן לאַנד, בפרט אָבער אין צורצאַך, אין קאַנטאָן אַאַרגוי, האָבן זיי באַדאַרפט אַחוץ לייבצאָל אויך אָפצאָלן פון די סחורות דריי מאָל אַזוי פיל און פון פערד — נאָך מער, ווי די קריסטלעכע מאַרק־באַזוכער. כדי צו באַגרענעצן די צאָל יידן איז, לויטן שוץ־בריוו פון י. 1776, געווען פאַרבאָטן אומפאַרמעגלעכע בכלל

חתונה צו האָבן און אַ כלה פון אויסלאַנד האָט מען געמעגט ברענגען בלויז, אויב זי האָט מיטגעבראַכט נדן אַ מינימום פון 500 גילדן.

די קליינע גרופּע שווייצאַרישע יידן האָט דעריבער לויט איר סאָציאַל־עקאָנאָמישן צוזאַמענשטעל און עקאָנאָמישער ראָלע, ווי אויך לויט איר רעכטלעכער לאַגע פאַרגעשטעלט אַן ענלעך בילד ווי די יידישע ישובים אין שכנותדיקן דייטשלאַנד און עלזאַס־לאָטארינגיע. געדריקט און געפּענטעט דורך שווערע רעכטלעכע באַגרענעצונגען האָט די מערהייט פון דער יידישער עדה געצויגן חיונה פון פּעדלערײ און הענדלערײ, בעת אַן אויבערשטער שיכט האָט געזאַמלט באַדייטנדיקע רווחים פון קרעדיט און ספּעקולאַציע. דער דאָזיקער מיעוט איז דאָ, ווי אומעטום אין מערב־אייראָפּע געווען אַ פאַקטאָר אין דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג, וואָס האָט אויך אין דער אָפּגעשטאַנענער שווייצאַריע זיך פּאַמעלעך אָפּירגעהויבן און אַריינגעבראַכט אַ פערמענט אין דער פעאָדאַלער פויערן־ווירטשאַפט.

אויך דאָס יידישע קהילה־לעבן פון דעם קליינטשיקן, האַלב־דאָרפישן, האַלב־קליין־שטעטלדיקן ישוב האָט זיך געפירט לויט דעם זעלבן שטייגער ווי אין די שכנותדיקע לענדער. די צוויי קליינע עדה׳ס האָבן געהאַט יעדע באַזונדער איר שול, אין לענגנױ אויפגעבויט אין 1750, אין ענדינגען אין 1764, אָבער איין בית־עולם און איין רב. די קהילה האָט געצויגן אירע הכנסות פון פאַרמעגן־שטייער, שטייער אויף רווחים, חתונה־שטייער און אָפּצאָל פון פלייש און וויין. די שפּראַך פון ישוב איז ביז שפּעט אין 19טן י״ה געווען יידיש און נאָך לענגער האָט זיך דאָ דערהאַלטן דער יידישער פאָלקלאָר, וואָס איז באַשטאַנען פון אָריגינעלע וויגלידער, שבת־און הבדלה־לידער, פּורים־לידער און אויך כאַראַקטעריסטישע סאַטירעס אויף מאָדערנע דרכים, וואָס האָבן — אין 19טן י״ה — זיך אויך אין די דאָזיקע יידישע דערפער אַריינגעריסן. וועגן דער קולטור־מדרגה פון דעם פאַרוואָרפענעם קלענסטן ישוב אין אייראָפּע, זאָגט אויך געגנוגנד עדות אַן אָריגינעלע העברייאישע תפילה פאַר שלום, וואָס איז אין י. 1794 פאַרפאַסט געוואָרן דורך דעם אָרטיקן רב רפאל בן אברהם ריס. יידישע פאָלקס־קונסט האָט דאָ נאָך אין משך פון 19טן י״ה געבליט אין דער פאָרם פון שיין געהאַפּטענע מצה־טאַשן, אָריגינעלער טראַדיציאָנעלער פּרויען־טראַכט, מצבות־גראַווירונגען, פאַרצירטע לוחות א. ד. גל.

נאָך פאַר דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע האָבן אַ רײ אויפגעקלערטע שטאַטסמענער אין דער שווייץ אַרויסגערוקט צוזאַמען מיט זייער פּראָגראַם פון פּאָליטישע ענדערונגען די פאָדערונג צו רעפאָרמירן די רעכטלעכע לאַגע פון די ווינציקע יידן אין לאַנד. אין מערץ 1798 איז אויסגעבראָכן די שווייצער רעוואָלוציע, וואָס האָט מיט דער הילף פון

פראַנקרייך פאַרוואַנדלט דאָס פעדעראַליסטיש־פעאָדאַלע לאַנד אין אַן איינ־
הייטלעכער „העלוועטישער רעפובליק“. די נייע מלוכה איז אָרגאַני־
זירט געוואָרן לויטן פראַנצויזישן מוסטער מיט אַ דירעקטאָריע אַלס רע־
גירונג און אַ „גרויסן ראַט“ און סענאַט ווי צוויי געזעצגעבנדיקע קאַמערן.
די אָפּשאַפונג פון דער אונטערטעניקייט און די פּרינציפּיעל דעקלאַרירטע
גלייכקייט פון אַלע בירגער לויטן געזעץ האָבן געפאָדערט ווי אַ קאָנ־
סעקווענץ אויך די אָנערקענונג פון דער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן.

ניט געקוקט אויף דער מינימאַלער צאָל יידן, האָט אָבער די רעאַק־
ציע, וועלכע איז אין דער שווייץ, צוליב דעם קליינבירגערלעך־אַגראַרן צו־
זאַמענשטעל פון דער באַפעלקערונג געווען שטאַרקער ווי אין אַלע אַנ־
דערע נייע רעפובליקן, אַרויסגעוויזן אַ פאַרביטערט עקשנות יעדעס מאָל,
ווען די יידישע פראַגע איז געשטעלט געוואָרן אויפן סדר־היום. די פראַגע
וועגן יידישער עמאַנציפּאַציע איז אַזוי לאַנג אָפּגעלייגט געוואָרן, ביז עס
איז געקומען די פעדעראַליסטישע רעאַקציע, וואָס האָט צוריקגעגעבן די
גאַנצע מאַכט די קאַנטאָנען און ממילא בטל געמאַכט אפילו די פאָרמעלע
מעגלעכקייט צו באַהאַנדלען די פראַגע ווי אַן ענין פון גאַנצן לאַנד. הגם
די דעבאַטעס אין דער געזעצגעבנדיקער קערפּערשאַפט האָבן בכן נישט
געבראַכט כמעט קיין שום ממשותדיקע רעזולטאַטן, זיינען זיי באַלערנדיק
ווי אַ ביישפּיל פון דער גרופּירונג פון פּאָליטישע כוחות אין דער פראַגע
פון יידישער עמאַנציפּאַציע. פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן איז
אַרויסגעקומען די רעגירונג, וואָס האָט רעפּרעזענטירט די ניי־איינגע־
שטעלטע פּאָליטישע אָרדענונג ווי אויך די ראַדיקאַלע דעפּוטאַטן און
סענאַטאָרן, בפרט פון דער פראַנצויזישער שווייץ. די קעגנער פון דער
עמאַנציפּאַציע דריקן אויס אַחוץ פּאָליטיש־רעאַקציאָנערע, קלעריקאַלע מאָ־
טיוון אויך די בפירושע מורא פון אָפּגעשטאַנענעם קליינבירגערטום פאַר
דעם פאָראויסמאַרש פון קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט־פאַרהעלטענישן און
פאַר דער עקאָנאָמישער קאָנקורענץ מצד יידן.

נאָך אין י. 1797 איז די שווייצער קאָנפעדעראַציע אויף דער פאָדע־
רונג פון פראַנצויזישן געזאַנדטן באַרטעלעמי געווען געצוואונגען צו באַ־
פרייען פראַנצויזישע יידן אין לאַנד פון לייב־צאָל און אַנדערע באַזונדערע
יידישע אָפּצאָלן, הגם בתנאי, אַז „זיי זאָלן נישט טראָגן אויף זיך קיין שום
אויסערלעכן סימן פון זייער רעליגיע“. די דאָזיקע הנחה האָט, אָנשטאָט
אויסצוטרעטן אַ וועג פאַר דער עמאַנציפּאַציע פון די אָרטיקע יידן, נאָך
פאַרשטאַרקט דעם אַנטאַגאָניזם פון קליינבירגערטום אין דער פראַגע. נאָך
דער רעוואָלוציע, ווען געציילטע יידן זיינען טאַקע מיטגעקומען מיט די
פראַנצויזישע חיילות אַלס מאַרקעטאַנטן און הענדלער, זיינען שטאָטראַטן
און פּרעפעקטן פון אַ ריי ערטער אין דער דייטשער שווייץ נאָכאַנאַנד

אַרויסגעקומען צו דער רעגירונג מיט באַקלאָגענישן וועגן „דעמאָראַליזאַציע“ און „שווינדל“ פון יידישן האַנדל, אָדער סתם געפאָדערט אָפּצושאַפן די יידישע קאָנקורענץ. דעם 8טן מאַי 1798 האָט אין שייכות מיט אַ פאַרבאָט פון יידישן האַנדל דורך דעם קאַנטאָן פון אַרגוי דער דאָרטיקער דעפּוטאַט הערצאָג געפאָדערט פון גרויסן ראַט צו אָנערקענען דאָס רעכט פון יידן צו ווערן בירגער אין הסכם מיט די אָנגענומענע פּרינציפּן. אים האָט וואַרעם אונטערשטיצט דער דעפּוטאַט צימערמאַן, וועלכער האָט דערקלערט, אַז ער וואָלט נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די חרפּה פון אָפּלייגן אַן ענין פון מענטשן־רעכט ; אַחוץ סעקרעטאַן — דער דעפּוטאַט פון לאָזאַן און שפּעטערדיקער מיטגליד פון דירעקטאָריאַט, וועלכער האָט ציטירט די אַנטשפּרעכנדיקע אַרטיקלען פון דער קאָנסטיטוציע. דער ראַט האָט אָבער געשטימט פאַר דעם פאָרשלאַג פון הובער איבערצוגעבן דעם ענין אַ קאָמיסיע, אין וועלכער עס זיינען אַריין 4 מיטגלידער אָנהענגער פון גלייכבאַרעכטיקונג, צווישן זיי הערצאָג און סעקרעטאַן און הובער, אַלס פינפטער. דערווייל האָט בלויז דער ראַט דעם 31טן מאַי, נישט געקוקט אויף דער קעגנערשאַפט פון דעם זעלבן רעכטן פליגל, אויפן פאָרשלאַג פון דירעקטאָריאַט באַשלאָסן אָפּצושאַפן אין פּרינציפּ דעם לייב־אָפּצאָל און אַנדערע באַזונדערע אָפּצאָלן פון יידן אַלס יידן, און דעם 1טן יוני איז דער דאָזיקער באַשלוס, נאָך אַן ענלעכן וויכוח, באַשטעטיקט געוואָרן דורך דעם סענאַט.

אויב אין דער פראַגע פון בטל מאַכן דעם לייב־צאָל האָט דער פּאַרלאַמענט נישט געהאַט קיין העזה זיך אַנטקעגנשטעלן, בעת דער פּרעזידענט פון סענאַט האָט בפירוש באַצייכנט דעם ענין ווי „אַ געשריי פון נאַטור און מענטשלעכקייט“, האָט די פראַגע פון גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן אפילו בלויז אין בירגערלעכן זין, שוין אָפּגערעדט פון פּאָליטישע רעכט, אָנגעטראָפן אויף אַ דעצידירטן ווידערשטאַנד מצד דער פּאַרלאַמענט־מערהייט. גלייכצייטיק מיט די פּאַרלאַמענטאַרישע דעבאַטן איז אָנגעפירט געוואָרן אַ סיסטעמאַטישע אַנטי־יידישע אַגיטאַציע איבערן לאַנד און דער גלח פון ענדינגען האָט אַרויסגעלאָזט אַ בראָשורע מיט אַ וואָרנונג קעגן דער מכלומרשטער סכנה פאַרן קריסטנטום מצד יידן.

די דעבאַטע וועגן יידן איז באַנייט געוואָרן אין גרויסן ראַט דעם 8טן אויגוסט 1798 אויפן פאָרשלאַג פון דירעקטאָריאַט וועגן דער בירגער־שבועה. היות אין דער גאַנצער רעפּובליק זיינען די באַוואוינער געווען מחויב אָפּצוגעבן אַזאַ שבועה, איז דער פּאַרלאַמענט אָנגעפרעגט געוואָרן, צי דער דאָזיקער חוב איז אויך חל אויף די יידן אין ענדינגען און לענגנוי. די רעכטע האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס צולאָזן די יידן צו דער שבועה וועט זיין אַ פּרעצעדענט פאַר גלייכבאַרעכטיקונג און אַרויסגערוקט די זעלבע טענות, ווי די קעגנער פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע אין דער

נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אין פראַנקרייך און אין האָלאַנד, וועגן יידישן סעפּאַראַטיזם; איינער, קוהן, האָט אפילו געוואוסט צו דערציילן, אַז דער תּלמוד באַפרייט לכתּחילה יידן פון האַלטן אַ שבועה לגבי קריסטן. אַחוץ דעפּוטאַט עשער, וואָס האָט זיך פאַררופן אויף דער קאָנסטיטוציע, האָט דאָס מאָל ווידער סעקרעטאַן אויף זיך גענומען די פאַרטיידיקונג פון יידן: „וואו איז דער חילוק, — האָט ער געפרעגט, — צווישן זייער רעליגיע און אונדזערער, אַחוץ דעם, וואָס זיי וואַרטן אויף משיחן און מיר האַלטן, אַז מיר האָבן אים שוין?“ אויף דער טענה פון הובער, אַז יידן ווילן נישט עסן און טרינקען מיט קריסטן ביי איין טיש און ווילן זיך נישט מיט זיי משדך זיין, האָט ער געענטפערט, אַז דאָס איז די שולד פון קריסטן גופא, וואָס זיי שטויסן די יידן אָפּ פון זיך. דער ראַט האָט באַשלאָסן איבערצושיקן דעם ענין אַ קאָמיסיע.

דעם 16טן אויגוסט האָבן סעקרעטאַן און הובער אין נאָמען פון דער קאָמיסיע פאָרגעלייגט דעם ראַט צוצולאָזן צו דער בירגער־שבועה אַלע יידן, וואָס וואוינען אין לאַנד 20 יאָר און ברענגען אַ צייגניש פון זייער וואוין־אָרט וועגן גוטער אויפפירונג און גוטע מידות. דערצו האָבן זיי אויך געדאַרפט ביילייגן אַ שריפטלעכע דעקלאַראַציע לויט אַ פעסטגעשטעלטן נוסח, וועגן „אָפּזאָגן זיך פון יעדן אַנדערן רעכט און יעדער ציווילער און פאָליטישער פאַרפליכטונג, וואָס איז אין סתירה מיט דעם דערמאָנטן התחייבות“ (לגבי שווייצאַריע). נישט געקוקט אויף די אַלע באַוואָרענישן קעגן דעם מכלומרשטן יידישן פאַרטיקולאַריזם, נישט געקוקט אויך דערויף, וואָס הובער האָט אויפגעקלערט, אַז דער ענין פון רעכט פאַר יידן ווערט דערמיט לחלוטין נישט אַנטשידן, האָט זיך אַנטוויקלט אַ הייסע דיסקוסיע, וואָס האָט געדויערט צוויי טעג נאָכאַנאַנד. די רעכטע האָבן דאָס מאָל באַזונדער אַרויסגערוקט דעם אַרגומענט וועגן דער פאַרבינדונג פון יידן מיט ארץ־ישראל. „זיי דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון יעדן אַנדערן בירגער־רעכט, — האָט איין דעפּוטאַט געטענהט, — צי וועלן זיי זיך אויך אָפּזאָגן פון בירגער־רעכט פון ירושלים?“ „זיי לעבן בלויז מיט דער האָפענונג אויף אַ נייעם פּאָליטישן מצב“ — ד. ה. אויף אַן אייגענער מלוכה, האָט צוגעגעבן אַ צווייטער פון זעלבן חדר, גמור, אַ זאַקלאָגישער יידן־האַסער. „צי איז דען פאַראַן עפּעס מער אָפּשטויסנדיק ווי יידן?“ האָט ער אויסגערופן און פונקט ווי זיינע חברים געשטעמפלט יידן, ווי שווינדלער און וואוכערניקעס, וואָס שטעלן די באַפעלקערונג בדלות.

די דעפּוטאַטן סעקרעטאַן, הערצאָג, סוטער און קאַראַר האָבן מיט לאָגיק און פאַקטאָס נאָכאַנאַנד געפרואווט אויפצואווייזן די נישטיקייט און דעמאַגאָגיע פון די קעגנערישע אַרגומענטן. סעקרעטאַן, וואָס האָט ווידער

געהאַלטן די לענגסטע רעדע, האָט אָנגעוויזן אויף דער עקאָנאָמישער ראָלע פון יידן אין אַמאָליקן פּאָרטוגאַל, אין האָלאַנד און אין באָרדאָ, ווי אויך אויף די דערגרייכונגען פון יידן אויפן געביט פון גייסט, דערמאָנענדיק ווי אַ ביישפּיל משה מענדעלסאָן. ער האָט אַפּעלירט צום פּאַרלאַמענט נאָכ־צוטאָן דעם ביישפּיל פון דער „מוטער רעפּובליק" (פראַנקרייך) און פון די „שוועסטער־רעפּובליקן", די ציסאַלפּינישע (איטאַליענישע) און באַ־טאַווישע (האָלענדישע) און איינצוזען, אַז „די צייט פון זייער באַפרייאונג איז געקומען!". די טענה וועגן יידישן פּאַרטיקולאַריזם האָט ער אָפּגע־װענדט מיט דער פראַגע: „צי האָבן זיי אַ קיניג, אַ סענאַט, אַ געזעצגעבנ־דיקע קערפּערשאַפט?" סוטער האָט אויף דער טענה וועגן יידישן וואוכער אויסגערופן: „בירגער! צי זיינען מיר, קריסטן, נישט געווען ביז היינט לגבי זיי די שרעקלעכסטע וואוכערער? צי האָבן מיר זיי נישט פאַרקויפט — איך זאָג עס מיט אַ ציטער פון שוידער —דאָס רעכט אויף חיונה און אויף צו לעבן?"

דער „גרויסער ראַט" האָט אָבער מיט אַ רוב שטימען אָפּגעוואָרפן אפילו דעם מאָדיפיצירטן פאָרשלאָג, וועלכן די קאָמיסיע האָט אַריינגע־טראָגן אין צווייטן טאָג פון דער דיסקוסיע און צומאַרגנס, דעם 18טן אויגוסט, האָט אויך דער סענאַט, נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע, באַשלאָסן דאָס זעלבע: אָפּצוּוואַרטן מיט דעם ענין וועגן צולאָזן יידן צו דער בירגער־שבועה, כל־זמן עס וועט נישט אַנטשידן ווערן די פראַגע וועגן די פּאָליטישע רעכט פון יידן. אויך די אויסבעסערונג פון הערצאָג, אונטער־שטיצט פון סעקרעטאַן, אַז דער דירעקטאָריאַט זאָל דערווייל פאַראָרדענען, יידן זאָל מעגן זיך באַשעפטיקן מיט אַלע פּראָפעסיעס און פאַרנעמען זיך מיט לאַנדווירטשאַפט, איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

ערשט אַ האַלב יאָר שפּעטער, דעם 5טן פעברואַר, 1799, איז די קאָמיסיע, וואָס איז געהאַט אויסגעקליבן געוואָרן מאַי 1798, געקומען פאַר דעם פּלענום פון דעם „גרויסן ראַט" מיט אַ באַריכט וועגן דער יידישער רעכטלעכער לאַגע. סיי די קלאָרע באַשטימונגען פון דער קאָנ־סטיטוציע, סיי דער „שכל הישר", האָט הובער דערקלערט אין נאָמען פון דער קאָמיסיע, זיינען מחייב צו געבן יידן דאָס פולע בירגער־רעכט; פונ־דעסטוועגן האַלט די קאָמיסיע, אַז די לייזונג פון דער דאָזיקער וויכטי־קער פראַגע דאַרף אָפּגעלייגט ווערן „ביז צו אַ גינסטיקערער און רואי־קערער צייט". דערווייל האָט די קאָמיסיע פאָרגעלייגט צו זיכערן יידן אַלע רעכט פון באַוואוינער פון שוויצאַריע, אַחוץ פּאָליטישע רעכט.

מיט אַזאַ פאָרשלאָג איז געקומען די קאָמיסיע נאָכדעם, ווי זי האָט זיך באַקענט מיט דער מיינונג פון דייטשע און פראַנצויזישע רבנים, וואָס האָבן פאַרזיכערט, אַז די יידישע רעליגיע איז מחייב צו זיין גוטע בירגער

פון לאַנד און נאָכדעם, ווי די ייִדישע תושבים פון באַדן האָבן אויף אַן אַנפּראַגע געענטפערט אין דעם זעלבן זין. הגם די קאָמיסיע האָט בפירוש קאַפּיטולירט פאַר די רעאַקציאָנערע אַנטי־ייִדישע שטימונגען פון אַפּגע־שטאַנענעם קליינבירגערטום און באַגנוגנט זיך מיט דער פאָדערונג פון בלויז ציווילע רעכט פאַר ייִדן, האָט דער פאַרשלאַג אַרויסגערופן אַ הי־ציקע דיסקוסיע. איינער פון די קעגנער, אַנדערוועדט, האָט אויסגערופן: „אַלע נייע רעפּובליקן האָבן פאַרזיכערט די פּאָליטישע רעכט פון די ייִדן; מיר וועלן זיי דאָס נישט געבן, אָבער מיר וועלן געבן אייראָפּע די מאָ־טיוון פון אונדזער אָפּזאָג״ . . .

דער ענין איז אָפּגעלייגט געוואָרן ביז צום 12טן פעברואַר, ווען עס איז באַנייט געוואָרן די דיסקוסיע, וואָס האָט זיך געצויגן צוויי טעג נאָכ־אַנאַנד. דער יסוד פון דער דיסקוסיע איז שוין דאָס מאָל נישט געווען דער אַרטיקל 19 פון דער קאָנסטיטוציע, וואָס האָט גאַראַנטירט גלייכע בירגער־רעכט פאַר אַלע תושבים, געבוירענע אין דער שווייץ, נאָר דער אַרטיקל 20, וואָס האָט פאַראויסגעזען בירגער־רעכט אויך פאַר פרעמדע אונ־טער אַזעלכע באַדינגונגען: אַ מינימום פון צוואַנציק יאָר וואוינען אין לאַנד, נוצלעכקייט פאַרן לאַנד און אַן אָפּיציעלע ציגעניש וועגן גוטער אויפפירונג. אַ טייל דעפּוטאַטן, ווי פעלעגריני און עשער, האָבן נישט מסכים געווען מיטן באַריכט וועגן אָפּלייגן די פראַגע פון פּאָליטישער רעכט, נאָר געפאָדערט צו באַשליסן באַלד פולע גלייכבאַרעכטיקונג פון ייִדן אויפן יסוד פון אַרטיקל 20, ד. ה. ווי נאַטוראַליזירטע פרעמדע.

ווי וויכט עס האָט דערביי געשפּילט אַ ראָלע די פּרינציפּיעלע פּאָלי־טישע שטעלונג, קאָן מען זען פון דער רעדע פון עשער. ער האָט אָנ־געהויבן פון דער דערקלערונג: „איך האָב נישט ליב קיין ייִדן און איך בין נישט קיין אָנהענגער פון זייער אויפפירונג; אָבער בעת עס האַנדלט זיך וועגן באַשטימען די פּאָליטישע לאַגע פון אַ קלאַס מענטשן, באַפריי איך זיך פון אַלע פאַראורטיילן און איך שטיי זיך אויף דער קאָנסטי־טוציע...״ דעם דעפּוטאַט קוסטאַר, וואָס האָט אַרגומענטירט קעגן ייִדי־שער גלייכבאַרעכטיקונג, האָט עשער דערמאָנט, אַז לויט די אַלטע „אַריס־טאָקראַטישע געזעצן״ וואָלט ער אַלס קאַטאָליק, נישט געהאַט קיין רעכט צו וואוינען אין אַ קאַנטאָן מיט אַ פּראָטעסטאַנטישער באַפעלקערונג. סעקרעטאַן האָט אין זיין רעדע אויסגערופן: „איך דערקלער אויפן קול פאַר די פאָטערס פון העלוועטיע: די ייִדן, וואָס וואוינען דאָ זיינען אַלע בירגער.. איך וויל נישט בשום אופן, אַז מיינע קינדער, לייענענדיק די געשיכטע פון זייער פאָטערלאַנד, זאָלן קאָנען פאַרוואַרפן זייער פאָטער די חרפה פון אַ דעקרעט, וואָס פאַרשוועכט אַלע פּרינציפּן פון שכל און פון מענטשלעכקייט.״

סוטער האָט אויפגעמישט די געשיכטע פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין מיטלאַלטער און דערמאָנענדיק ווי די רוימישע קיסרים האָבן אַמאָל געגעבן יידן בירגער־רעכט, האָט ער מיט פאַטאָס אויסגעפירט: „און מיר, די רעפרעזענטאַנטן פון דער פרייער העלוועטיע, מיר זאָלן אָפזאָגן די דאָזיקע אומגליקלעכע, דאָס, וואָס אַ טיראַן האָט זיי גאַראַנטירט?“ אויף דער טענה, אַז דאָס פאָלק איז קעגן יידן, האָט הערצאָג געענטפערט: „איך אָנערקען נישט דאָס געשריי פון פאָלק, אויב דאָס איז אַ געשריי קעגן גערעכטיקייט“. זייער וואַרעם האָבן פאַרטיידיקט די יידישע רעכט עטלעכע דעפוטאַטן פון די פראַנצויזישע קאַנטאָנען, ווי גאַפאַני, בילעטער, בורשוא.

די רעאַקציאָנערע דעפוטאַטן האָבן זיך אויך מיט דער קאָנסטיטוציע אַן עצה געגעבן, טענהנדיק, אַז יידן אַנטשפרעכן נישט לכתחילה די באַדינגונגען פון נאַטוראַליזאַציע פון פרעמדע, היות מען דאַרף רעכענען בלויז די צייט פון וואוינען אין לאַנד זינט די קאָנסטיטוציע איז פראָקלאַמירט געוואָרן, און היות די יידן זיינען שעדלעך פאַרן לאַנד און זיינען נישט אימשטאַנד צו ברענגען צייגענישן וועגן גוטער אויפפירונג. נאָכאַמאָל האָבן זיי איבערגעחזרט אַלע אַרגומענטן וועגן יידישן וואוכער און שווינדל, וועגן יידישן פאַרטיקולאַריזם און וועגן דער האָפענונג פון יידן אויף משיחן.

דער דעפוטאַט עלמלינגער האָט דעמאַגאָגיש אויסגענוצט דעם פאַקט, וואָס נאַפאָלעאָן האָט פונקט דעמאָלט זיך געפונען אויפן מאַרש קיין ארץ־ישראל, וואו ער האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו יידן פון דער וועלט וועגן צוריקאויפשטעלן אַ יידישע מדינה. עלמלינגער האָט פאַרענדיקט זיין גיפטיקע אַנטי־יידישע רעדע מיט אַן אויסרוף, טייטלנדיק מיטן פינגער אויף די יידן, וואָס האָבן זיך אויף דער גאַלעריע צוגעהערט צו דער דעבאַטע: „זאָלן זיי גיין, זאָלן זיי גיין בעטן באָנאַפאַרטן, ער זאָל זיי פירן קיין ירושלים...“ הגם זיין אויסרוף האָט אַרויסגערופן אַ טומל, און דער פאָרזיצער האָט ביי אים צוגענומען דאָס וואָרט, האָט די מערהייט דעפוטאַטן ווייטער זיך אַרויסגעזאָגט אפילו קעגן דעם פאָרשלאַג פון דער קאָמיסיע וועגן ציווילע רעכט פאַר יידן, און אַ טייל האָבן אויסגעגאָסן אויף יידן זייער גאַל פונקט אַזוי אָפן און חוצפהדיק ווי עלמלינגער. „צי זאָל מען אַוועקרייסן פון פאָלק, דאָס שטיקל ברויט, וואָס איז אים געבליבן, און עס אַוועקגעבן אַ פיינטלעכער נאַציע?“, — האָט איינער פון זיי געוואָרפן אַ פראַגע. צום סוף האָט דער „גרויסער ראַט“ אָנגענומען מיט אַ מערהייט שטימען דעם פאָרשלאָג, „אָפצוואַרפן די פעטיציע פון יידן ביז זיי וועלן אויספירן די באַדינגונגען פון אַרטיקל 20 פון דער קאָנסטיטוציע און לעת עתה זיי שטעלן אונטער די טובות פון אַריינגעטראָ־

געגעם געזעץ וועגן פרעמדע״.

צווי טעג, דעם 4טן און 5טן מערץ, 1799, האָט זיך נאָך אין סענאַט געפירט אַ דיסקוסיע וועגן פּראָיעקט פון דער קאָמיסיע, מיט אַן ענלעכער צעטיילונג פון די צוויי פּאָליטישע לאַגערן. צו דער זיצונג פון סענאַט האָט שוין די רעאַקציע אויך באַוויזן צו מאָביליזירן די „שטימונג פון פאָלק״. די קאַנטאָנען טורגוי און באַדן האָבן אַריינגעשיקט פּעטיציעס, וואו זיי האָבן באַשולדיקט יידן, אַז אָנשטאָט צו פאַרנעמען זיך מיט ערד־אַרבעט, קויפן זיי אָפּ גיטער און פאַרפּאַכטן זיי פאַר הויכע פּרייזן. אין דער פּע־טיציע פון די בירגער פון באַדן איז אויך אָנגעוויזן געוואָרן, אַז יידן „האָבן נישט קיין אַנדער פאָטערלאַנד ווי ירושלים, וואוהין זיי האָפן בקרוב זיך צוריק אומקערן״.

דווקא די צוויי געמיינדעס, וואו די יידן האָבן געוואוינט, ענדינגען און לענגנוי, האָבן אין זייער פּעטיציע אַרויסגעוויזן אַ גינסטיקערע באַציאונג צום ענין פון גלייכבאַרעכטיקונג. אָנערקענענדיק, אַז „עס איז שוין גע־קומען די צייט צו בייגן זיך פאַר די פּרינציפּן״, האָבן זיי געפאָדערט פון סענאַט אָפּצוואַרטן מיט אַ באַשלוס, כל זמן ער וועט נישט האָבן גע־נויע אינפאָרמאַציע וועגן דער אויפפירונג פון יידן. נאָך דער צוויי־טאָגיקער דעבאַטע האָט דער סענאַט מיט אַ גרויסער מערהייט, אָפּגע־וואָרפן דעם פאָרשלאָג פון דער קאָמיסיע מזכה צו זיין יידן מיט ציווילע רעכט: די ראַדיקאַלע דעפּוטאַטן האָבן געהאַלטן, אַז לויט דער קאָנסטי־טוציע און פּרינציפּן פון יושר קומט יידן אויך פּאָליטישע גלייכבאַרעכ־טיקונג, בעת די קעגנער האָבן אפילו צו קיין ציווילער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן נישט געוואָלט צולאָזן.

נאָכדעם ווי ביידע קאַמערן פון פּאַרלאַמענט פון דער העלוועטישער רעפּובליק האָבן אויף אַזאַ אופן מיט אַ מערהייט זיך אָפּגעזאָגט צו ענדערן די רעכטלעכע לאַגע פון הייפל שווייצאַרישע יידן, האָט דער דירעקטאָ־ריאַט אין זיינע קאָמפּעטענצן אַלס רעגירונג באַשלאָסן אַדורכצופירן לכל הפּחות די רעפאָרם, וואָס איז אַרויסגעדרונגען פון דער רעזאָלוציע פון „גרויסן ראָט״ וועגן באַהאַנדלען יידן ווי פרעמדע. דער פּאַרוואַלטער פון קאַנטאָן באַדן האָט באַקומען אינסטרוקציעס וועגן דערלויבן יידן צו וואוינען אין קאַנטאָן אויך מחוץ די צוויי קהילות און צו דערווערבן לאַנד־איינגנטום.

די ירידה פון דער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך האָט דערמוטיקט די רעאַקציאָנערע עלעמענטן אין שווייצאַריע, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אויף אַ געלעגנהייט אומצוואַרפן די נייע אָרדענונג. אין זומער 1802, ווען די פראַנצויזישע חילות האָבן זיך צוריקגעצויגן פון לאַנד, זיינען אויס־געבראָכן אין פאַרשיידענע געגנטן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדן.

די רעאַקציע האָט אויך אָרגאַניזירט אַ מאַסן־אָנפאַל פון אויפגעהעצטע פויערן קעגן די צוויי עדה׳ס יידן. רייטערס זיינען צעשיקט געוואָרן איבער דער גאַנצער געגנט און גערופן צו מאָביליזירן זיך צו דער מלחמה קעגן די יידן אין ענדינגען און לענגנוי. דעם 21טן סעפטעמבער האָבן הונדערטער פויערן אַריינגעמאַרשירט אין די צוויי דערפער, צעהאַקט טירן און פענצטער און אויסגערויבט די הייזער פון יידן, ביז צום גרונט. די שווייצער יידן פלעגן נאָך אין משך פון 19טן י״ה אָפּהיטן אַ תענית אין ערשטן טאָג סליחות צום אָנדענק פון דעם פּאָגראָם פון יענעם יאָר.

די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין שווייצאַריע איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן דורך דעם „מעדיאַציע״ (בוררות)־אַקט פון נאַפּאָלעאָן אין אָנהייב 1803. מיט דעם הסכם פון פראַנקרייך איז אין לאַנד צוריק־איינגעשטעלט געוואָרן דער סיסטעם פון אַ לויזער פעדעראַציע, וואו יעדער קאַנטאָן האָט זעלבשטענדיק באַשטימט אַלע אינערלעכע פראַגן. דאָס האָט אויך ענדגילטיק געחתמעט די פראַגע פון יידישער גלייכבאַרעכטיקונג. ווען די יידן האָבן אין 1803 זיך געווענדט צו דעם ראַט פון דער פעדעראַציע וועגן גלייכבאַרעכטיקונג אין עקאָנאָמישן לעבן און בנוגע שטייערן, אָפּזאָגנדיק זיך בפירוש פון פּאָליטישע רעכט, איז באַשלאָסן געוואָרן דעם ענין אָפּצולייגן אויף אַ יאָר, הגם דער פראַנצויזישער געזאַנדטער, גענעראַל ניי האָט די פּעטיציע אונטערשטיצט. אין י. 1804, ווען דער ענין איז געבראַכט געוואָרן אויף דעם סדר היום, האָט די דעלעגאַציע פון קאַנטאָן אַארגוי, צו וועלכער עס האָט איצט אויך געהערט דער אַמאָליקער קאַנטאָן באַדן, דערקלערט, אַז לויט דעם נייעם פּאָליטישן סיסטעם, קען בלויז די קאַנטאָן־רעגירונג באַשליסן די פראַגע. דער ראַט פון דער פעדעראַציע האָט דערויף מסכים געווען און די פראַגע פון יידישע רעכט איז איצט באַהאַנדלט געוואָרן אויסשליסלעך דורך דער רעגירונג און דעם ראַט פון קאַנטאָן. די רעגירונג פון קאַנטאָן אַארגוי האָט לכתחילה, אין י. 1805, אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט, וואָס האָט פאַראויסגעזען רעכט פון קאַנטאָן־בירגער — אַחוץ פּאָליטישע רעכט, פון וועלכע יידן אַליין האָבן זיך געהאַט אָפּגעזאָגט, פאַר אַלע יידן וואָס האָבן געוואוינט אין קאַנטאָן 20 יאָר ביז 1798. דער גרויסער ראַט פון קאַנטאָן האָט אָבער דעם פּראָיעקט אָפּגעוואָרפן און ערשט אין י. 1809 (דעם 5טן מאַי) האָט ער באַשטעטיקט אַ „געזעץ וועגן יידן, וואָס האַלטן זיך אויף אין קאַנטאָן״. אָנשטאָט בירגער־רעכט איז יידן אין ביידע קהילות געגעבן געוואָרן „שוץ־רעכט״, ווי אין די אַלטע צייטן פאַר דער רעוואָלוציע, בלויז מיט דעם חילוק, וואָס יידן זיינען איצט געוואָרן אונטערגעוואָרפן אַלע פאַראָרדענונגען און פּאָליציי־פאַרשריפטן פון קאַנטאָן. דאָס רעכט צו וואוינען אין קאַנטאָן מחוץ די צוויי קהילות איז געווען אָפּהענגיק פון צייגענישן וועגן

געלערנטקייט אָדער פאַך־ספּעציאַליזאַציע, ד. ה. באַדינגונגען, וואָס די רעגירונג אַליין האָט נישט דערלאָזט אויסצופירן און ממילא איז ביז אין די פערציקער יאָרן אפילו נישט פאָרגעקומען קיין איין פאַל, וואו אַ שווייצער ייד זאָל האָבן געגאָסן פון דעם דאָזיקן רעכט. אין אַנדערע קאַנטאָנען, אין די שטעט באַזל, ציריך און בערן, אין דער געגנט פון זשענעוו און אין נײַ־שאַטעל האָבן דווקא אײַנצעלנע פרעמדע יידן, בפרט פון פראַנקרייך, זיך באַזעצט אויפן יסוד פון רעכט פאַר אויסלענדער. אויך די דערלויבעניש פון דער קאַנטאָן־רעגירונג, פאַר יידן צו באַשעפטיקן זיך מיט מלאכה און לאַנדווירטשאַפט, איז געווען אילוזאָריש, היות יידן האָבן ניט געטאָרט קויפן קיין גיטער און קריסטלעכע בעלי־מלאכות האָבן נישט אויפגענומען קיין יידישע לערן־ייִנגלעך. אפילו דאָס רעכט פון יידן חתונה צו האָבן איז געווען אָפּהענגיק פון הסכם פון דער קאַנטאָן־רעגירונג, וועלכע האָט געשטעלט באַדינגונגען וועגן עלטער פון חתן־כלה, זייער פאַרמעגן־צושטאַנד און באַרוף פון חתן. דערפאַר האָט די רעגירונג „פאַטערלעך" געזאָרגט פאַר דייטשער דערציאונג פון יידישע קינדער און אין י. 1813 באַפוילן די בײדע קהילות אויפצושטעלן שולן אונטער דער השגחה פון דער שולמאַכט פון קאַנטאָן. יידן האָבן אָבער קיין סימפּאַטיע פאַר די צוואַנג־שולן נישט אַרויסגעוויזן ; ביז אין אָנהייב פון די 20קער יאָרן האָט וויניקער ווי אַ דריטל ייִנגלעך אין שול־עלטער באַזוכט די שולן, און מיידלעך האָט מען בכלל אין די שולן נישט געשיקט.

עס איז לחלוטין נישט קיין צופאַל, וואָס דאָס רעאַקציאָנערע יידן־געזעץ, וואָס האָט פאַרשקלאַפט די עדה שווייצאַרישע יידן אויף לאַנגע צענדליקער יאָרן, איז אײַנגעפירט געוואָרן אין קאַנטאָן אַאַרגוי אַ יאָר נאָך דעם, ווי נאַפּאָלעאָן האָט אין פראַנקרייך אַרויסגעלאָזט דעם שענד־לעכן דעקרעט. די אַנטי־יידישע רעאַקציע, וואָס האָט פאַראויסמאַרשירט אין פראַנקרייך אונטער נאַפּאָלעאָן, איז אויפגעכאַפּט געוואָרן מיט דער גרעסטער צופרידנקייט אין שווייצאַריע, וואו די דערגרייכונגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע זײַנען געהאַט לרוב פאַרשניטן געוואָרן, נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן צו שלאָגן וואָרצלען.

סוף

הוספות

א.

פון די דרשות פון חזן גרשם מענדעס סייסאס *

(זע זייטן 139־141 אין בוך גופא)

פון דער דרשה צום „טאָג פון דאַנק״ („טענקסגיווינג־דעי״), דעם 19טן דעצעמבער, 1799:

"The many recent events that have regularly preceded each other both in the moral and the physical world, are sure and certain evidences of the authenticity of divine revelation; and to a reflective mind, must necessarily appear as corroborating circumstances, to evince the near approach of the great and glorious Day, when that we shall be purged of our sins, and again be restored from this long and gloomy captivity, to inherit the land which was promised to our Fathers Abraham, Isaac, Jacob, for them and their seed for ever, provided we obeyed the divine Law, but through the multitude of our Sins, and the Sins of our Progenitors, we have been driven from our right of possession, and we are now wandering exiles, throughout the habitable Globe, and as these Prophecies have been regularly and literally fulfilled hitherto, we have sufficient reason to believe, that every other divine prediction will sooner or later be accomplished. That we shall again be gathered together from all 'corners of the Earth' and be reinstated in our own land, wherein we shall dwell in safety in Peace, in Happiness."

(„די וואָס אַמאָל נייע געשעענישן, וואָס האָבן זיך געטראָפן כסדר נאָכאַנאַנד סיי אין דער רוחניותדיקער, סיי אין דער גשמיותדיקער וועלט,

---

* בעת די צוויי דרשות פון די יאָרן 1789 און 1798 זיינען אין די זעלבע יאָרן אַרויס אין דרוק אַלס בראָשורן, זיינען אַלע שפּעטערדיקע דרשות פון חזן סייסאס ביז היינט נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. זיי געפינען זיך אין כתב־יד אין דער לייאָנס־זאַמלונג אין אַרכיוו פון דער „אַמעריקען דזשואיש היסטאָריקאל סאָסייעטי״ אין ניו־יאָרק.

זייַנען זיכערע און באַשטימטע ראיות וועגן דער אמתדיקייט פון גאָטס אַנטפּלעקונג; און פּאַר אַ מענטש, וואָס פאַרטראַכט זיך נאָר, מוזן זיי דורכאויס אויסקומען ווי אַ באַשטעטיקונג, וואָס באַווייזט, אַז עס דערנענטערט זיך גיך דער גרויסער און הערלעכער טאָג, ווען מיר וועלן זיין גערייניקט פון אונדזערע זינד, און מיר וועלן ווידער אויסגעלייזט ווערן פון דעם דאָזיקן לאַנגן און פינצטערן גלות, כדי צו ירשענען דאָס לאַנד, וואָס איז צוגעזאָגט געוואָרן אונדזערע אבות אברהם, יצחק, יעקב און זייערע קינדער אויף אייביק, בתנאי, אַז מיר וועלן האָבן געפּאָלגט גאָטס תורה; אָבער איבער אונדזערע פילע זינד און די זינד פון אונדזערע עלטערן, זייַנען מיר פאַרטריבן געוואָרן פון דעם רעכט אויף אונדזער נחלה און מיר זייַנען איצט וואַנדערנדיקע גולים איבער דעם גאַנצן באַוואוינטן ערד־באַלעם; און היות ווי די דאָזיקע נביאות זייַנען כסדר ווערטערלעך מקויים געוואָרן ביז אַהער, האָבן מיר אַ גענוגנדיקן גרונט צו גלייבן, אַז אַלע אונדזערע געטלעכע פאַראויסזאָגונגען וועלן פריער צי שפּעטער אויסגעפירט ווערן, אַז מיר וועלן ווידער ווערן איינגעזאַמלט אַלע צוזאַמען פון אַלע עקן פון דער ערד און מיר וועלן צוריקאויפגעשטעלט ווערן אין אונדזער אייגן לאַנד, וואו מיר וועלן וואוינען אין זיכערקייט, אין שלום און אין גליק".)

ווייזט אויס, אַז צווישן די „וואָס אַמאָל נייע געשעענישן", וואָס דער דרשן ברענגט ווי אַ ראיה, אַז די גאולה איז נאָענט, האָט ער בעיקר אין זין נאַפּאָלעאָנס איינגעמען ארץ־ישראל, וואָס איז פאָרגעקומען אין פרילינג פון יענעם יאָר, 1799. היות עס זייַנען אָבער אַדורך עטלעכע יאָר, און די האָפענונגען, וואָס מען האָט פאַרבונדן מיט נאַפּאָלעאָנס פּלענער אין ארץ־ישראל, האָבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט, איז אויך סיישאַס געוואָרן פאָרזיכטיקער אין זיין אַרויסקוקן אויף דער נאָענטער גאולה. די דאָזיקע פאָרזיכטיקייט איז געקומען צום אויסדרוק אין זייַנס אַ דרשה, וואָס איר דאַטע איז נישט פאַרצייכנט, מען קען זי אָבער באַשטימען בערך נאָך דעם יאָר 1801, ווייל עס ווערט דאָרט דערמאָנט די גרויסע עפּידעמיע אין ניו־יאָרק. אין דער דאָזיקער דרשה שטעלט זיך אָפּ סיישאַס אויף „...דעם דאָזיקן לאַנגן און עלנטן גלות, וואָס מיר האַלטן אויס שוין איבער זיבעצן הונדערט יאָר זינט דעם לעצטן חורבן פון ירושלים, און ווי לאַנג נאָך עס וועט זיך ציען, קען דער מענטשלעכער שכל נישט פעסטשטעלן".

("—this long and miserable captivity, which we have already endured upwards of seventeen centuries, calculating from the time of the final destruction of Jerusalem and how

much longer it is to continue cannot be ascertained by human skill.")

אין אַן אַנדערער דרשה — אין אַ „טאָג פון דאַנק", וואו די דאַטע איז אויך נישט פאַרצייכנט, וואָס שטאַמט אָבער, ווי עס ווייזט אויס, פון י. 1804, רופט דער דרשן צו תשובה, ווייל אָן איר וועבדט זיך די גאולה, קיבוץ גלויות אין אייגענעם לאַנד און אונטער אַן אייגענער רעגירונג:

"—that He will gather us again from all corners of the earth, wherein we shall be scattered, and reinstate us in our former possessions, in our own Land and under our own government. . . ."

(„אַז ער וועט אונז ווידער איינזאַמלען פון אַלע עקן פון דער ערד, וואו מיר וועלן זיין צעשפּרייט, און אונדז צוריקאויפשטעלן אין אונדזער אַלטער נחלה אין אונדזער אייגענעם לאַנד און אונטער אונדזער אייגע־נער רעגירונג").

". . . and although we are so happily situated in this country, so much preferable to our Brethren dispersed in other parts of the world, yet we cannot perform the rites and ceremonies of our Temple service, which was only given to be observed in the holy land, and until we are again embodied and settled as a Nation, we can not comply with that part of our holy Law."

(„...און הגם מיר זיינען אין אַזאַ גליקלעכער לאַגע דאָ אין דעם דאָזיקן לאַנד, וואָס איז אַזוי פיל בעסער ווי די לאַגע פון אונדזערע ברי־דער, די צעזייטע אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט, קענען מיר דאָך נישט מקיים זיין די מצוות און דעם סדר פון דער עבודה אין אונדזער בית־המקדש, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן כדי זיי אָפּצוהיטן נאָר אין הייליקן לאַנד, און כל זמן מיר וועלן זיך נישט ווידעראַמאָל קאָנסטיטואירן און באַזעצן ווי אַ נאַציע, קענען מיר נישט אויספירן דעם דאָזיקן טייל פון אונדזער הייליקער תורה".)

אין דער דרשה פון 11טן יאַנואַר 1807 לטובת דער חברה „צדקה מתן בסתר", וואו סיישאַס דריקט אויס די האָפענונג, אַז דאָס צונויפרופן דעם סנהדרין קיין פּאַריז איז אַן אָנזאָג פון דער גאולה און אַ צייכן פון „אונדזער באַנייאונג — ווי אַ נאַציע אין אונדזער אַלטן לאַנד" (פגל. דעם פראַגמענט, וואָס מיר ציטירן אין טעקסט, ז' 139), ברענגט ער אויך אַרויס

בפירוש אַ נייעם מאָטיוו פון שיבת ציון, וואָס ער האָט פריער נישט דערמאָנט: אויפן יסוד פון דער טראַגישער היסטאָרישער דערפאַרונג פון יידישן פאָלק, איז ער נישט זיכער, צי די לאַגע פון יידן אין אַלע לענדער און אפילו אין אַמעריקע גופא איז שוין טאַקע פעסט, סטאַביליזירט:

"Let us here ask, why we have been afflicted nearly 18 centuries with so grievous a Captivity? Suffering almost every evil that can be imagined by man; driven from our own land—the Land of promise, into all parts of the habitable world, enduring the scoffs and jeers of all nations, persecuted, expelled from one country to another, tolerated in some places, only on certain conditions, subject to the caprice of an unruly populace, massacred without distinction of age or sex, of which you can not but be acquainted—are not these but melancholy truths, to be seriously reflected on? —for although we are, through divine mercy, in favor with the people of these states, yet we can not boast, of what may be hereafter, much nay, all depends on ourselves. It hath pleased God, to have cast our Lot in this happy Land and while we deserve the blessing of this providential care, we need not be afraid, of what men can do unto us."

(„לאָמיר נאָר פרעגן, פאַרוואָס זיינען מיר געקוועלט שוין כמעט אַכצן הונדערט יאָר מיט אַזאַ שווערן גלות? מיר ליידן כמעט אַלדאָס בייז, וואָס אַ מענטש קען אויסטראַכטן; פאַרטריבן פון אונדזער אייגן לאַנד, פון דעם לאַנד וואָס איז אונדז צוגעזאָגט געוואָרן, אין אַלע טיילן פון דער באַוואוינטער וועלט, זיינען מיר אויסגעשטעלט צו שאַנד און צו שפּאָט פון אַלע אומות, געראודפט און געטריבן פון איין לאַנד אין אַ צווייטן, טאָלערירט אין אַ טייל ערטער בלויז אונטער באַשטימטע באַדינגונגען, אונטערגעוואָרפן דעם קאַפּריז פון אַ צעווילדעוועטן המון; אויסגעשאָכטן אָן אַ חילוק פון עלטער אָדער געשלעכט — און אַוודאי ווייסט איר וועגן דעם אַלעם — צי זיינען דאָס נישט טרויעריקע פאַקטן, וועגן וועלכע מען דאַרף זיך ערנסט פאַרטראַכטן? וואָרום הגם מיר האָבן מיט גאָטס גנאָד געפונען חן ביי דעם פאָלק פון די דאָזיקע שטאַטן, קענען מיר דאָך זיך נישט באַרימען וועגן דעם, וואָס קאָן זיין שפּעטער, אַ סך און אפילו אַלץ ווענדט זיך אָן אונדז אַליין. עס איז געווען דער רצון פון גאָט צו וואַרפן אונדזער גורל אין דעם דאָזיקן גליקלעכן לאַנד און ווי לאַנג מיר זיינען ראוי צו דער ברכה פון דער השגחה עליונה, האָבן מיר נישט וואָס מורא

צו האָבן פאַר דעם, וואָס מענטשן קענען אונדז אָנטאָן".)

אין סוף פון דער דרשה חזרט איבער סייקסאָס דעם געדאַנק, וואָס ער האָט געהאַט אויסגעדריקט נאָך אין דער דרשה פון י. 1789, אַז יידן אין אַמעריקע טאָרן אויך נישט באַטראַכטן זיך אַנדערש ווי אין גלות:

"... praise Him for the blessings you enjoy in this land of peace, although in a captive state, and however you may view yourselves, as possessing equal rights and privileges, with the rest of its inhabitants "we are but strangers and sojourners as well as our fathers were."

(גיט אָפּ אַ שבח דעם בורא פאַר די ברכות, וואָס איר געניסט אין דעם דאָזיקן לאַנד פון שלום, הגם אין אַ מצב פון גלות; און ווי איר זאָלט זיך ניט באַטראַכטן ווי אַזעלכע, וואָס פאַרמאָגן גלייכע רעכט און פּריווילעגיעס מיט די איבעריקע באַוואוינער פון לאַנד, זיינען מיר נישט מער ווי גרים און תושבים פּונקט ווי אונדזערע אבות זיינען עס געווען".)*

ווי אַן אויספיר, דערמוטיקט סייקסאָס זיינע צוהערער מיט דער בשורה וועגן דער ישועה, זייענדיק איבערצייגט, אַז אַלע לעצטע געשעענישן אין דער וועלט זיינען מרמז אויף דער באַלדיקער גאולה, לויט ווי עס איז פאַראויסגעזאָגט אין די נבואות פון תנ"ך:

"... keep in your minds the sacred promises, we have in holy writ of our redemption and restoration as a nation to be accomplished before the end of time; examine the sacred pages, study them with attention, compare them with the present position, and judge if they are not applicable. . . ."

("נעמט זיך אין זין אַריין די הייליקע הבטחות, וואָס מיר האָבן אין די כתבי הקודש וועגן אונדזער אויסלייזונג און באַנייאונג ווי אַ נאַציע, וואָס דאַרפן מקויים ווערן באחרית הימים; פאַרשט די בלעטער פון תנ"ך, לערנט זיי אויפמערקזאַם, פאַרגלייכט זיי מיט דער איצטיקער לאַגע און אורטיילט, צי זיי האָבן נישט קיין שייכות...")

---

* אַ פּאַראַפראַזע פון פסוק אין דודס ברכה, דברי הימים א', כ"ט, ט"ו: "כי גרים אנחנו לפניך ותושבים ככל אבותינו".

ב.

וועגן זאַלקינד הורוויצס פּראָגראַם אין זיין „פאַרטיידיקונג פון יידן"

(זע ז"ז 186־187 אין בוך גופא)

זיין פּראָגראַם פון רעפאָרמען פאַר די יידן אין פראַנקרייך סומירט זאַלקינד הורוויץ * (ז' 36־42) אין די וויטערדיקע צען פונקטן: 1) דערלויבן יידן צו דערווערבן אומבאַוועגלעכע גיטער, 2) דערלויבן זיי צו פאַרנעמען זיך מיט מלאכה און לאַנדווירטשאַפט, 3) דערמוטיקן יידן, זיי זאָלן זיך באַזעצן ווי ערד־אַרבעטער אויף וויסטער ערד און זאָלן גרינדן פאַבריקן אין נייע אינדוסטריעלע צווייגן, 4) פריהייט פון האַנדל, וואָס דאָס איז אויך אַ סגולה קעגן שווינדל־עסקים און קעגן אָפּקויפן גנבות, 5) „כדי מיט אַ גרעסערער פעולה צו פאַרמינערן די דאָזיקע געלעגנהייט (פון שווינדל, — ר. מ.), דאַרף מען זיי אסרן אונטער אַ שטראָף פון בטל מאַכן (די גילטיקייט פון די קויף־אַקטן, — ר. מ.), דעם געברויך פון דער העברייאישער און פון דייטשער (געמיינט יידיש, — ר. מ.) שפּראַך און שריפט אין זייערע ביכער און אין זייערע האַנדלס־קאָנטראַקטן, סיי צווישנאַנאַנד, סיי מיט קריסטן", 6) זיי זאָלן דאָרט לערנען פראַנצויזיש, וואָס דאָס וועט ברענגען אַ טאָפּלטן נוצן: עס וועט לייכטער זיין די אויפקלערונג פון זייער התנהגות און דאָס וועט זיי מאַכן פון קינדווייז אָן היימיש מיט די קריסטן"... זיי וועלן געוואָר ווערן דורך די דאָזיקע באַציאונגען, אַז די קריסטן פאַרערן דאָס העכסטע וועזן פּונקט אַזוי ווי זיי און ממילא וועלן זיי זיך נישט מער דערלויבן בנוגע זיי דאָס אָפּנאַרן, וואָס דער תלמוד איז מתיר לגבי געצנדינער; 7) „פאַרבאָטן שטרענג זייערע רבנים און סינדיקן (פּרנסים) זיך צו אוזורפּירן די מינדסטע מאַכט איבער זייערע ברידער מחוץ דער סינאַגאָגע"... 8) נישט דערמאָנען די נאַציאָנאַליטעט אין פּסק־דינים אויף יידן פאַר פאַרברעכנס, 9) היות, יידן זיינען צוליב די חומרות פון רבנישע דינים לחלוטין נישט אימשטאַנד צו דינען אין מיליטער אויפן פראָנט, דאַרף מען זיי אַריינעמען אין דער מיליץ; דאָרט דאַרפן זיי זיך טוישן מיט קריסטן, צו דינען זונטיק אַנשטאָט שבת, 10) כדי יידן זאָלן מאַכן אַ געברויך פון די רעכט וואָס זיי וועלן באַקומען, צו פאַרנעמען זיך מיט האַנדל און אינדוסטריע, „דאַרף מען זיי פאַרבאָטן בכלל דאָס געלט לייען; מען דאַרף אויך דערקלערן פאַר בטל אַלע זייערע

* Zalkind Hourwitz, Juif Polonais, Apologie des Juifs, Paris, 1789.

תביעות לגבי מיליטערלייט, אָדער לגבי יעדער אנדערער פּערזאָן, וואָס איז נישט קיין סוחר״ — סיידן עס ווערט צונויפגעשטעלט אַן אַקט ביים נאָטאַר, וואו עס ווערט אויסגערעכנט געגוי די קוואַנטיטעט, די קוואַליטעט און דער פּרייז פון דער סחורה (למשל, עס זאָל נישט הייסן, אַז מען מאָנט מכלומרשט פאַר 20 קאָפּעלושן ביי אַ מענטש, וואָס איז ניט קיין סוחר...).

ווי אַן אויספיר פון זיין גאַר געמעסיקטן פּראָגראַם פון רעפאָרמען, דערקלערט הורוויץ און חזרט איבער בפירוש, אַז ער פאָדערט פאַר אַלע פּראָגצוויזישע יידן נישט מער ווי די דאָזיקע רעכט, וואָס עס געניסן שוין פון זיי די יידן פון באַרדאָ און באַיאָן. די השפעה פון די רעפאָרמען פון קיסר יאָזעף דעם צווייטן, וואָס הורוויץ לויבט זיי אָן אַ שיעור, באַמערקט זיך אפילו אין דער מאָטיווירונג פון פאַרבאָט צו באַנוצן זיך מיט העברייאיש און יידיש אין די געשעפטס־ביכער, דהיינו, כדי צו פאַרהיטן כל המינים שווינדל. אָבער אין זיין קנאות פון אַ משכיל — אַ רעפאָרמער, שטעלט זיך נישט אָפּ הורוויץ אפילו פאַר אַזאַ פּראָיעקט ווי גזירות אויף יידישן קרעדיט (פּונקט 10), וואָס אפילו די פאַרשטייער פון אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם איז עס נישט איינגעפאַלן צו דעקרעטירן. זיין פּראָגראַם אין דער דאָזיקער פראַגע קלינגט ווי אַ גרילצנדיקער אָנזאָג פון די פאַר־שלאָגן, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געמאַכט אין מלוכה־ראָט אין י. 1806 און פון שענדלעכן דעקרעט, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט דערנאָך, אין י. 1808. און אפשר איז עס גאָרנישט קיין צופאַל, בפרט ווען מען נעמט אין אַכט, אַז דווקא אין דער נאַפּאָלעאָנישער תקופה איז הורוויץ געווען אַ יוצא ונכנס אין די רעגירונגס־מיניסטעריומס, און אַ גאַנצער קרוב למלכות אין דער ראָלע פון אַן „אוטשאָני יעווריי״...

אין דער אויסערגעוויינלעכער באַשיידנקייט פון זיין פּראָגראַם איז הורוויץ פולשטענדיק מוותר אויף דעם רעכט פאַר יידן צו פאַרנעמען אַמטן. הגם ער מאָטיוויזירט דעם דאָזיקן פאַרציכט — פּונקט ווי דאָס אויסשליסן יידן פון מיליטער־דינסט — אויפן יסוד פון די האַרבע דינים וועגן שבת און יום־טוב, ווייזט ער אויך דערביי אָן, אַז אַזאַ באַגרענעצונג ליגט גאָר אין אינטערעס פון דער מדינה: אדרבא, אַז יידן וועלן נישט האָבן קיין שום אויסזיכטן אויף אַ באַאַמטן־קאַריערע, וועלן זיין אַריינלייגן די גאַנצע ענערגיע אין האַנדל, אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט. אויך אין דער דאָזיקער שטעלונג, פּונקט ווי אין אַלע זיינע פּראָיעקטירטע רעפאָרמען, האָבן הורוויצס השגות אין יענער תקופה, ערב דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע, נישט געגרייכט ווייטער, ווי די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע טעאָריעס פון אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם. אין תוך גייט ער נישט אַרויס פון די ראַמען פון דער דאָזיקער פּאָליטישער שיטה אפילו אין זיין פאָדערונג בטל צו מאַכן די אויטאָנאָמיע פון דער קהילה און צו

באַגרענעצן איר קאָמפּעטענץ בלויז צו ענינים פון רעליגיע און צדקה. נישט מער, וואָס ער איז על כל פנים אויף אַזוי פיל קאָנסעקווענט אין זיין מיינונג, אַז אין שייכות מיט אָפּשאַפן די אויטאָנאָמיע האָלט ער יידן פאַר באַרעכטיקט באַפרייט צו ווערן פון אַלע באַזונדערע יידישע שטייערן.

אַ ניצוץ פון אָריגינעלן געדאַנק אַנטפּלעקט דער מחבר פון דער פּרעמירטער „פאַרטיידיקונג פון יידן", בעת ער מאָלט אָן דעם צושטייער, וואָס רעפּאַרמירטע יידן זיינען אָנגעברייט צו ברענגען פאַר דער קולטור פון לאַנד. אַדאַנק זייערע ידיעות אין שפּראַכן זיינען יידן עלול אָנצוקניפּן האַנדלס-פאַרבינדונגען מיט דעם נאָענטן מזרח, מיט כינע (דורך דעם פאַרקער מיט כינעזישע יידן) און אפילו מיט די אינדזלען פון פּאַציפישן אָקעאַן, אויב מען זאָל אָננעמען פאַר באַגליבט די דערציילונגען פון ענגלישע מאַטראָסן וועגן שפּורן פון יידישקייט, אויף וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן ביי די באַוואוינער פון יענע ווייטע לענדער. דורך דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג פון תלמוד זיינען יידן באַרופן צו פאַרשפּרייטן אַ סך ליכט אויף דער קולטור פון דער אַנטיקער וועלט. ווי אַ ראיה ברענגט דער מחבר אַליין אַ ריי טרעפיקע ביישפּילן וועגן פולשטענדיקן פּאַראַלעליזם צווישן דינים און מנהגים, וואָס ווערן דערמאָנט אין תלמוד און צווישן מנהגים ביי די רוימער. פּונקט אַזוי זעט הורוויץ פאָראויס אַ ברייט פעלד פאַר יידישער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אין דער פאָרשונג פון דער געשיכטע פון יידן אין פראַנקרייך, און ווי אַן אילוסטראַציע פון דער אַלטער טראַדיציע פון יידן אין לאַנד ווייזט ער אָן אויף די נעמען פון פראַנצויזישע שטעט, וואָס ווערן געבערענגט ביי די בעלי-התוספות. עס קומט אויס, ווי דער ערשטער פאַרשטייער פון דער אַסימילאַציע-ריכטונג ביי פראַנצויזישע יידן, וואָלט אויך געהאַלטן פאַר נויטיק צו פאָרמולירן אַ פּראָגראַם פון „חכמת היהדות", ווי אַ מין רעשט פון יידישקייט, וואָס דאַרף אָפּגעהיט ווערן דורך די קומענדיקע אַסימילירטע דורות.

זיין גאַנצע מוטיקייט און ראַדיקאַליזם, וואָס זיינען געווען אי שטריכן פון זיין פּערזענלעכקייט, אי אַן אויסדרוק פון דער רעוואָלוציאָנערער יוירונג אין זיין וואוין-לאַנד, באַווייזט הורוויץ, ווען עס קומט צו רייד וועגן רעליגיע און וועגן פאַרטיידיקן דאָס יידישע פאָלק קעגן זיינע שונאים. אין דער דאָזיקער פּאָלעמיק פאַרשווינט ער נישט די הערשנדיקע קאַטוילישע רעליגיע, פּונקט ווי ער פּרוּווט נישט צו פאַרדעקן נעגאַטיווע דערשיינונגען אין לעבן פון זיין פאָלק. דעם תלמוד פאַרטיידיקט ער אויפריכטיק און מיט אַרגומענטן, וואָס לייגן זיך אויפן שכל, און נישט לויט דעם פאַסאָן פון אָפּגעריבענער אַפּאָלאָגעטיק: אויב, למשל, דער תלמוד דערלויבט צו געניסן פון אַ טעות פון אַ געצנדינער (עכ"ום —

„טעותו מותרת", בבא קמא, דף קי"ג, ע"ב), באַמערקט הורוויץ, אַז „ער איז אין דעם דאָזיקן פּרט נישט מער געוויסנהאַפט, ווי דער קאַנציל פון קאָנסטאַנץ"; מען קען נישט אַלע יידן מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר, פּונקט ווי אַלע קריסטן זיינען נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מיינונגען פון פאַנאַטישע יעזואיטן; אויב עס איז אפילו פאַראַן ביי יידן אַזעלכע, וואָס פירן זיך אויך אין דער פּראַקטיק לויט דעם דאָזיקן דין פון תלמוד, טאָר מען אָבער אויך נישט פאַרגעסן וועגן דעם אומטאָלעראַנטער באַציאונג פון קריסטן צו יידן, וואָס איז אפילו ערגער ווי צו מאַהאָמעדאַנער; „אין תוך אַריין, וואָס זאָלן זיי (יידן) זיך טראַכטן וועגן מענטשן, וואָס אונטערדריקן זיי, פאַראומווערדיקן זיי און פאַראַכטן זיי איינציק און אַליין בלויז פאַר זייער רעליגיע?"... שענדלעך איז דער עדלמאַן, וואָס צאָלט זיינע חובות מיט שטעקנס, און נישט דער ייד, וואָס כאַפּט אַריין די קלעפּ. פּונקט ווי דאָהם, האַלט אויך הורוויץ, אַז די שלעכטע מנהגים, אין וועלכע מען באַשולדיקט די יידישע סוחרים, זיינען אויך פאַרשפּרייט ביי קריסטלעכע סוחרים און אַז מען דאַרף דאָס שלעכטס אויסרוימען פון מסחר בכלל.

גאָר נישט שאַבלאָנמעסיק איז אויך דער אופן, ווי הורוויץ פּאָלעמיזירט אין דער פראַגע צי יידן זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער קרייצונג פון קריסטוס. לויט זיין מיינונג איז בויטיק אויפצוקלערן דעם קריסטלעכן המון, „אַז עס איז אוממעגלעך צו גלייבן, אַז יעזוס קריסטוס האָט מכפּר געווען אויף איין זינד פון אדם הראשון דורך אַן אַנדערן מין זינד פון אדם הראשון (העצע קעגן יידן, — ר. מ.), וואָרום אַלע מענטשן שטאַמען דאָך פון אדם הראשון"; מען דאַרף אויך אין אַכט נעמען, אַז קריסטוס האָט מוחל געווען זיינע קרייציקער, וואָס זיי האָבן אים געהרגעט, אָבער, אַחוץ דעם אַלעמען, „איז זיכער, אַז דאָס רוב יידן שטאַמען נישט פון סנהדרין, וואָס האָט געהרגעט יעזוס קריסטוס, נאָר פון דעם יידישן (פּשוטן, — ר. מ.) פאָלק, ביי וועמען ער איז געווען זייער שטאַרק אָנגענומען".

אמת, עס טרעפט זיך אויך, אַז להיפך צו זיין פאַרשטענדעניש פאַר געשיכטע, פאַלט הורוויץ אַריין אין אַ גאָר פלאַכן ראַציאָנאַליזם, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט אין זיין דור. אַזוי, למשל, אין דער פראַגע פון יידישן מנהג צו באַגראָבן דעם מת אין טאָג פון טויט, ווייזט ער צוערשט אָן ריכטיק, אַז דווקא לויטן דין פון תלמוד דאַרף מען וואַרטן מיט דער קבורה דריי טעג (שמחות, פּרק ח'), ער גיט אָבער צו צום סוף אַזאַ מאָדנע באַמערקונג: „עס איז גריילעך וואַרשיינלעך, אַז דעם דאָזיקן מערדערישן מנהג (פון באַגראָבן דעם מת תיכף נאָכן טויט) האָט איינגעפירט עפּעס אַ רב אָ פאַרסמער, כדי צו פאַרדעקן זיין פאַרברעכן, עס זאָל נישט באַוואוסט ווערן די אָרגאַנען פון גערעכטיקייט"...

אין אונטערשטן סך־הכל ענטפערט הורוויץ אויף דער פראגע פון דער אקאדעמיע, וואס פארא סיסטעם מען זאל אנווענדן כדי צו „רעגענע־רירן" די יידן, אין אזא זין: היות ווי עס זיינען לחלוטין נישט באגרינ־דעט די טענות, אז יידן זיינען דעגענערירט, האט נישט קיין זין צו ריידן וועגן דער נויטווענדיקייט צו רעגענערירן; „ממילא זייען נישט די יידן, נאר קריסטן די, וועלכע מען דארף רעגענערירן, זיי זאלן ווערן גערעכט און מענטשלעך לגבי יענע".

און דאך, נישט געקוקט אויף זיין דרייסטקייט און אומדערשראקנ־קייט אין ווארפן דער קריסטלעכער וועלט אין פנים די באשולדיקונג פאר דער אוממענטשלעכער באהאנדלונג פון יידן, האט הורוויץ, דער משכיל און עקסטרעמער אסימילאטאר, זיך נישט אפגעהאלטן פון באנוצן זיך אין זיין פאלעמיק אויך מיט אזעלכע ארגומענטן, פון וועלכע עס שלאגט דער גייסט פון ציניזם און פולשטענדיקן ניהיליזם אין דער יידישער נאציאנאלער פראגע. אמת, וואס שייך דער פראגע וועגן משיחישער האפענונג, איז הור־וויץ דווקא גאר אויפריכטיק, ווען ער דערקלערט: „אז מען וועט זיי (די יידן) געבן די רעכט פון בירגער, וועט מען דאן זען, אז זיי זיינען פראנצויזן, אזוי ווי די אנדערע אונטערטאנען פון מלוכה. אמת, זיי גלייבן נישט, אז זיי וועלן אייביק בלייבן אין די לענדער, וואס זיי באוואוינען איצט, און זיי ווארטן אויף משיחס קומען... אבער מיט נאך מער זיכערקייט דער־ווארטן זיי דעם טויט..." (פגל. מיט ז, 224 — הערה). דאס, וואס מענדעל־סאן האט אויסגעדריקט אין זיין פאלעמיק קעגן מיכאעליס מיט דער גאנ־צער פארזיכטיקייט פון א פרומען גלויביקן, דהיינו, אז דער גלויבן אין משיחן איז נישט קיין מניעה פאר א נארמאל בירגערלעך לעבן, דאס פארמולירט הורוויץ מיט איראניע, ווי אן אפיקורוס מאכט חוזק פון איינ־גלייבענישן. אבער הורוויץ האלט אויך פאר נויטיק צו פארזיכערן די קריסטן (ז' 72), אז דורכדעם, וואס זיי וועלן געבן יידן ברייטע רעכט, וועלן זיי דערפירן יידן צום פרייוויליקן, באוואוסטזיניקן שמד.

“On peut ajouter que la liberté des Juifs est le meilleur moyen de les convertir au christianisme; car, en mettant fin à leur captivité, on leur, rendra inutile Le Messie temporel qu’ils attendent; alors ils seront obligés de reconnoître Jésus-Christ comme Messie spirituel, pour pas démentir les Prophètes, qui on prédit l’arrivée d’un Messie quelconque.”

(„מען מעג נאך צוגעבן, אז די פרייהייט פון יידן איז דאס בעסטע מיטל פון איבערקערן זיי צום קריסטנטום; ווארום, מאכנדיק א סוף צו זייער גלות, ווירקט מען, אז עס ווערט איבעריק דער וועלטלעכער משיח,

אויף וועלכן זיי וואַרטן; ממילא וועלן זיי זיין געצוואונגען צו אָנערקענען יעזוס קריסטוס ווי דעם גייסטיקן משיח, כדי נישט צו אַרויסצושטעלן פאַר ליגנער די נביאים, וואָס האָבן נבואות געזאָגט וועגן דעם אָנקומען פון עפּעס אַ משיח בכלל".)

אויף אַן אַנדער אָרט (ז. 29 א. וו.) ברענגט דער זעלבער מחבר ווי אַ ראַיה, אַז משומדים זיינען צבֿועקעס דעם פאַקט, וואָס קיינמאָל האָט זיך נאָך נישט געטראָפן, אַז אַ ייד אין קאָנסטאַנטינאָפּל זאָל זיך שמדן אויף אַ קריסט, אַ ייד אין אַמסטערדאַם אויף אַ קאַטויליקער, און אין פּאַריז אויף אַ פּראָטעסטאַנט. — — — עס איז דעריבער מעגלעך, אַז אין דעם אויבן־ציטירטן פראַגמענט האָט הורוויץ נישט געהאַט קיין אַנדערע כוונה, ווי אַ טאַקטישן, הגם זייער נישט טאַקטפולן, מאַנעוור פון דער פּאָלעמיק, אַ בייעם אַרגומענט אָפּצואוועגדן די טענות פון פרומע קריסטן קעגן בירגערלעכע רעכט פאַר יידן. אַזאַ אינטערפּרעטאַציע פון הורוויצס כוונה לייגט זיך אויך אויפן שכל לויט דעם המשך פון די ציטירטע זאַצן אין גאַנצן אויפבוי פון זיין פּאַרטיידיקונגס־פּאָלעמיק. דעם ענין פון דער פּערספּעקטיוו פון יידישן שמד ברענגט ער אַרויס באַלד נאָכדעם, ווי ער ווענדט אָפּ די טענות פון פּראָסטן קריסטלעכן פאָלק וועגן דעם אחריות פון יידן פאַר דער קרייציקונג פון קריסטוס; אין דעם דאָזיקן שייכות איז מן הסתם דער ענין פון שמד נישט אַוועקגעשטעלט אַנדערש ווי היפּאָטעטיש, כדי צו פאַרשטאָפּן דאָס מויל די קעגנער פון יידישער עמאַנציפּאַציע, וואָס גייען אַרויס פון קריסטלעך־רעליגיעזע מאָטיוון, און כדי זיי צו שלאָגן דווקא מיט זייער אייגענעם געצייג. אָבער אפילו ווען מען נעמט אין אַכט די אַלע אומשטאַנדן פון דער פּאָלעמיק, איז אויך דאָס דערלויבן זיך אויף אַזאַ מין „פּשטל" כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּערזענלעכקייט און פאַר דעם וועלט־באַנעם פון „פּוילישן ייד", וואָס איז אַריינגעפאַלן אין ברויזנדיקן פּאַריז אין דער סאַמע בלי־תקופה פון וואָלטעריאַנישן ראַציאָנאַליזם און פון קאָסמאָפּאָליטיזם פון „וועלט־בירגער".

ג.

רשימה פון שטייערן פון דער קהילה מעץ, אין י. 1789

(זע די כראָניק „בעשרייבונג", ז. 92; זע ז"ז 172־197 אויבן אין טעקסט)

בעקלאַגונג [1]

...אין איין גאס איין געשראנקט. אין וועלכר בייא 2 טויזנד בארגר איין וואנר זענן. וועלכס ניכט דאז 18טן טהייל [2] איז פון דיא בארגר איין וואנר. אונ' האבן קיינע גייטעטר פיללייכט אויך ניכט דאז 100טן טהייל רייכטום פון דיא בארגר. אונ' דא בצאלע זיא דאז זעקסטן טהייל [3] פון

דעם קאפף געלד יאהרליך

	ליוור 8,297
פר (אינדיסטערי) געשיקליכקייט [4]	7,706
פר. (ווינטיעס) [5] אונ׳ בייא וואנונג	3,465
פר. (קארווע) הערע דיהנשט [6]	1,391
אויך מוזען זיא בעצאלן מיט דיא לייט פום לאנד זענן בייא 350 פאמיליע וואו דער רעגענד פון לואי XV אן דעם דעם הויז בראנקאט געגעבן האט	20,000
אן דעם פינדלינג ספעטאל	450
אן דעם אן דעם פפאר בדיהנטר [7]	200
פר קוואטיר אן דיא סאלדאטן	500
אן דעם אמט באליאש [9]	200
	42,209

דיזעס מוז יאהרליך בצאהלט ווירן זונדר דיא אנדרע בצאלונג וויא דיא שוואכהייט אין איין שולדיגקייט געבראכט האט.[9]

---

1) פעטיציע ; מעמאָראַנדום, וואָס די קהילה מעץ האָט צוגעשטעלט דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג ווי אַ ביילאַגע צו דעם „אַדרעס“ פון די יידן אין עלזאַס־לאָטאַרינגיע, אין אויגוסט 1789. דער מחבר פון מעמאָראַנדום איז ישעיה בער בינג.

2) אין מעמאָראַנדום גופא (לויט דער דייטשער איבערזעצונג, אין דער אויסגאַבע פון לאַזאַרוס בן דוד, פגל. ביבליאָגראַפיע), רעדט זיך וועגן דעם, אַז יידן באַטרעפן נישט דעם 10טן טייל פון די איבעריקע באַוואוינער פון מעץ.

3) אין מעמאָראַנדום (דאָרט) ווערט אָנגעגעבן, אַז יידן צאָלן אַ צענטן טייל פון קאָפּגעלט פון דער גאַנצער שטאָט.

4) האַנדלס־שטייער.

5) דער ווערט פון 20טן טייל פון די דירות.

6) corree.

7) אין מעמאָראַנדום (דאָרט) באַטרעפט די דאָזיקע פּאָזיציע 240 ליוור.

8) bailli.

9) דער מיין דערפון איז, אַז תחילת זיינען דאָס געווען מתנות, שפּעטער זיינען זיי געוואָרן אַ צוואַנג־אָפּצאָל, פּונקט ווי די אויסגערעכנטע שטייערן.

תפילה פון די יידן אין סונדגוי, עלזאַס, פאַר דער שטאָט מילהויזן, 1789 *

((זע ז״ז 199־203 אויבן, אין טעקסט)

תפלה שאנו מתפללין בעד שלום העיר מילהויזן בכל שבת קדש
אחר הנותן תשועה שאנו מתפללין בעד אדונינו המלך יחיה

אלהינו ואלהי אבותינו אברהם יצחק ויעקב תבוא לפניך ענייני וצרותינו אשר מצא את עמך ישראל בפתע פתאום באו השודדים עלינו ולא נשאר לנו בלתי גויתינו בעירום ובחסר כל. נפשינו היה לשלל. מי יתן ראשינו מים ועינינו מקור דמעה ונבכה יומם ולילה על שבר בת עמינו. דברת קדשך שנתת לנו על ידי משה עבדך על הר סיני קרעו ורמסו אויבינו. מי שמע או ראה כאלה אוי לנו כי שודדו אהלינו. ואתה צדיק על כל הבא עלינו. כי אמת עשית ואנחנו הרשענו. וברוב רחמיך לא עשית עמנו כלה ולא עזבתנו ונתת אותנו לחן ולחסד ולרחמים בעיני הרוזנים והסגנים חכמים ונבונים מרנים ורבנים נשים שאננות נערים ונערות של העיר המפוארה מילהויזן שלקחו אותנו תחת כנפיהם כי ראו את תלואותינו והיו לנו למחסה מכל צר הצורר אותנו. ולקחו אותנו בבתיהם ולרעיבים היו נותנים מלחמם וכסו את ערומינו והזילו מכספם ונתנו לעניי עמנו. אנא אלהינו ואלהי אבותינו אברהם יצחק ויעקב תבוא נא לפניך צדקתם ואשר נתנו לבני עמינו להחיות את נפשם. ראה נא ביושר ואמיתת לבבם. ואם לא היה העיר מילהויזן בעזרתינו לנוס שמה היינו אנחנו ונשינו ובנינו נמוקים. לכן אבינו שבשמים השקיפה ממעון קדשך מן השמים ותן להם ולנשיהם ולבניהם מטל השמים ומשמני הארץ ושלח ברכה והצלחה בכל מעשה ידיהם ויאריכו שנותיהם בנעימות בשובע שמחות ותן להם מרב טוב הצפון לצדיקים ותצילם מכל צרה וצוקה ומכל נגע ומחלה לעולם ועד ונאמר אמן.

נדפס פה באסיליאה בבתי המדפיס ווילהעלם האאס זאהן
כ׳ אלול תקמ״ט לפ״ק

* פון דער זאַמלונג דרוקן פון דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אין דער ביבליאָטעק פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק. פאַראַלעל דערצו איז אָפּגעדרוקט אַן איבערזעצונג אויף דייטש.

ביבליאָגראַפֿיע

ביבליאָגראַפיע

מיר גיבן דאָ אַן אַ רשימה בלויז פון די יעניקע ווערק, מיט וועלכע מיר האָבן זיך ממשותדיק באַנוצט אין אונדזער אַרבעט. אַ ברייטע, הגם נישט אין אַלע הינזיכטן אויסשעפּנדיקע ביבליאָגראַפיע פון דער דאָ באַהאַנדלטער תקופה וועט דער לייענער געפינען אין דעם 3־טן באַנד פון דעם באַקאַנט ווערק: Salo W. Baron, A Social and Religious History of The Jews, New York, 1937.

אַ סך ביבליאָגראַפיש מאַטעריאַל איז אָנגעגעבן אין די וואָגיקע מאָנאָגראַפיעס, וועלכע מיר ציטירן אין דער רשימה.

מיר האַלטן פאַר אַ ליבן חוב אויסצודריקן אויף דעם אָרט אַן אויפריכטיקן דאַנק די לייטונגען און באַאַמטע פון די ביבליאָטעקן אין ניו־יאָרק, וואו מיר האָבן געזאַמלט די מאַטעריאַלן פאַר אונדזער אַרבעט: Jewish Theological Seminary, American Jewish Historical Society און New York Public Library. און בפרט די חשובע דירעקטאָרן: פּראָפ. אלכסנדר מארקס, דר. יהושע בלאָך און הרב איזידאָר מייער. דעם חשובן היסטאָריקער פּראָפ. אלכסנדר מארקס קומט נאָך אַ באַזונדער דאַנק דערפאַר, וואָס ער האָט געשטעלט אין אונדזער רשות די זאַמלונג פון דער פראַנצויזישער בראָשורן־ליטעראַטור, וועלכע דער ייִדישער טעאָלאָגישער סעמינאַר האָט גראָד געהאַט דערוואָרבן, ווי אויך די רייכע זאַמלונג פון שטיכן און דרוק־בילדער פאַר דעם צוועק פון אילוסטרירן דאָס בוך; דעם חשובן געלערנטן דר. יעקב שאַצקי, וועמענס וויכטיקע צושטייערן צו דער געשיכטע פון דער דאָזיקער תקופה קומען אַרויס בווילעט אפילו בלויז לויט דער צאָל פון פּאָזיציעס אין דער ווייטער ביבליאָגראַפיע, אַ יישר כוח פאַר אַ רייע ווערטפולע ביבליאָגראַפישע ביבליאָגראַפיע.

קיצורים:

B. f. J. G. u. L.—Blätter für judische Geschichte und Literatur.

J. S. S.—Jewish Social Studies.

Maandblat—Maandblat voor de Geschiedenis ober Joden in Nederland.
M. G. W. d. J.—Monatsschrift für die Geschichte und Wissenschaft des Judentums.
R. E. J.—Révue des Etudes Juives.

ציון — ציון, רבעון להיסטוריה.
ייוואָ־בלעטער — פּעריאָדישע שריפט פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, ווילנע־ניו־יאָרק.
מעגל טוב — חיים יוסף דוד אזולאי, ספר מעגל טוב השלם, הוצאת א. פריימאַן, ירושלים, תרצ"ד.

צפון־אַמעריקע

Publications of the American Jewish Historical Society, vls. 1-39.

אחוץ די פּאַרעפנטלעכטע דאָקומענטן, צווישן וועלכע עס דאַרף באַזונדער דערמאָנט ווערן די Lyons Collection אין באַנד 27, אַנטהאַלטן די יאַרביכער פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט אַ גרויסע צאָל אָפּהאַנדלונגען, וואָס האָבן אַ שייכות בעיקר צו דער דורך אונדז באַהאַנדלטער תקופה. בפרט האָבן מיר געשעפּט אַ סך ווערטפולע ידיעות ביי די וויטערדיקע מחברים:
Leo Hühner, J. H. Hollander, George A. Kohut, Max J. Kohler, A. S. W. Rosenbach (מחבר פון דער אַמעריקאַנער יידישער ביבליאָגראַפיע אין בוך 30) David Sultzberger, Abram Kanof, Jacob I. Hartstein,
Frances Dublin, I. Rivkind, J. N. Neumann, Isidore S. Meyer, Guido Kisch, M. Vaxer, David De Sola Pool, Morris U. Schappes, Cecil Roth.

מיר האָבן זיך אויך באַנוצט מיט די וויטערדיקע ווערק:

Charles A. Beard, A History of the American Civilization, New York, 1902.
J. J. Benjamin, Drei Jahre in America, Hanover, 1862.
Isidore Blum, The Jews of Baltimore, Baltimore, 1910.
Carl Bridenbaugh, Peter Harrison, Chapel Hill, 1949.
Sanford H. Cobb, The Rise of Religious Liberty in America, New York, 1902.
B. A. Elzas, The Jews in South Carolina, Philadelphia, 1905.

H. T. Ezekiel and G. Lichtenstein, The History of the Jews in Richmond, Richmond, 1917.

Mirian K. Freund, Jewish Merchants in Colonial America, New York, 1939, Boston, 1940.

Lee M. Friedman, Rabbi Haim Isaac Carigal.

Lee M. Friedman, Jewish Pioneers and Patriots, Philadelphia, 1945.

Lee M. Friedman, Pilgrims in a New Land, New York, 1948.

L. M. Franklin, Jews in Michigan, Michigan History Magazine, XXIII, pp. 77-92.

Rudolf Glanz, Jews in Early German-American Literature, J. S. S. 4 pp. 99-120.

Rudolf Glanz, Notes on Early Jewish Peddling in America, J. S. S. 7, pp. 119-136.

רודאָלף גלאַנץ, די 25 עלטסטע יידישע קהילות אין די פאַראייניקטע שטאַטן, „ייוואָ־בלעטער", 26, ז"ז 37־47.

A. V. Goodman, The American Overture, Jewish Rights in Colonial Times, Philadelphia, 1947.

Hyman B. Grinstein, The Rise of the Jewish Community of New York, 1654-1860, Philadelphia, 1945.

Morris A. Gutstein, The Story of the Jews of Newport, New York, 1936.

Edward Frank Humphrey, Nationalism and Religion in America, 1774-1789, Boston, 1924.

Anita L. Lebeson, Jewish Pioneers in America, 1492-1848, New York, 1931.

רפאל מאהלר, יהדות אמריקה ורעיון שיבת ציון בתקופת המהפכה האמריקנית, ציון, כרך 15, עמ' 107־134.

Raphael Mahler, Jewish Emancipation, A Selection of Documents, New York, 1942.

Jacob R. Marcus, Light on Early Connecticut Jewry, The American Jewish Archives, Vol. 1, pp. 3-52.

H. S. Morais, The Jews of Philadelphia, Philadelphia, 1894.

Cecil Roth, Anglo-Jewish Letters (LXIX, LXX, LXXI, LXXVI, LXXXII), London, 1938.

David De Sola Pool, Early Relations Between Palestine and American Jewry, The Brandies Avukah Annual, Boston, 1932, pp. 536-548.

Ezra Stiles, The Literary Diary, Vol. I, New York, 1901.

Joseph F. Thorning, Religious Liberty in Transition, first series: New England, Washington, D. C. 1931.

Peter Wiernik, History of the Jews in America, New York, 1912.

S. Wolf, The American Jew as Patriot, Soldier and Citizen, Philadelphia, 1895.

פון מיטצייטלערישע בראָשורן און פּעריאָדישער ליטעראַטור האָבן מיר אויסגענוצט:

The Constitution of the State of New York together with the New York State Constitution of 1777, 1821, 1846, Albany, 1894.

געדרוקטע מקורים פון דער באַהאַנדלטער תקופה:

The Constitution of the Commonwealth of Pennsylvania, Philadelphia, 1776.

The Constitution of the Commonwealth of Pennsylvania, to which is added a report of the Committee as adopted by the Council of the Censor, Philadelphia,1784.

The Constitution of the Commonwealth of Pennsylvania, Philadelphia, 1790.

(אַלע דריי דרוקן געפינען זיך אין דער New York Public Library)

The New York Gazette & Weekly Post Boy, July 23, 30, 1770. (New York Historical Society).

Haijm Isaac Karigal, The Salvation of Israel, a Sermon, Newport, 1773. (New York Public Library).

Rev. Gershom Seixas, A Religious Discourse, New York, 1789. (געפינט זיך אין דער Historical Society of Pennsylvania, וועלכע האָט פּריינטלעך באַזאָרגט אַ מיקראָפילם).

Rev. G. Seixas, Discourse, New York, 1798. (The American Jewish Historical Society).

E. N. Carvalho, A Sermon, preached on occasion of the death of the Rev. Mr. Gershom Menoles Seixas, Philadelphia, 1816.

Jacob de la Motta, M. D. Funeral Address, pronounced in the Synagogue previous to the interment of the relics of the Rev. Gershom M. Seixas, New York, 1816.

N. Philipps, Eulogy, 1816.

(אַלע דריי הספדים אויף גרשום מ. סיישאַס געפינען זיך אין דער ביבליאָטעק פון דער American Jewish Historical Society).

אין אַרכיוו פון דער זעלבער געזעלשאַפט געפינען זיך אויך די כתב־ידן פון די נישט־פאַרעפנטלעכטע דרשות פון חזן סיישאַס; פראַגמענט פון די דאָזיקע דרשות האָבן מיר געבראַכט אין די הוספות צו דעם דאָזיקן בוך.)

ענגלאַנד

דאָס רוב ידיעות, וואָס מיר ברענגען אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען

Cecil Roth, A History of the Jews in England, Oxford, 1941.

די דאָזיקע ידיעות האָבן מיר דערגאַנצט דורך דער לעקטורע פון די ווייטערדיקע ווערק:

Charles Duschinsky, The Rabbinate of the Great Synagogue, London from 1756-1842, London, 1921.

Moses Gaster, History of the Ancient Synagogue of the Spanish and Portuguese Jews in England, London, 1901.

H. S. Q. Henriques, Jews and the English Law, Oxford, 1908.

Albert M. Hyamson, A History of the Jews in England, 2nd ed., London, 1928.

The Jewish Historical Society of England, Transactions, V. 1-14 (1895-1940), Miscellanies, V. 1-4 (1923-1942).

James Picciotto, Sketches of Anlo-Jewish History, London, 1875.

Cecil Roth, Anglo-Jewish Letters, London, 1938, pp.85-243.

J. Rumney, The Anglo-Jewish Community, The Jewish Chronicle, Dec. 1933, supplement.

L. Wolf, Essays in Jewish History, London, 1934, pp. 185-201.

אליקום ב"ר אברהם מלונדון, עשרה מאמרות, לונדון, תקנ"ד. „מעגל טוב", עמ' 30-33.

פראַנקרייך

א) ערב דער רעוואָלוציע און די תקופה פון דער רעוואָלוציע

פון דעם שלל אָפּהאַנדלונגען אין דער Révue des Etudes Juives האָבן מיר וויכטיקע ידיעות געשעפּט פון די ווייטערדיקע מחברים:

E. Ginsburger, Ad. Cremieux, H. Chobaut, Ab. Cahan, R. Anchel, P. A. Hildenfinger, M. Grunwald, J. Godechot, M. Ginsburger, J. Weill, M. Schwab.

פון אַ באַזונדערער באַדייטונג זיינען די אויסשעפּנדיקע אַרבעטן:

M. Liber, Les Juif, et la convocation des ètats généraux (Vos. 63-66).

R. Reuss, Antisémitisme dans le Bas-Rhin, pendant la Revolution 1790-1793 (Vo. 68), R. Reuss, Quelques documents nouveaux sur l'Antisémitisme dans le Bas-Rhin de 1794 à 1799 (Vo. 59).

אָפּהאַנדלונגען אין אַנדערע צייטשריפטן און באַזונדערע ווערק:

F. A. Aulard, La Société des Jacobins, V. 5, Paris, 1895, pp. 91-93, 473, 526, 584.

S. Askenazy, Napoleon a Polska, Warszawa, 1918, v. 1, pp. 110, 164, 165, 243, V. 3, pp. 66-67 (וועגן זאַלקינד הורוויץ).

S. Adler, Geschichte der Juden in Mülhausen, Mülhausen, 1914.

B. A., Mirabeau et les Juifs, L' Univers Israelite, supplement, 5 sept., 1913.

R. Anchel, Let Lettres patentes du 10 Juillet 1784, Dubnow-Festschrift, Berlin, 1930, pp. 187-200.

M. Bloch, L' Alsace Juive, Guebwiller 1907.

H. Cunow, Die Parteien der grossen französischen Revolution und ihre Presse, Berlin, 1912.

E. Ginsburger, Le Comité de surveillance de Jean Jacques Rousseau, Paris, 1934.

M. Ginsburger, Aus der Zeit des Terrorismus in Elsass, B. f. j. G. u. L., III (1902), pp. 171-176.

M. Ginsburger, Zwei unveroffentlichte Briefe von Abbè

Grégoire, Dubnow-Festschrift, Berlin, 1930, pp. 200-206.
M. Ginsburger, Cerf-Berr und seine Zeit, Zurich, 1906.
M. Ginsburger, Rechte und Pflichten eines Juden-Vorstehers in der Grafschaft Rappalstein, B. f. j. G. u. L., IV (1903), pp. 67-70.
A. Glaser, Geschichte der Juden in Strassbourg, Strassbourg, 1894.
A. E. Halphen, Récueil des lois Concernant les Israelites, Paris, 1851.
J. Jaurés, Histoire socialiste de la revolution francaise, v. 1, La Constituante, Paris, 1922.
L. Kahn, Les Juifs de Paris pendant la Revolution, Paris, 1898.
M. I. Kulisher, Vielikaya Frantzuskaya revolutsia i Yevreysky vopros, Leningrad, 1924.
S. Lacroix, Ce qu'on pensait des Juifs à Paris en 1790.
I. Loeb, Les Juifs à Strasbourg depuis 1349 Jusqu 'a la
Rèvue politique et litteraire, V. 9, Paris, 1898, pp. 417-424.
Rèvolution, Annuaire de la Societé des Ètudes Juives, Vol. 2, 1883, pp. 139-202.
I. Loeb, Statute des Juifs d' Avignon 1779, ibid. Vol. I, 1881, pp. 165-276.
L. Lowenstein, Beiträge zur Geschichte der Juden in Elsass, B. f. j. G. u. L., II (1901), pp. 18-22, 28-29, 37-38.
S. T. Lozinskyi, Zhizn Yevreyev vo Frantsii v gody ateizma i terrora (1793-1794), Yevreyskaya Lietopis, V. I, Petrograd, 1923, pp. 18-36.
M. Michaud, Biographie Universelle.
R. Mahler, Jewish Emancipation, New York, 1942, pp. 25-26, 63-80.
Malvezin, Histoire des Juifs a Bordeaux, 1875.
N. Netter, Vingt. siedes d' Histoire d' une communitè juive, Paris, 1938.
N. Netter, Die Schuldennot der jüdischen Gemeinde, Metz, 1791-1834, M. G. W. d. j., Vol. 57, pp. 591-619; Vol. 58, pp. 63-80.

S. Posener, The Social Life of the Jewish Community in France in the 18th Century, J. S. S. Vol. 7, pp. 195-232.

A. Robert, E. Bourloton, Dictionnaire des parlamentaires francais, Paris, 1891.

H. Reissner, Mirabeaus Judenpolitik, Der Morgen, v. 8, Berlin, 1932, pp. 122-130.

Ph. Sagnac, Les Juifs et la rèvolution francaise (1789-1791). Rèvue d' histoire moderne et contemporaire, v. 1, Paris, 1899, pp. 5-23, 209-234.

K. Stillschweig, Die Judenemanzipation in Licht des französischen Nationsbegriffes, M. G. W. d. j. Vol. 81, pp. 457-478.

א. בראַכמאַן, די יידן־פּראַגע אין די בורזשואַזע רעוואָלוציעס פון מערב־אייראָפּע, וויסנשאַפט און רעוואָלוציע, נר׳ (8), קיעוו, 1936, זז. 83־104.

ב. דינבורג, ספר הציונות, כרך א.

א. טשעריקאָווער, די פראַנצויזישע רעוואָלוציע און יידן, יידן אין פראַנקרייך, ייוואָ, ניו יאָרק, 1942, בד׳ 1, זז. 109־152.

א. טשעריקאָווער, די יידישע אַקציעס פאַר רעכט בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דאָס זעלבע ווערק, בד. 2, זז. 7־55.

י. שאַצקי, אַ יידיש וואָכנבלאַט אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ייוואָ־בלעטער, סעפּט. 1931, זז. 49־72.

פון דער רייכער זאַמלונג פון דער פּאָליטישער ליטעראַטור פון יענער תקופה וועגן דער יידן־פראַגע, וואָס געפינט זיך אין דער ביבליאָטעק פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק, האָבן מיר באַנוצט די ווייטערדיקע שריפטן:

d(e) C (loots) d(u) V(al) d(e) G(race) B(aron), Lettre sur les Juifs a' un Ecclesiastique de mes Amis. Berlin, 1783.

Lettres Patentes du Roi, Partout reglement concernant les Juifs d'Alsace du 10 Juillet 1784, Colmar 1784.

Abbè Grégoire, Essai sur la regeneration physique, morale et politique des Juifs, Metz, 1789.

Abbe Grégoire, Motion en Faveur des Juifs, Paris, 1789.

Zalkind Hourwitz, Juif Polonais, Apologie des Juifs, Paris, 1789.

Adresse presentée à 1' Assemblèe Nationale le 31 Aout 1789 par le dèputès réunis des Juifs établis a Metz, dans les trois.

Evèchès, en Alsace et en Lorraine, Paris, 1789.

Requéte a Nosseigneurs les Etats Gènèraux en Faveur des Juifs, 1789.

Opinion de M. le Comte Stanislas de Clermont-Tonnerre déjputè de Paris, 23 Decembre, 1789.

Opinion de M. Rabaut de Saint-Etienne, sur la motion suivante de M. le Comte de Castellane, Versailles, 1789.

Pètition des Juifs établie en France, Adressee à l'assemblèe nationale le 28 Janvier 1790 sur l'ajournement du 24 Decembre 1789, Paris, 1790.

Adresse de l'Assemblèe des Representants de la Commune de Paris à l'Assemblèe Nationale, sur l'admission des Juifs à l'Ètat Civil, Paris, 1790.

Nouveau Mèmoire par les Juifs de Luneville & de Sarguemines Presenté à l'Assemblèe Nationale le 26 Fevrier 1790.

Pflieger, Reflexions sur des Juifs d'Alsace, Paris.

Adresse des Juifs Alsaciens au Peuple d'Alsace, Fevrier 1790.

De Laissac, Capitaine au Regiment de Limosin, Lettre à M. le Chapelliet, membre de l'Assemblèe Nationale pour demontrer — les raisons — à admettre les Juifs — aux droits de citoyens, Paris, 1790.

Requète des Marchands, et Negociants de Paris, contre l'Admission des Juifs, Paris, 1790.

Lettre Ècrite à M. Schwendt par M. M. les Marie & Officiers Municipaux de la ville de Strassbourg, le 8 Avril 1790.

„המאסף“, שנת תקמ״ט, עמ׳ שס״ה־שע״ב; שנת תק״ן, עמ׳ ל־ל״ב; קפ״ז־קפ״ח; שנת תק״ע, עמ׳ מ״ח־ס״א.

תפילה שאנו מתפללין בעד שלום העיר מילהויזן, באסיליאה, כ׳ אלול תקמ״ט לפ״ק.

אברהם בכ״ה געטשליק שפייאר שמש ז״ל, בעשרייבונג פון דער פערענדרונג אודער אויף רואהר אין פראַנקרייך וואו מאן נענט רעוואָליסיאהן פון פאַריז דיא קאפּיטאל, מעטץ, תק״ן.

דערזעלבער, „צייטונג“.

א סך שטריכן וועגן קולטור־לעבן פון יידן אין פראַנקרייך פאַר דער רעוואָלוציע גיט דער באַרימטער נסיעה־באַריכט: חיים יוסף דוד אזולאי, מעגל טוב השלם, הוצאת פריימן.

ב) די תקופה פון נאַפּאָלעאָן

דאָס גרונטלעכסטע און אויסשעפּנדיקסטע ווערק וועגן דער דאָזי־קער תקופה, דערביי געשטיצט אויף אַרכיוו־פאָרשונגען, איז: Robert Anchel, Napoleon et les Juifs, Paris, 1928.

די דעקרעטן וועגן יידן ווי אויך די פּראָטאָקאָלן פון די פאַרהאַנד־לונגען פון דער נאָטאַבלען־פאַרזאַמלונג און פון פּאַריזער סנהדרין, געפינען מיר ביי:

A. E. Halphen, Recueil des lois etc. Paris, 1851.

Diogène Tama, Collection des procés verbaux et decis du grand Sanhedrin, Paris, 1808.

ווייטערדיקע ליטעראַטור, וואָס מיר האָבן אויסגענוצט:

J. I. Carmi, All' Assemblea ed la Sinedrio di Parigi, Lettere. Reggio nell' Emilia 1905.

M. Grunwald, Die Feldzüge Napoleons. Nach Aufzeichungen Jüdischer Teilnehmer und Augenzeugen, Wien, 1913.

M. Grunwald, un Juif Fournisseur militaire de Napoleon Ier, R. E. J., 57, pp. 79-92.

E. Klibansky, Les Juifs de Francfort et le grand Sanhedrin, R. E. J. 84, pp. 96-99.

Levi, Napolèon Ier et le grand Sanhedrin, R. E. J. 28, pp. 265-279.

M. Liber, Napoléon Ier et les Juifs, R. E. J. 71, pp. 127-147, ibid. 72, pp. 1-23, 135-162.

S. Posener, The Immediate Economic and Social Effects of the Emancipation of the Jews in France, J. S. S. vol. 1 (1939), pp. 271-326.

S. Posener, Les Juifs sous le premier empire, R. E. J. 93, pp. 192-214, ibid 94, pp. 157-166.

Poujol, Quel'ques observations concernant les Juifs en gènèral et — ceux d'alsace, Paris, 1806.

P. Sagnac, Napoléon Ier et les Juifs, Rèvue d'Histoire moderne et contemporaine, V. 2, pp. 461-484, 595-626, 3, pp. 461-492.

Sulamith, Jhrg. 2, Bd. 2, Heft 4 (1809), pp. 279-292.

(מאמר עברי מאת המשכיל ווידערסהיים הבכור מהאגנוי על מצב היהודים באלזאס.)

Z. Szajkowski, The Growth of the Jewish Population of France, J. S. S., Vol. 8, pp. 179-187.

יהודה רוזנטאל, תשובות ר' ישמעאל, רבה של מודינה, על י"ב השאלות של הקיסר נאפוליאון, תלפיות, כרך ד', ע' 565-587.

האָלאַנד

H. I. Bloom, The economic activities of the Jews of Amsterdam in the 17th and 18th centuries, Williamsport, Pa., 1927.

E. Baasch, Hollandische Wirtschaftsgeschichte, Jena 1927.

N. de Beneditty, Leven en Werken van Mr. Jonas Daniel Meyer, Haarlem, 1925.

E. Boekman, Demographie van de Joden in Nederland, Amsterdam, 1936.

H. Brugmans en A. Frank, ed., Geschiedenis der Joden in Nederland, Vol. 1, Amsterdam, 1940.

J. I. Carmi, op. Cit., pp. 100-101, 146.

H. I. Colenbrander, De Bataafsche Republiek, Amsterdam, 1908.

L. Fuks, Van Poerimspelen tot Poerimkranten, Maandblat 1, 5708, No. 6-7, pp. 162-176.

Hartog, Uit de Dagen der Patrioten, c. 4 De Joden in het eerste Jaar der Bataafsche Vrijheid, pp. 195-238, Amsterdam, undated.

H. Italie, De Emancipatie der Joden in 1796, Amsterdamsche Jaarboekje, 1897, pp. 86-101.

H. Italie, Over de Societeit Felix Libertate, Oud Holland, v. 16 (1898), pp. 51-62, 79-92, 147-167.

J. Koenen, Geschiedenis der Joden in Nederland, Utrecht, 1843.

J. Kulischer, Allgemeine Wirtschaftsgeschichte, V. 2, Neuzeit, Munchen, 1929.

R. Mahler, Jewish Emancipation, New York, 1942.

I. Maarsen, De Responsa als Bron voor de Geschiedenis der Joden in Nederland, Bijdragen en Mededaelingen van het

Genootschap voor de Joodsche Wetenschap in Nederland, V. 5 (1933), pp. 118-146.

I. Mendes, De Joodsche Gemeente te Groningen, Groningen, 1910.

Nieuw Nederlandsch Biografisch Woordenboek.

H. Peyster, Les troubles de Hollande à la veille de la révolution francaise 1780-1795, Paris, 1905.

Helena Poppers, De Joden in Overijsel, Amsterdam, 1926.

S. Pozner, Otcherki po istorii zapadno-yevropeyskikh yevreyev v natchalie 19. Veka. Voskhod Nov. 1904, pp. 37-54, Oct. 1905, pp. 76-104.

S. Seeligman, Die Juden in Holland, Simonsen-Festschrift, ,1923, 255 ff.

Idem, De Emancipatie der Joden in Nederland, Amsterdam, 1913.

Idem, Over de verhouding tusschen Joden en niet-Joden in de republik der Vereenigde Nederlanden, 17-18eeuw, Amsterdam, 1922.

Idem, Het Nederlandsche zeewezen en de Amsterdamsche Joden in her einde der 18e eeuw. Centralblad voor Israelieten in Nederland, Vol. 16, No. 36.

Idem, Het geestelijk leven in the Hoogdeutsche J. G. te s' Gravenhage, S' Gravenhage, 1914.

J. S. da Silva Rosa, De bezeken van Gacham Azulay aan Nederland in de tweede Helft der 18 de eeuw. Overdruk uit het Vrijdagavond 1 en 8 April 1927.

Idem, Geschiedenis der Portugeesche Joden te Amsterdam, Amsterdam, 1925.

D. M. Sluys, Bijdragen tot de geschiedenis van de Poolsch Joodsche Gemeente te Amesterdam, Bijdragen etc, v. 3, Amsterdam, 1925, pp. 138-158.

Idem, Het Reglement van de Adath Jeschurun, ibid, v. 5, 1933, pp. 89-90.

M. Wolff, De Houding der Joden in Holland in den Strijd tusschen Oranjegezinden en Patrioten, Bijdragen v. vad. Geschiedenis, 1907, pp. 430-470.

Idem, De Beteekenis der Regeering van Lodewijk Napoleon

voor de Joden van Nederland, ibid, 1920, pp. 51-110.
Idem, De Geschiedenis der Joden te Haarlem, Haarlem, 1917.
D. S. Zuiden, De Hoogduitsche Joden in s' Gravenhage, s' Gravenhage, 1913.
Jac. Zwarts, De Joodsche Gemeente van Amersfoort, Amersfoort, 1927.
Idem, Hoofdstukken uit de Geschiedenis der Joden in Nederland, Zutphen, 1929.
ח. י. ד. אזולאי, מעגל טוב השלם, הוצאת פריימן.
שלום באראָן, משה כהן בעלאינפאנטע, אַ משכיל פון נאַפּאָלעאָנס צייטן, ייוואָ־בלעטער, בד' 13 (1938), ז"ז 429־459.
חיים דוב פרידברג, תולדות הדפוס העברי בערים האלה באירופה: אמסטרדם וכו', אנטוורפיה, 1937.
יצחק ריבקינד, אַ קלאָג־ליד אויפן קאַלטן ווינטער פון יאָר 1784, דער פנקס, בד' 1, נר' 3, ניו יאָרק, 1928, זז. 193־199.
י. שאַצקי, די לעצטע שפּראַצונגען פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור אין האָלאַנד, ייוואָ־בלעטער, בד' 10 (1936), זז. 232־265; דראַמע און טעאַטער ביי די ספרדים אין האָלאַנד, דאָרט, בד' 16, זז. 135־145; חזנים און חזנות אין האָלאַנד, דאָרט, בד' 17, זז. 146־156; פורים־שפּילן און לצים אין אַמסטערדאַמער געטאָ, דאָרט, בד' 19, זז. 212־220; טעאַטער־פּאַרוויילונגען ביי די אשכנזים אין האָלאַנד, דאָרט, בד' 21, זז. 302־322.
י. שאַצקי, „דער דיסקוהרש", פּרעסע־זאַמלבוך צום 250סטן יובל פון דער יידישער פּרעסע, ניו־יאָרק, 1936, זז. 20־106.

מיטצייטלעכע ליטעראַטור:

דיסקוהרש (אין דער ביבליאָטעק פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק).
צבי הירש מאילפעלד, דברי נגידים, אמשטרדם, תקנ"ט.
David Friedrichsfeld, De Messias der Jooden of Republikeinsche gevoelens over denzelben, Haag, 1796. (יידישער טעאָלאָגישער סעמינאַר אין ניו־יאָרק).

איטאַליע

די פּערטל־יאָר שריפט פון די יידן אין איטאַליע, La Rassegna Mensile di Israel, בד' 1־12 (1925־1937), אַנטהאַלט צענדליקער אָפּהאַנדלונגען וועגן דער געשיכטע פון איטאַליענישע יידן אין דער

תקופה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און פון נאַפּאָלעאָן: צוליב דוחק אין פּלאַץ וועלן מיר אויך דאָ זיך באַגנוגענען מיט אָנגעבן די נעמען פון די מחברים:

E. Sereni.

Magrini, F. Luzzatto, A. Toaff, B. Terracini, G. Sonnino, Colorni, S. Schaerf, Cecil Roth, A. Ottolenghi, A. Milano, S. E. Loevinson, Giorgina Levi, N. M. Gelber, R. Curiel, V. G. Castelbolognesi, Roberto Bachi, Riccardo Bachi, Es. Artom,

די אַלע פאָרשונגען זיינען אויסגענוצט געוואָרן דורך: Cecil Roth, History of the Jews of Italy, Philadelphia, 1946.

